STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06994

GYU DE MOPASAN'S GEZAMELTE VERK

Guy de Maupassant

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גיי דע מאָפּאַסאַן'ס

געזאַמעלטע ווערק.

ערצעהלונגען ־

1. פּיער און זשאַן. 2. א י ו ע ט א.

איבערזעצט פון

לעאָן קאָברין.

XI.

ארויסגעגעבען פון „פּאָרווערטס“
175 איסט בראדוויי, ניו יארק
1919

פּיער און זשאַן

פיער און זשאַן.

1.

דער טייפעל זאָל עס נעהמען! — האָט פּלוצים אויסגערופען דער אַלטער ראָלאַנד, וועלכער איז זייט אַ פיערטעל שעה געזעסען אונבעוועגליך מיט די אויגען אין וואסער איינגעגעסען און פון צייט צו צייט אַ ציה געטהאָן זיין האַטשעק, וואָס זיין שנירעל איז מיעף אין וואסער פערזונקען.

מאַדאַם ראָלאַנד איז געזעסען הינטען אין שיף נעבען מאַדאַם ראָזעמיללי, וועלכע איז איינגעלאַדען געוואָרען צו פאָהרען מיט זיי פיש כאַפּען. איצט האָט זי זיך די ערשטע אויפגעכאַפּט, אַ קעהר געטהאָן דעם קאָפּ צו איהר מאַן און געפרעגט:

— וואָס איז דער מעהר, דזשעראָם?

דער אַלטער האָט געענטפערט בייז:

— עס כאַפּט זיך ניט, פון מיטאָג אָן האָב איך קיין איין פיי־שעל ניט געכאַפּט! כאַפּען פיש זאָל מען נור געהן מיט מענער, די פרויען זיינען אימער שולדיג אין דעם, וואָס מען פאָהרט ארויס צו שפּעט.

זיינע זיהן, פּיער און זשאַן, וועלכע זיינען געזעסען מיט די פיי־שער־שטריקלאַך אויף די צייג־פינגער ארומגעבונדען, האָבען ביידע צוגלייך גענומען לאַכען און זשאַן האָט בעמערקט:

— דאָס איז אָבער ניט העפליך אנטקעגען אונזער גאַסט, פּאַפּאַ!

הערר ראָלאַנד איז געוואָרען צומישט און האָט זיך ענטשול־דיגט.

— איהר מוזט מיר ענטשולדיגען, מאַדאַם ראָזעמיללי, איך בין שוין אַזאַ מענש. איך לאַד איין פרויען, ווייל איך האָב ליעב זייער

גענעלשאפט, אבער קוים זעה איך אונטער זיך דאס וואסער, דאן פערגעס איך אן דער גאנצער וועלט און טראכט נור פון די פיש.

מאדאם ראלאנד האט זיך איצט אין גאנצען אויסגעטשוכעט און מיט ענטציקענדע אויגען געקוקט אין דער ווייטער ווייטקייט, וואו דער ים האט זיך אויסגעצויגען. זי האט געמורמעלט:

— איהר האט פון דעסטוועגען געכאפט א שעהן ביסעל פיש.

אבער איהר מאן האט געשאקעלט מיט'ן קאפ און דערביי א קוק געטהאן פול ליעבע אויפ'ן קארב, וואו עס האבען זיך נאך גע־צאפעלט די פיש, וועלכע די דריי מענער האבען געכאפט. פון דארט האט זיך געטראגען א דומפפער גערויש, א קלאפען און א ווארפען זיך: דאס האבען די פיש זיך אזוי געצאפעלט און שווער איינ־געצויגען אין זיך די טויטליכע לופט.

דער אלטער ראלאנד האט אריינגענומען דעם קארב צווישען די קניע, איהם אויסגעבויגען אזוי, אז דער גאנצער הויפען פיש, וואס האט ווי זילבער געגלאנצט, איז ארויפגעקראכען פון אויבען און מען האט געקענט זעהן די, וואס זיינען פון אונטען געלעגען. דאס צאפלעניש איז געווארען נאך גרעסער און פון אונטען, פון דעם געפאקטען קארב, האט א זעץ געטהאן א פרישער, געזונדער ים־גערוך.

דער אלטער פישער האט איהם איינגעזויגען אין זיך מיט פולע לונגען, א שטייגער ווי מען שמעקט ראזען, דאן האט ער בע־מערקט:

— אך, זיינען זיי פריש, א מחיה!

דערנאך האט ער געפרעגט:

— וויפיעל פון זיי האסטו געכאפט, דאקטאר?

פיער, זיין עלטערער זוהן, א מאן פון א יאהר דרייסיג, מיט שווארצע, קורץ־געשארענע באקענבארדען, ווי די בעאמטע פלע־גען טראגען, האט געענטפערט:

— אך, ניט פיעל! דריי אדער פיער.

דער פאטער האט זיך געווענדעט צום איינגערען:

— און דו, זשאן?

זשאן, א הויכער, בלאנדער יונג, מיט א גרויסער בארד, א סך איינגער פון זיין ברודער, האט א שמייכעל געטהאן און געזאגט:

— כמעט אזוי פיעל, ווי פיער. פיער אדער פינף שטיק.

יעדעס מאָל האָבען זיי געזאָגט דעמזעלבען ליגען, און דער אַל־טער ראָלאַנד איז דערפון געווען אויפ'ן זיבענטען הימעל.

ער האָט אָנגעבונדען זיין האַטשעק ארום א רודער, פאַרלייגט די הענד איינע אויף דער אַנדערער און געזאָגט:

— איך טהו עס מעהר קיין מאָל נים; נאָך מיטאָג געה איך מעהר נים פישען. נאָך צעהן א זייגער איז אַלעס אוים. די חברה לאָזט זיך דאן נים כאַפּען, איצט ליגען זיי געגען דער זון און רוהען.

און ער האָט געוואָרפען א בליק אויף דעם ים ארום זיך מיט אזא מינע, ווי ער וואָלט זיין אייגענטהום געווען.

דער אַלטער ראָלאַנד איז פריהער געווען א יובעליר אין פּאריז, אָבער זיין ליידענשאַפט צו פאָהרען אויף א שיף און צו כאַפּען פיש, האָבען איהם געפיהרט דערצו, אז ער זאָל אויפגעבען זיין געשעפט אזוי ניך, ווי ער האָט אָבגעשפּאָרט א ביסעל געלד, וועלכעס האָט איהם פערזיכערט א שטיל, רוהיג לעבען.

ער איז אוועק צוריק קיין האַווער, האָט דאָרט געקויפט א שי־פעל און איז געוואָרען א פישער. זיינעביידע זיהן, פּיער און זשאַן, זיינען געבליבען אין פּאַריז, און האָבען דאָרט געענדיגט זייער שטודיום, און נור פון צייט צו צייט זיינען זיי אויף די וואַ־קיישאַנס געקומען צו זייער פאָטער און צוזאַמען מיט איהם גע־ספּאָרטעוועט אויפ'ן וואַסער.

ווען פּיער, וועלכער איז געווען מיט פינף יאָהר עלטער פון זשאַן, האָט געענדיגט די גימנאַזיע, האָט ער זיך מיט ענטהוזיאַז־מוס א נעהם געטהאָן צו שטודירען א פּראָפעסיאָן. ער האָט פּרו־בירט אודאי זעקס איינע נאָך דער אַנדערער, אָבער זיי זיינען איהם שנעל איבערדריסיג געוואָרען און ער האָט זיי געוואָרפען און געזוכט אַלץ נייע פּלענער.

צום סוף האָט ער זיך אָבגעשטעלט אויף מעדיצין און זיך מיט אזא ברען גענומען קוועטשען די באַנק, אז ער האָט געקראָגען א ספּעציעלע ערלויבניס פונ'ם מיניסטעריום צו האַלטען עקזאַמען פריהער פון דער געוועהנליכער צייט און האָט בעקומען זיין דאָק־טאָר־טיטול. ער איז געווען קלוג, האָט זיך פאַר אַלעס בעגייס־טערט, אָפט געביטען זיינע מיינונגען און איז אימער געווען פול מיט פּלענער און פילאָזאָפישע אידעען.

זשאַן איז געווען פונקט אזוי בלאָנד, ווי זיין ברודער שוואַרץ,

אזוי געזעצט ווי זיין ברודער אויפגערעגט, אזוי נאכגעביג ווי זיין ברודער פערביסען. ער האט זיך רוהיג געשטודירט אלס אדוואָ־קאַט און געענדיגט אין איין צייט מיט פיער'ן. איצט האָבען זיי ביידע זיך אויסגערוהט אין דער היים און ביידע האָבען אין זי־נען געהאט זיך צו בעזעצען אין האווער און דאָרט פּראַקטיצירען.

אָבער אַן אונבעשטימטע אייפערזוכט, עפּעס א מין פערשטיק־טע פיינדשאַפט איז אימער געלעגען צווישען זיי. איינער פון יענע בייזע געפיהלען, וואָס וואַקסען טיעף אין די הערצער צווישען ברי־דער אָדער שוועסטער און וואָס רייפען לאַנגזאַם ביז זיי ברעכען זיך דורך ביי א געלעגענהייט, ביי א חתונה פון איינעם פון זיי אָדער עפּעס א גליק, וואָס פּאַסירט מיט אַן אַנדערען. זיי האָבען זיך אפילו ליעב געהאט, אָבער זיי האָבען ניט געגלויבט איינער דעם צווייטען. פּיער, וועלכער איז אַלט געווען פינף יאָהר, ווען זשאַן איז געבאָרען געוואָרען, האָט שוין דאַן מיט דער פיינדשאַפט פון א קליין פערצערטעלט קינד געקוקט אויף דעם קליין נפש'ל, וועלכער האָט זיך פּלוצים ביי פאָטער און מוטער אין די אָרעמס בעוויזען און וועמען זיי האָבען אזוי פיעל ליעבע געשענקט.

זשאַן איז פון קינדווייז־אויף געווען א מוסטער פון ווייכהער־ציגקייט, גוטסקייט און רוהיגען כאַראַקטער, אָבער פּיער, וועלכער האָט נאָכאַנאַנד געהערט לויבענדיג דעם דיקען איינגעל, איז מיט דער צייט געוואָרען פערביטערט. זשאַן'ס ווייכהערציגקייט האָט אין זיי־נע אויגען אויסגעזעהן ווי שוואַכקייט, זיין גוטסקייט ווי נאַריש־קייט, זיין גוטמוטהיגקייט ווי אונוויסענהייט. די עלטערען, איינ־פאַכע, רוהיגע מענשען, וועלכע האָבען פאַר זייערע זיהן געהאָפּט אויף א שטענדיגע מיטעלמעסיגע שטעלונג אין לעבען, האָבען פיער'ן אויפגעוואָרפען זיין אונבעשטענדיגקייט, זיין בעגייסטערונג, אַלע זיינע ניט־געלונגענע פערזוכען, זיינע פאַנטאַסטישע אידעען, זיין נייגונג צו עטוואָס בעזונדערעס, ניט געוועהנליכעס.

זייט ער איז אויפגעוואַקסען, האָט מען שוין מעהר צו איהם ניט געזאָגט: „דו, קוק זיך אָקאָרשט צו צו זשאַן'ען, פון איהם קענסטו עפּעס לערנען". אָבער ער האָט געהערט ווידער און אָבער: „זשאַן האָט דאָס געטהאָן און זשאַן האָט יענעס גע־טהאָן", און ער האָט גאַנץ גוט פערשטאַנען, וואָס דאָס מיינט.

זייער מוטער, א רוהיגע, געזעצטע, שפּאָרזאַמע, עטוואָס סענ־

טימענטאלע בידנער־פרוי, האט נאכאנאנד געמוזט בערוהיגען די קליינע איפערזיכטיגקייטען, וואס זיינען טאג־טעגליך אויסגעבראכען צווישעןביידע ערוואקסענע זיהן פאר יעדע אונבעדייטענדע קלייניגקייט. אבער דא האט א קליינע פאסירונג איהר רוה צו־שטערט און זי האט גענומען מורא האבען פאר אן ערנסטע קריעג צווישען ביידע קינדער. דורכ'ן ווינטער, ווען פיער און זשאן האבען געהאלטען אין עטריגען זייער שטודירען, איז זי בעקאנט געווארען מיט א שכנה, מאדאם ראזאמיללי, די אלמנה פון א שיפס־קאפיטאן, וועלכער איז געשטארבען אויפ'ן ים מיט צוויי יאהר צוריק. די דאזיגע יונגע אלמנה — זי איז ערשט אלט געוועז דריי און צוואנציג יאהר — האט גאנץ ווייניג געוואוסט פונ'ם לעבען, זי האט איהם נור געקענט, ווי א חיה, מיט איהר אינסטינקט. אין דער לעצטער צייט האט זי זיך איינגעוואוינט אריינצוקומען צו איהרע שכנים יעדען אבענד מיט עפעס א האנד־ארבייט און דארט פערברענגען א ווײלע ביי א גלאז טהיי.

דער אלטער ראלאנד, וועלכער האט אזוי ליעב געהאט דעם ים, האט אויסגעפרעגט די נייע פריינדין וועגען איהר פערשטארבענעם מאן, דעם קאפיטאן, און זי האט אהן צערעמאניעס דערצעהלט פון איהם, פון זיינע רייזען, פון די פערשיעדענע פיקאנטע פאסירונגען, וואס האבען מיט איהם געטראפען. זי האט גערעדט איינפאך, ווי אן אנשטענדיגע פרוי, וועלכע האט אנגענומען איהר שיקזאל פאר ליעב, הגם זי האט ליעב געהאט דאס לעבען און געאכטעט דעם טויט.

ווען ביידע זיהן זיינען געקומען אהיים און דארט געטראפען די שעהנע אלמנה, האבען זיי גלייך גענומען מיט איהר ראמאנסירען, ניט אזוי פיעל אום איהר צו געפעלען, ווי צו שטערען איינער דעם אנדערען.

זייער פראקטישע, פארזיכטיגע מוטער האט זעהר געוואלט, אז איינער פון זיי זאל ארויס דער זיעגער, ווארים די יונגע פרוי איז געוועזען רייך, אבער אין דער זעלבער צייט האט זי אויך געוואונשען, אז דעם אנדערען זאל עס ניט פערשאפען קיין הארצוועהטאג.

פרוי ראזעמיללי איז געוועזען בלאנד, האט געהאט בלויע אויגען און ביי דעם קלענסטען ווינטעל זיינען איהרע געקרייזטע האר געווארען צושויבערט. זי האט אויסגעזעהען עטוואס ארויספאדע־

רענד און געוואגט, וואס האט זיך גארניט געפאסט מיט איהר רוהי־גען און קלוגען ארט דענקען.

ווי עס האט געשיינט, איז איהר זשאן בעסער געפעלען, ווייל זיי זיינעןביידע געווען עהנליך אין כאראקטער. אבער זי האט עס זעהר ווענינ ארויסגעוויזען, נור ווען־ניט־ווען האט מען עס גע־קענט בעמערקען אין איהר טאן, אין דעם אויסדרוק פון איהר פנים און אין דעם, וואס זי האט אפט געהאט דיזעלבע מיינונג, וואס ער. עס האט געשיינט, אז זשאן'ס מיינונגען האבען איהרע אייגענע נאך שטארקער געמאכט, בעת מיט פיער'ן האט זי זיך תמיד ארומ־געריסען. זיין וועלט־אנשויאונג, זיינע מיינונגען וועגען פאלי־טיק, קונסט, פילאזאפיע, מאראל האבען ביי איהר אויסגעזעהען משונה'דיג און זי האט זיי מיט א שמייכעל גערופען: „דעם דאק־טאר'ס אידעען", און פיער האט דאן געקוקט אויף איהר מיט דעם קאלטען בליק פון א פילאזאף, וועלכער בעטראכט די פרויען — אלע פרויען — אלס קליינליכע, שוואכע בעשעפענישען.

איידער די זיהן זיינען געקומען אהיים, האט דער אלטער ראָ־לאנד קיינמאל ניט איינגעלאדען די יונגע אלמנה צו פאהרען מיט איהם כאפען פיש. אפילו זיין אייגענע פרוי איז אויך קיינ־מאל מיט איהם ניט מיטגעפאהרען, ווייל ער פלעגט אימער ארויס־פאהרען פארטאג מיט דעם קאפיטאן בעזירע, וועלכען ער האט א מאל געטראפען אין האפען און איז מיט איהם נאהענט בע־פריינדעט געווארען; אלס דריטער איז געווען דער אלטער מאטראז פאפאנרים, אדער מיט זיין צונעמעניש זשאן די־באַרד, וועלכער האט זיך אונטערגענומען צו פיהרען די שיפעל.

אבער איינמאל אין אן אבענד לעצטע וואך, ווען מאדאם ראָ־זעמילי איז ביי זיי געזעסען, האט זי פלוצים בעמערקט: „דאס פישען מוז זיין זעהר אנגענעהם", און דער אמאליגער יובעליר האט זיך געפיהלט געשמייכעלט און געענטפערט:

— ווילט איהר אפשר מיטקומען?

— מיט פערגעניגען.

— נעכסטען דיענסטאג?

— גוט, נעכסטען דיענסטאג.

— זייט איהר אבער בערייט ארויסצופאהרען מיט אונז פינף א זייגער אין דער פריה?

זי האָט צושראָקען א געשריי געטהאָן:

— ניין, ניין! אויף קיין פאַל ניט!

ער איז געוואָרען ענטמוטיגט און גלייך בעדויערט, וואָס ער האָט זי איינגעלאַדען. דאָך האָט ער געפרעגט:

— אלזאָ, ווען קענט איהר יאָ ארויסקומען?

— ארום ניין.

— ניט פריהער?

— ניין, ניט פריהער, דאָס איז שוין פאר מיר זעהר פריה.

דער אלטער האָט זיך פארטראכט. קיין פיש וועלען זיי דאָן שוין ניט קענען מעהר כאַפּען, דען ווען די זון ברענט, בייסען די פיש ניט אָן. אָבער ביידע ברידער האָבען אָנגעווענדעט אַלע מעגליכקייטען און ווי עס איז איינגערעדט דעם פאָטער, אַז אַלע צו־זאַמען זאָלען ארויספאָהרען אויף זיין שיפעל.

און דעם קומענדען דיענסטאג האָט די „פערל" פאַרוואָרפען איהר אַנקער הינטער די ווייסע פעלזען פון קייפ דע לאַ העווע; זיי האָבען געפישט ביז צום מיטאָג, אָבער אָהן ערפאָלג. דאָן א ווייל‏ע געשלאָפען, דאָן ווידער געפישט, אָבער אָהן ערפאָלג. דאָן ערשט האָט דער אלטער ראָלאַנד זיך געכאַפּט, אַז פרוי ראָזעמילי לימערט זיך ווייניג וועגען די פיש, אַז איהר אינטערעסירט בלויז דאָס דורכפאָהרען זיך איבער'ן ים, און ווען ער האָט איינגעזעהען, אַז זיין האַטשיק בעוועגט זיך ניט, האָט ער אין אַן אונגעדולדיגער מינוט אויסגערופען: „דער טייפעל זאָל עס נעהמען!" וועלכער האָט זיך בעצויגען אי אויף דער גלייכגילטיגקייט פון דער אַלמנה, אי אויף די פיש, וועלכע לאָזען זיך ניט כאַפּען. דערנאָך האָט ער בעטראַכט די געכאַפּטע פיש, זיינע פיש, מיט דער פרייד פון א גייציגען, דאָן האָט ער אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און דער־זעהן, אַז די זון שטעהט שוין גאַנץ נידעריג, האָט ער זיך געווענדעט צו זיינע זיהן:

— נאַ, קינדער, לאָמיר פאָהרען אהיים!

ביידע יונגע לייט האָבען ארויסגעצויגען פון וואַסער זייערע פישער־שטריקלאך, זיי צוזאַמענגעלייגט, אויסגעוואַשט די האַטשי־קעס און זיי בעהאַלטען אין א שטיק קאָרק.

ראָלאַנד האָט זיך אויפגעהויבען, און, ווי א שיפסקאַפּיטאַן, אויף דעם וועטער געקוקט. דאָן האָט ער געזאָגט:

— קיין ווינד איז מעהר ניטאַ, מיר מוזען רודערען, חברה. נעהמט זיך צו דער ארבייט!

און פלוצים האָט ער אָנגעוויזען מיט'ן האנד אויף דער נארד־זייט און אויסגערופען:

— זעהט אקאַרשט, זעהט, דאָרט געהט א שיף פון סאוט־העמפטאָן.

איבער דעם גלאַטען ים, וועלכער האָט זיך אויסגעשפּרייט ווי א ריעזיג־גרויסער בלויער בלישטשענדיגער ליילאך מיט גאָל־דענע פלעקען פון אויבען, האָט מען פון וויטען אין דער אָנגעגע־בענער ריכטונג בעמערקט א דונקעלען וואָלקען און אונטער איהם א שיפעל, וועלכע האָט צוליעב דער ווייטקייט אויסגעזעהן גאַנץ קליין.

אויף דער זייד־זייט האָבען זיך געזעהן נאָך אַנדערע וואָלקענס רויך און זיי אַלע האָבען זיך געצויגען צום האפען פון האווער.

ראָלאַנד האָט געפרעגט:

— הייגט דאָרף, דאכט זיך, אַנקומען די „נאָרמאַנדיע"?

זשאַן האָט געענטפערט:

— יאַ, פאַפּאַ!

— גיב מיר אקאַרשט דעם טעלעסקאָפּ. מיט דאכט, איך זעה זי דאָרטען.

דער פאָטער האָט גענומען די מעשענע טרובע, עס צוגעטראָ־גען צו די אויגען און געפונען יענעם פונקט. האָט ער פלוצים אויס־גערופען א גליקליכער:

— יאַ, יאַ, זי איז עס טאַקע, איך דערקען זי אַן ביידע פּיי־פענס. ווילט איהר א קוק טהאָן, מאַדאַם ראָזעמיללי?

זי האָט גענומען דאָס גלאָז און עס אָנגעשטעלט ווייט אינ'ם ים אַרויס, הפנים אָבער, אז זי האָט גאָרניט געקענט זעהן אויסער די בלויקייט מיט א פאַרביגען ראנד, אַ מין רעגענבויגען, פון וועלכען עס האָט איהר גענומען שווינדלען אין די אויגען.

זי האָט איהם אָבגעגעבען צוריק דעם טעלעסקאָפּ:

— איך האָב קיינמאָל גאָרניט געקענט זעהן דורך דאָס דאָ־זיגע גלאָז. דאָס האָט אימער אַרויסגעבראַכט פון זיך מיין מאַן, וועלכער פלעגט שטונדען־לאַנג שטעהן ביים פענסטער און נאָכקו־קען די פאַרבייגעהענדיגע שיפען.

דער אלטער ראלאנד האט געזאגט ערשטוינט:

— דאס מוז ליגען אין אייערע אויגען, דען מיין טעלעסקאפ איז אן אויסגעצייכענעטער.

דאן האט ער עס אנגעבאטען זיין פרוי:

— ווילסטו א קוק טהאן?

— ניין, א דאנק. איך וויים פריהער, אז איך וועל גארניט קענען זעהן.

מאדאם ראלאנד, א פרוי פון א יאהר אכט און פערציג, אויף וועמען די יאהרען האבען זיך גארניט אנגעזעהן, האט פון דעם שפאציער־פאהר אויפ'ן ים געשיינט מעהר הנאה צו האבען, ווי אלע איבעריגע.

איהרע ברוינע האר האבען ערשט אנגעהויבען א ביסעלע גרוי ווערען. זי האט געהאט אין זיך עטוואס רוהיגעס, קלוגעס, גליק־ליכעס, גוטעס, אז עס איז געווען א פערגעניגען אויף איהר צו קו־קען. נאך איהר זוהן פיער'ס מיינונג נאך, האט זי ניט פיינט גע־האט קיין געלד און גוט פערשטאנען זייער ווערטה. אבער טראצ־דעם האט זי ליעב געהאט צו טרוימען, צו לעזען, האט ליעב גע־האט ראמאנען און געדיכטע, ניט אזוי צוליעב זייער קונסט־ווערטה, ווי צוליעב די מעלאנכאלישע, זיסע חלומות, וועלכע זיי האבען אין איהר ערוועקט. א פאעטישע שורה, מעג זי זיין א שלעכטע, א נארישע, האט שטענדיג אויף איהר געווירקט און, ווי זי אליין האט געזאגט, האט אנגעריהרט די סטרונעס פון איהר האר־צען. און זי האט הנאה געהאט פונ'ם לעזען און פון די געפיהלען, וואס עס האט אין איהר ארויסגערופען, און איהר הארץ, וועלכע איז געוועהנליך געווען גאנץ רוהיג, איז א ביסעל צורודערט גע־ווארען.

זייט זיי האבען געוואהנט אין האווער, איז זי געווארען א סך דיקער, אזוי, אז איהר אמאליגע שלאנקע, בויגזאמע געשטאלט איז עטוואס שווער געווארען.

דאס ארויספאהרען אויפ'ן ים האט איהר פערשאפט גרויס פערגעניגען. איהר מאן האט זי אפט בעהאנדעלט גראב, ניט זייענדיג אפילו אויף איהר אין כעס, ווי א טיראן, וועלכער איז גראב פון נאטור, אהן כעס און אהן צארן. ער איז געווען איינער פון יענע מענשען, וועלכע קענען ניט געבען קיין בעפעהל אהן שימפפעריייען. פאר פרעמדע מענשען האט ער זיך געהאלטען אין

ציים. אבער אין דער אייגענער פאמיליע האט ער קיינעם ניט געשאנעוועט, הגם ער אליין האט מורא געהאט פאר דער גאנצער וועלט. זי האט מורא געהאט פאר סקאנדאלען, פאר קריעגערייען, אויפרעגונגען און איבעריגע ערקלערונגען, האט זי אימער נאכגעגעבען, אבי ניט האבען מיט איהם צו טהאן. דערפאר האט זי אויך, זייט א לאנגער צייט, ניט מעהר געוואגט ראלאנד'ען צו בעטען, ער זאל איהר מיטנעהמען אויפ'ן שיפעל. מיט דער גרעסטער פרייד האט זי זיך אנגעכאפט פאר דער געלעגענהייט און איצט האט זי גענאסען דעם זעלטענעם און גרויסען פערגעניגען.

די גאנצע צייט, וואס זיי האבען זיך געפונען אין ים, האט זי זיך מיט לייב און לעבען איבערגעגעבען דעם אנגענעהמען געפיהל, וואס דאס לייכטע שאקלען זיך אויפ'ן וואסער האט אין איהר ארויסגערופען. זי האט פון קיין זאך ניט געטראכט, קיינע ערינערונגען האבען אין איהר געדעכעניש ניט אבגעלעבט און זי האט ניט גע'חלום'ט וועגען דער צוקונפט. עס האט זיך איהר געדאכט, עפעס אזוי ווי איהר הארץ וואלט אויך אזוי, ווי זי אליין, זיך געטראגען אויף עטוואס פליסיגעס, לייכטעס, אנגענעהמעס, וואס האט זי איינגעוויגט און איינגעשלעפערט.

ווען דער אלטער ראלאנד האט געהייסען זיך אומקעהרען אהיים און האט א געשריי געטהאן: „פארווערטס, צו די וועסלעס!" האט זי א שמייכעל געטהאן, קוקענדיג אויף איהרע זיהן, איהרעביידע גרויסע זיהן, ווי זיי האבען אויסגעטהאן זייערע רעקלאך און איבער די נאקעטע ארעמס די ארבעל פארקאטשעט.

פיער, וועלכער איז געזעסען נעהנטער צו די פרויען, האט גענומען דעם רודער, זשאן, אויף דער אנדערער זייט, זיין וועסלע, און זיי האבען געווארט אויף דער לעצטער קאמאנדע: „זיך ריהרען!" ווען דער פאטער האט שטארק געהאלטען פון דעם, אז אלעס זאל זיך פיהרען אזוי ווי אויף א ריכטיגער שיף.

מיט איין קלאפ האבען זיי ארונטערגעלאזען זייערע וועסלעס אין וואסער, האבען זיך אבגעווארפען מיט זייערע גאנצע קערפער צוריק און געצויגען די שיפעל מיט אלע זייערע קרעפטען כדי זייער קראפט צו צייגען.

זיי זיינען גאנץ לייכט אינ'ם ים ארויס, אבער דער ווינד האט זיך איינגעלייגט. און ביי ביידע ברידער האט פלוצים ערוואכט

דער מענערשער שטאָלץ ביי דער דאָזיגער געלעגנהייט זיך צו מעסטען מיט די קרעפטען און זעהן, ווער עס איז שטאַרקער.

ווען זיי זיינען געפאָהרען מיט'ן פאָטער אליין פישען, האָבען זיי גערודערט אָהן א שטייערער. דער אַלטער ראָלאַנד האָט דאַן זיך רוהיג זיינע האטשיקעס פאַרבערייטעט און אין דער זעלבער צייט די שיפעל געפיהרט מיט עפּעס א בעוועגונג אָדער א בעמער־קונג: „זשאַן, שוואַכער, פּיער, שטאַרקער", אָדער ער פלעגט זאָ־גען: „פאָרוועררטס נומער איינס, פאָרוועררטס נומער צוויי! ריהרט זיך א ביסעל!" דער, וואָס האָט גע'חלום'ט, האָט זיך דאַן שטאַר־קער אָנגעלייגט אויף דעם רודער, און דער, וואָס האָט מיט היץ גע־רודערט, האָט א ביסעל נאָכגעלאָזען און די שיפעל איז ווידער אוועק דעם ריכטיגען גאַנג.

היינט האָבען זיי געקענט צייגען זייערע מוסקולען. פּיער'ס אָרעמס זיינען געווען בעוואַקסען מיט האָר, מאָגער און פול מיט אָדערען; זשאַן'ס זיינען געווען דיק, וויים, ראָזיג, מיט א קנופּ מוס־קולען, וועלכער האָט זיך אונטער'ן הויט אהער און אהין בעוועגט.

צוערשט איז פּיער געווען אויפ'ן פערד און עס האָט געשיינט, אַז ער איז דער שטאַרקער. מיט פאַרסקריעטע צייהן, א צו־קנייטשטען שטערן, אויסגעצויגענע פיס און צוזאַמענגעדריקטע הענד, האָט ער זיך איינגעגעסען אין זיין וועסלע, און יעדער קלאַפּ פון איהר, און יעדע בעוועגונג זיינע האָט געבראַכט די „פּערל" א שטיק נעהענטער צום ברעג צו. דער אַלטער ראָלאַנד, וועלכער איז געזעסען אויף דעם פאָדערשטען שפּיץ, כדי די פרויען זאָלען האָבען פאַר זיך די גאַנצע באַנק, האָט געשריען מיט בעגר־מענע קולות:

— לייכטער נומער איינס! פעסטער נומער צוויי!

נומער איינס האָט גערודערט נאָך שטאַרקער און נומער צוויי האָט דער דאָזיגער משוגענער אנשטרענגונג ניט געקענט נאָכ־כאַלגען.

צום סוף האָט דער אַלטער א געשריי געטהאָן: „סטאָפּ!" ביידע וועסלעס האָבען זיך גלייכצייטיג אויפגעהויבען און אויף דעם פאָטער'ס בעפעהל האָט זשאַן געמוזט א ווײלע אליין רודערן. אָבער פון דעם דאָזיגען מאָמענט אָן איז ער געוואָרען לעבעדיג, זיי־נע קרעפטען זיינען געוואַקסען, בעת פּיער, פאַרמאַטערט פון דער צו שטאַרקער אנשטרענגונג, איז געווען אָהן אָן אָטהעם. ער איז

געוואָרען אַלץ שוואַכער און האָט שווער געסאַפּעט. פיער מאָל נאָכאַנאַנד האָט דער אַלטער ראָלאַנד געלאָזט סטאָפּען די שיפעל, און דעם עלטערען זוהן צו געבען א מעגליכקייט אָבצוציהען דעם אָטהעם, אַזוי, אַז די שיפעל זאָל דערנאָך קענען געהן איהר געוועהנליכען גאַנג. דאַן האָט דער דאָקטאָר, א בעגאָסענער מיט שוויים, א בלייכער, זיך אָבגערופען בייז און פאַרשעהמט:

— איך ווייס ניט וואָס איז היינט מיט מיר דער מעהר, עס דריקט מיר אין הארצען; איך האָב זיך צו שטאַרק א געהם געטהאָן צום רודער אין אָנהויב און דאָס האָט מיך אָנגעשטרענגט.

זשאַן האָט געפרעגט:

— זאָל איך נעהמען ביידע רודערס?

— ניין, איך דאַנק. עס וועט פערבייגעהן.

דער מוטער האָט עס פערדראָסען און זי האָט געזאָגט:

— אָבער, פּיער, דו ביזט דאָך שוין ניט קיין קינד. וואָס האָט עס פאַר א פּנים זיך אַזוי אָנצושטרענגען?

ער האָט א דריק געטהאָן מיט די אַקסלען און גענומען ווייטער רודערען.

ווי עס האָט אויסגעזעהען, האָט מאַדאַם ראָזעמיללי גאָרניט געהערט, גאָרניט געזעהען, גאָרניט בעגריפען. איהר קליינער בלאָנדער קאָפּ האָט זיך עטוואָס אָנגעבויגען יעדעס מאָל, ווען די שיפעל האָט זיך בעוועגט פאָראויס און איהרע האָר אויף די שלייפען האָבען דערביי געפלאַטערט.

פּלוצים האָט דער אַלטער ראָלאַנד אויסגערופען:

— זעהט נור, דער „פּרינץ אַלבערט" יאָגט אונז אַריבער!

און אַלע האָבען זיך אַרומגעקוקט. זיי האָבען דערזעהן פון ווייטען די שיף זיך טראָגענדיג מיט פולען דאַמפּף פון סאוטהעמפּטאָן אין זייער ריכטונג. אויפ'ן דעק זיינען געשטאַנען פּאַסאַזשירען מיט אָפענע אָרעמס. די לויפענדיגע, רוישענדע רעדער האָבען געקלאַפּט דאָס וואַסער, אַזוי, אַז א שוים האָט זיך אויפגעהויבען און פון ווייטען האָט די שיף געמאַכט דעם איינדרוק פון א שנעל־דאַמפּפער.

ווען זי איז צוגעקומען גאַנץ נאָהענט צו דער „פּערל", האָט דער אַלטער ראָלאַנד אָרונטערגענומען זיין הוט, ביידע פרויען האָבען גענומען פאָכען מיט זייערע טיכלאַך, און א האַלב טוץ קעפּ

אונטער שירעמס האָבען געענטפערט אויף דעם גרוס מיט א העפ־ליכער פערניינונג.

איצט האָבען זיך אויף בעוויזען אנדערע שיפען, אי קליינע, אי גרויסע; פישער־שיפלאך און זעגעל־שיפען, יאכטעס און דאמפפשיפען האָבען זיך איבער'ן גאנצען וואסער פערשפרייט און זיך צו די פערשיעדענע האפענס געיאָגט.

מאדאם ראָלאנד האָט אויסגערופען מיט האלב פערשלאָסענע אויגען:

— מיין גאָט, ווי שעהן איז דער ים!

מאדאם ראזעמיללי האָט געענטפערט מיט א לאנגען זיפץ, אָבער אָהן פערביטערטקייט:

— יא, אָבער ער קען אויך זיין זעהר גרויזאם.

דער אלטער ראָלאנד האָט א געשריי געטהאָן:

— זעהט, אט בעוויזט זיך ווידער די „נאָרמאנדיא", גרויסארטיג, ניט אמת?

און ער האָט גענומען ערקלערען, וואָס עס טהוט זיך אויף דעם ברעג דאָרט, אויף דער אנדערער זייט. האָט אנגעוויזען אויף די פערשיעדענע שטעדטלאך, אויף דעם טייכעל קאַיען, די פעלזען פון קאלוואדאָס, וועלכע ציהען זיך ביז שערבורג און וועלכע זיינען א געפאהר פאר די שיפען.

ביידע פרויען האָבען ניט געהערט זיינע רייד. זיי זיינען גע־זעסען פער'חלום'ט, שטארק בעוועגט פונ'ם אנבליק פונ'ם גרויסען אָקעאן, איבער וועלכען שיפען האָבען זיך ווי ווילדע חיות געיאָגט אין אלע זייטען, און האָבען געשווינגען גאנץ בעגייסטערט פון דעם וואונדערבארען, שטילען זונען־אונטערגאנג. נור דער אלטער ראָ־לאנד האָט אָהן אן אויפהער געפלוידערט. ער איז געווען איינער פון יענע מענשען, וועמען קיין זאך קען ניט בעגייסטערען. די צאר־טערע פרויען פיהלען מאנכעס מאָל גאנץ אומבעוואוסט, אז דער גע־רייש פון אומזיסטע פלוידעריי ווירקט אָפט אויף די נערווען, כמעט אזוי שלעכט ווי א בעליידיגונג.

פיער און זשאן, וועלכע האָבען זיך געהאט בערוהיגט, האָבען לייכט גערודערט און די „פערל", וועלכע האָט אויסגעזעהען גאנץ קליין נעבען די גרויסע שיפען, האָט זיך דערנעהענטערט צום האפען.

צוגעקומען צום ברעג, האָט דער מאטראָז פאפאגריס דער־

לאַנגט די דאַמען די האַנד און זיי געהאָלפֿען פון שיפֿעל ארויס־געהן, דאן זיינען זיי אוועק אין שטאָדט אריין. מאַדאַם ראָלאַנד און מאַדאַם ראָזעמיללי זיינען געגאַנגען פאָראויס און די דריי מענער זיינען זיי נאָכגעגאַנגען. ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דער ריו דע פֿאַריז, האָבען זיי זיך פון צייט צו צייט אָבגעשטעלט פאַר א הוט־געשעפֿט אָדער פאַר א יובעליר, כדי צו בעטראַכטען א הוט אָדער עפּעס א שעהן שטיק ציערונג. דאַן זיינען זיי ווייטער געגאַנגען און אין וועג פון דעם געדרעדט.

פאַר דער בירזשע האָט זיך דער אַלטער ראָלאַנד אָבגעשטעלט. ניט ווייט פון דאָרט האָבען זיך געפֿונען די דאָקס, און דער אַלטער האָט, ווי זיין געוואוינהייט איז געווען, גענומען בעטראַכטען די שי־פֿען, וואָס זיינען געלעגען אויסגעצויגען איינס נעבען אַנדערען, גאַנ־צע רייהען־ווייז. אָהן א צאָהל מאַסטען האָבען זיך אויפגעהויבען אין דער לופֿטען און אויף א שטח פון עטליכע קילאָמעטער האָט דער דאָזיגער ברעג, וועלכער האָט זיך געפֿונען אין רעכטען מיטען פון שטאָדט, אויסגעזעהען ווי א טויטער וואַלד. אין דעם דאָזיגען וואַלד אָהן בלעטער האָבען זיך וואַסער־פֿויגלען געטראָגען אהין און צוריק, האָבען פֿאַרשענדיג געקוקט אויף אַלע זייטען און זיך דאַן ארונטערגעלאָזען, ווי א פֿאַלענדיגער שטיין, כדי צו זוכען דעם אָב־פֿאַל, וואָס מען וואַרפֿט אין וואַסער אריין.

— קענט איהר אפשר בלייבען ביי אונז צום עסען, דאַן וועלען מיר אין אבענד נאָך א ביסעל פֿערברענגען — האָט זיך געווענ־דעט מאַדאַם ראָלאַנד צו מאַדאַם ראָזעמיללי.

— מיט פֿערגעניגען — האָט יענע געענטפֿערט — היינט אָבענד וואָלט איך זיך געפֿיהלט זעהר טרויעריג איינע אליין אין הויז.

פיער האָט עס געהערט און, אין כעס אויף דער יונגער פֿרוי פֿאַר איהר גלייכגילטיגקייט צו איהם, האָט ער א ברום געטהאָן אונ־טער'ן נאָז:

— נאַ, די אלמנה בעזעצט זיך ביי אונז אויף דעם ריכטיגען שטייגער.

זייט א פאָר טעג האָט ער זי גערופֿען ניט אַנדערש, ווי „די אלמנה“, און הגם דאָס דאָזיגע וואָרט האָט ניט אויס־געדריקט קיין בעלײדיגונג, האָט עס דאָך זשאַן'ען פֿערדראָסען, דען

ער האט געפיהלט אין דעם טאן עטוואס אזוינס, וואס האט איהם אויפגערעגט און בעליידיגט.

די דריי מענער זיינען אנשווייגען געווארען און ביז זיי זיינען צוגעקומען צו זייער הויז, האבען זיי מעהר קיין איין ווארט ניט אויסגערעדט. זיי האבען פערוואהנט א קליין הייזעל אין דער ריו בעלל-נארמאנד, וואס איז בעשטאנען פון דריי שטאק. ראלאנד'ס דיענסט, יאזעפינע, א מיידעל פון א יאהר ניינצעהן, א שטארקע, קרעפטיגע פויערטע, וועלכע האט געדיענט פאר א גאנץ קליינעם געהאלט, האט זיי געעפענט די טיר. ווען אלע זיינען אין הויז אריין, האט זי די טיר צוגעמאכט און איז אוועק נאך איהרע באליבאטים ביז צום זאאל, וועלכער האט זיך געפונען אויפ'ן ערש־טען שטאק. דאן האט זי געזאגט:

— א מאן איז דא געווען, שוין דריי מאל.

דער אלטער ראלאנד, וועלכער האט מיט איהר קיינמאל ניט גערעדט אהן זידלערייען, האט אויף איהר א געשריי געטהאן:

— ווער איז דא געווען? רעד ווי א מענש, צום טייפעל!

איהר באלעבאס' געשרייען האבען זי קיינמאל ניט איבערגע־שראקען און זי האט געענטפערט רוהיג:

— א מאן פון נאטאריוס.

— וואס פאר א נאטאריוס?

— אט פון דעם הערר קאנו.

— וואס האט דער מאן געזאגט?

— ער האט געזאגט, אז הערר קאנו וועט היינט אין אבענד אליין צו אייך אריינקומען.

דער נאטאריוס לעקאנו איז געווען דעם אלטען ראלאנד'ס אדוואקאט, וועלכער האט פאר איהם בעזארגט זיינע געשעפטען און איז אויך געווען זיין פערזענליכער פריינד. אזוי ווי ער האט איהם געלאזט וויסען, אז ער קומט היינט אבענד מיט א וויזיט, האט זיך עס אודאי געמיינט האנדלען וועגען עפעס א וויכטיגער אנגעלעגענ־הייט. און די גאנצע פאמיליע ראלאנד האבען זיך איבערגעקוקט איינער מיט'ן אנדערען עטוואס צוטומעלט און פערוואונדערט, ווי אלע ארימע לייט, ביי וועמען דער נאמען אדוואקאט רופט ארויס געדאנקען וועגען עפעס א קאנטראקט, א ירושה, א פראצעס, קורץ,

זאכען, וועלכע מען ווינשט, אדער פאר וועלכע מען שרעקט זיך.
דער פאטער האט א ווײלע נאכגעטראכט און דאן געזאגט:
— וואס זאל דאס בעדייטען?
מאדאם ראזעמיללי האט גענומען לאכען:
— איהר וועט קריגען א ירושה. איך בין זיכער אין דעם. איך ברענג אימער גליק.
אבער זיי האבען ניט געוואוסט פון קיין מענשען, וועמען זיי זאלען קענען ירש'ענען.
מאדאם ראלאנד, וועלכע האט גוט געדענקט אלע קרובים, האט גלייך גענומען אויסרעכענען די גאנצע פאמיליע פון איהר זייט און פון איהר מאן'ס זייט. דאן האט זי געפרעגט, נאך איידער זי האט איהר הוט אויסגעטהאן:
— זאג אקארשט, פאטער (זי האט אין דער תיים גערופען איהר מאן פאטער) מיט וועמען האט יאזעף לעברו צום צווייטען מאל חתונה געהאט?
— מיט דער קליינער פרייליין דומעניל, דער טאכטער פון א פאפיער הענדלער.
— האבען זיי געהאט קינדער?
— יא, איך גלויב א פיער־פינף שטיק.
— אויב אזוי, איז ניטא פון זיי וואס צו רעדען.
און זוכענדיג אין די געדאנקען די קרובים, איז זי געווען גאנץ אויפגערעגט פון דעם געדאנק אליין, אז אימיצער האט זיי גע־קענט גאנץ אונערוואַרטעט איבערלאזען א פערמעגען. אבער פיער, וועלכער האט די מוטער זעהר ליעב געהאט און געוואוסט, אז זי בזיט גערן לופט־שלעסער, האט מורא געהאט, זי זאל ניט ווערען ענט־טוישט, זאל זיך דערנאך ניט ערגערען און לייהדען, ווען פון די ער־ווארטעטע גוטע נייעס וועט זיך אויסלאזען א בוידעם, און ער האט בעמערקט:
— מוטער, גלויב נור ניט אין אזעלכע זאכען, מיר האבען ניט קיין אנקעל אין אמעריקא. איך גלויב גיכער, אז עס האנדעלט זיך וועגען א שידוך פאר זשאן'ען.
אלע זיינען געווארען ערשטוינט פון דער דאזיגער בעמערקונג און זשאן האט זיך דערפיהלט עטוואס בעליידיגט, וואס זיין ברו־דער האט עס געזאגט אין דער געגענווארט פון מאדאם ראזע־מיללי.

— פאר וואס עפעס פאר מיר און ניט פאר דיר ? — האט ער געפרעגט — דו ביזט דאך דער עלטערער, וועט מען אודאי פריהער טראכטען וועגען דיר. און דאן האלט איך נאך גארניט דערביי, אז איך זאל הייראטהען.

פיער האט זיך צולאכט :

— דו ביזט הפנים פערליעבט?

דער אנדערער האט געענטפערט אונצופריעדען :

— מוז מען דען זיין פערליעבט, ווען מען זאגט, אז מען וויל נאך ניט חתונה האבען ?

— אזוי, אזוי, דער „נאך" ענדערט א ביסעל דעם עסק. עס הייסט, דו ווילסט נאך א ביסעל ווארטען ?

— פון מיינטוועגען זאל זיין, אז איך ווארט. מעגסט זיך דענקען, וואס דו ווילסט.

אבער דער אלטער ראלאנד, וועלכער האט די גאנצע צייט ניט אויפגעהערט צו טראכטען, האט פלוצים געקראגען אן איינפאל און ער האט אויסגערופען :

— גאט אין הימעל, זיינען מיר דאס אלע פרא אדם'ס, זיצען דא און ברעכען זיך דעם קאפ וועגען אזא איינפאכע זאך. הערר לעקאנו איז אונזערער א פריינד, ער וויים, אז פיער זוכט זיך א פראקטיק, אז זשאן וויל ווערען אדוואקאט און ער האט אודאי עפעס געפונען פאר איינעם פון אייך.

די דאזיגע ערקלערונג איז געוועזען אזוי איינפאך, אזוי מעגליך, אז אלע האבען מיט דעם גלייך איינגעשטימט.

— דער טיש איז געגרייט ! — האט געזאגט די דיענסט.

און יעדער איז אוועק צו זיך אין צימער, זיך אבצוואשען די הענד, איידער ער איז געגאנגען צום טיש.

אין צעהן מינוטען ארום זיינען זיי אלע געזעסען אינ'ם קליינעם עס-צימער אויפ'ן אונטערשטען עטאזש ביים טיש.

אין אנהויב האבען אלע געשוויגען, אבער אין א ווייל ארום האט דער אלטער ראלאנד זיך ווידער גענומען וואונדערען איבער דעם אדוואקאט'ס בעזוך.

— פאר וואס האט ער צו אונז וועגען דעם ניט געשריבען ? פאר וואס האט ער דריי מאל געשיקט א מענשען און צו וואס קומט ער אליין ?

פיער האָט עס געפונען פאַר זעהר נאַטירליך:

— ער מוז מסתמא גלייך וועלען האָבען אַן ענטפער, און אפשר האָט ער אונז עפּעס צו זאָגען אונטער פיער אויגען, עפּעס זאַכען, איבער וועלכע עס לוינט זיך ניט צו שרייבען.

און זיי אַלע זיינען געווען פערטהאָן מיט דעם אַדוואָקאַט׳ס בעזוך און עס איז זיי אונאַנגענעהם געווען, וואָס זיי האָבען איינגעלאַדען די פרעמדע פרוי, וועלכע וועט זיי אפשר שטערען.

ווען זיי זיינען נאָכ׳ן עסען צוריק אין זאַאַל אריין, איז אָנגעקומען דער אַדוואָקאַט.

ראַלאַנד איז אויפגעשפּרונגען.

— א גוטען אָבענד, ליעבער מייסטער!

ער האָט גערופען הערר לעקאַנו מיט׳ן טיטול מייסטער, ווייל אזוי רופט מען אַלע אַדוואָקאַטען אין פראַנקרייך.

פרוי ראָזעמילי איז אויפגעשטאַנען.

— איך וויל געהן אהיים, איך בין זעהר מיעד.

מען האָט ניט געמאַכט קיין גרויסען אָנשטעל זי צוריקצוהאַלטען, און זי איז אַוועק אהיים אליין. קיינער פון די דריי מענער האָט זיך ניט אָנגעשלאָגען זי צו בעגלייטען, ווי זיי האָבען עס אימער געטהאָן.

מאַדאַם ראָלאַנד האָט גלייך גענומען פאַדען אַרום דעם נייעם גאַסט:

— וועט איהר טרינקען א קאַפע?

— ניין, אַ דאַנק. איך קום יעצט פון עסען.

— אַלזאָ, טהעע?

— אפשר א וויילע שפּעטער, אָבער פריהער מוזען מיר רעדען וועגען געשעפט.

אין דער טיעפער שטילקייט, וואָס האָט געפאָלגט נאָך די דאָזיגע ווערטער, האָט מען געקענט הערען דעם טיק־טאַק פונ׳ם וואַנדזייגער און דאָס קלאַפּען פון די טעלער אין דעם אונטערשטען שטאָק, וועלכע דאָס מיידעל האָט געוואַשען. זי איז נאָך געווען אזוי דאַרפיש, אזוי נאַריש, אז איהר איז אפילו ניט איינגעפאַלען זיך אונטערצוהערען אונטער׳ן טיר.

דער אַדוואָקאַט האָט אָנגעהויבען:

— האָט איהר געקענט אין פאַריז אַ געוויסען הערר מאַרעבאַל, לעאָ מאַרעבאַל?

ראָלאַנד און זיין ווייב האָבען אויסגערופען אין איין אָטהעם:

— געוויס!

— איז ער געוועזען איינער פון אייערע פריינד?

ראָלאַנד האָט געענטפערט:

— יאָ, מיין בעסטער פריינד. אָבער ער איז געוועזען אַ פּאַריזער מיט לייב און לעבען, איינער פון יענע, וואָס קען זיך קיינמאָל ניט אָפּרייסען פון בולוואַר; ער איז געוועזען שעף אין פינאַנץ־מיניסטעריום. זייט איך האָב פערלאָזען פּאַריז, האָב איך איהם מעהר ניט געזעהען, און דורכגעשריבען האָבען מיר זיך אויך ניט. איהר ווייסט דאָך, ווען מען דערווייטערט זיך אַ ביסעל איינער פון אַנדערען...

דער אַדוואָקאַט האָט געזאָגט מיט אַן ערנסטען טאָן:

— הערר מאַרעבאַל איז געשטאָרבען.

מאַן און ווייב האָבען אַ ציטער געטהאָן פון דער טרויעריגער בשורה און הערר לעקאַנו האָט ווייטער גערעדט:

— מיין קאָללעגע אין פּאַריז האָט מיר צוגעשטעלט זיין צוואה, אין וועלכע ער מאַכט אייער זוהן, זשאַן, זשאַן ראָלאַנד, פאַר זיין הויפּט־יורש.

אַלע זיינען אַזוי שטאַרק פערוואונדערט געוואָרען, אַז קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען.

פרוי ראָלאַנד האָט זיך פריהער פאַר אַלעמען בעהערשט און גענומען שטאַמלען:

— מיין גאָט, דער אָרימער לעאָ, אונזער אָרימער פריינד! מיין גאָט, מיין גאָט, ער איז טויט!

טרערען האָבען זיך אין איהרע אויגען בעוויזען, יענע שטילע ווייבערשע טרערען, ווי בלישטשענדע פּערל, וועלכע קומען פון טיעפען הארצען, קייקלען זיך איבער די באַקען אַזוי קלאָר, אַזוי העל און אַזוי שמערצליך.

אָבער ראָלאַנד האָט ווייניגער געטראַכט וועגען דער טרויעריגער בשורה, וואָס זיין פריינד איז געשטאָרבען, ער איז געווען אין גאַנצען פול מיט דעם גליק, וואָס האָט געטראָפען איינעם פון זיינע זיהן. דאָך האָט ער ניט געוואַגט גלייך צו פרעגען וועגען די אייניצעלהייטען פון דער צוואה און אויך ניט ווי גרויס די סומע איז. און

ער האָט גענומען רעדען, כדי פון דער זייט א טאפּ טהאָן דעם אד־וואָקאט און ווי עס איז צוקומען צו די אינטערעסאַנטע פראגען:

— פון וואָס איז ער געשטאָרבען, דער אָרימער מארעכאל?

הערר לאקאנו האָט וועגען דעם גאָרניט געוואוסט און ער האָט געענטפערט:

— איך וויים נור, אז ער איז געשטאָרבען אָהן דירעקטע יורשים און אז זיין גאנצען פערמעגען, וועלכער בעשטעהט פון צוואַנציג טויזענד פראנק א יאָהר איינקונפט אויף דריי פּראָצענט, האָט ער איבערגעלאָזען צו אייער צווייטען זוהן, וועלכער איז געבּאָרען און אויסגעוואקסען כמעט אויף זיינע אויגען. אויב זשאַן וועט די ירושה נים וועלען אָננעהמען, דאן וועט זי איבערגעגעבען ווערען צו אָרימע יתומים.

דער אלטער ראָלאנד האָט שוין מעהר נים געקענט בעהאַל־טען זיין פרייד און ער האָט אויסגערופען:

— אך, ער האָט אימער געהאַט א גוט הארץ! עס איז געוועזן זעהר שעהן פון איהם דאָס צו טהאָן! ווען איך זאָל קיין קינדער נים האָבען, וואָלט איך אָן אונזער אַלטען פריינד אויך נים פערגעסען.

דער אדוואָקאט האָט א שמייכעל געטהאָן:

— איך האָב געוואָלט האָבען דאָס פערגעניגען אייך די זאך אליין אָנצוזאָגען. עס פערשאפט אימער פרייד, ווען מען קען די מענשען אָנזאָגען עטוואָס אנגענעהמעס.

ער האָט גאָרנים א טראכט געטהאָן, אז די דאָזיגע גוטע בשורה איז דער טויט פון א פריינד, פון׳ם בעסטען פריינד פון׳ם אַלטען ראָלאנד. און דער אַלטער ראָלאנד אליין האָט אויך פּלוצים פער־געסען זיין אמאָליגע נאָהענטע פריינדשאפט מיט דעם פערשטאָר־בענעם.

נור מאדאם ראָלאנד און איהרע זיהן זיינען געבליבען ערנסט און שטיל. זי האָט נאָך אַלץ געוויינט, געווישט זיך די אויגען מיט א טאשענטיכעל און פערשטעלט זיך דעם מויל, כדי דאָס שלוכצען צו פערשטיקען.

פיער האָט ארויסגעברומט:

— ער איז געווען א וואוילער מענש און זעהר צוגעבונדען צו אינז. ער האָט מיין ברודער און מיך אָפט איינגעלאַדען צו זיך צום עסען.

זשאַן האָט זיך געגלעט דאָס שעהן בלאָנד בערדעל מיט דער

רעכטער האנד, דורכגעצויגען זי דורך אלע פינגער, אזוי ווי ער וואלט זי וועלען אויסציהען און זיינע גרויסע אויגען האבען דערביי געלויכטען פאר פרייד.

צוויי מאל האט ער א מאך געטהאן מיט די ליפען, כדי אויך צו זאגען עטוואס פאסענדעס. ער האט אבער ניט געפונען וואס צו זאגען א חוץ די ווערטער:

— יא, ער האט מיך זעהר ליעב געהאט, ער האט מיך אי־מער געקושט, ווען איך בין צו איהם געקומען.

אבער דעם פאטער'ס געדאנקען האבען זיך געטראגען העט ווייט. ער איז געווען פער'שיכור'ט פונ'ם געדאנק וועגען דער ירושה, וועגען דעם שלל געלד, וואס פאלט מיט איינמאל צו זיי אין די הענד אריין און ער האט געפרעגט:

— עס קענען אפשר זיין שוויריגקייטען? אפשר א פראצעס... דענקט איהר, אז קיינער וועט ניט קעמפפען אנטקעגען דער צוואה?

הערר לעקאנו איז וועגען דעם געווען גאנץ רוהיג:

— ניין, מיין קאללעגע אין פאריז דענקט, אז די זאך איז זעהר קלאר. עס האנדלעלט זיך נור, אז זשאן זאל עס אננעהמען.

— אלזא, גוט. און דאס געלד איז אין ארדנונג?

— יא, אין ארדנונג.

— אלע פארמאליטעטען זיינען ערפילט?

— יא, אלע.

פלוצים האט זיך דער אמאליגער יובעליר פערשעהמט, וואס ער האט אין אזא איילעניש אלעם אויסגעפרעגט און ער האט גע־זאגט:

— איהר ווייסט, איך פרעג אייך וועגען די אלע זאכען, כדי צו פערהיטען מיין זוהן פון געוויסע אונערווארטעטע אונאנגענעהמ־ליכקייטען. מאנכעס מאל זיינען דא א סך חובות, מאנכעס מאל איז די גאנצע זאך ניט קלאר און מען קען אריינפאלען אין א טיעפע לאך. אגב בין איך דאך ניט דער יורש, אבער איך זארג נור פאר דעם קליינעם.

זשאן'ען האט מען אין דער פאמיליע גערופען „דער קליי־נער", הגם ער איז געווען פיעל גרעסער ווי פיער.

דא איז פרוי ראלאנד פלוצים געקומען צו זיך, זי האט זיך עפעס אזוי ווי פון שלאף אויפגעכאפט און זיך גענומען דערמאנען

אַן עטוואָס ,וואָס איז געלעגען ווייט הינטער איהר. דאַן האָט זי אויסגעשטאַמעלט ניט גאַנץ זיכער:

— האָט איהר ניט געזאָגט, אַז אונזער אָרימער פריינד מאַרעבאָל האָט זיין פערמעגען איבערגעלאָזען פאַר מיין קליינעם זשאַן?

— יאַ, מאַדאַם ראָלאַנד.

זי האָט געזאָגט גאַנץ איינפאַך:

— דאָס פערשאַפט מיר גרויס פרייד, דען דאָס בעווייזט, אַז ער האָט אונז אויך אַן אמת ליעב געהאַט.

ראָלאַנד איז אויפגעשטאַנען.

— מיין ליעבער הערר אַדוואָקאַט, ווילט איהר, אַז מיין זוהן זאָל גלייך אונטערשרייבען, אַז ער נעהמט אָן די ירושה?

— ניין, ניין, הערר ראָלאַנד. מאָרגען צווי א זייגער בייטאָג אין אָפיס, אויב איהר קענט.

— געוויס ,געוויס, אודאי!

מאַדאַם ראָלאַנד איז אויך אויפגעשטאַנען. זי האָט געשמייכעלט מיט טרערען אין די אויגען. זי איז צוגעגאַנגען צום אַדוואָקאַט, אַרויפגעלייגט איהר האַנד אויף דעם וועגטעל פון זיין שטוהל און אַנקוקענדיג איהם מיט א דאַנקבאַרען מוטער־בליק, האָט זי געפרעגט:

— וועט איהר יעצט טרינקען טהעע, הערר לעקאַנו?

— יעצט יאַ, מאַדאַם ראָלאַנד, מיט דעם גרעסטען פערגעניגען.

מען האָט גערופען דאָס מיידעל און יענע האָט פריהער געבראַכט א פאָר בלעכענע קעסטעלאַך מיט קייקס, יענע טרוקענע ענגלישע צוקער־געבעקס, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרען פאַר די שנאָבלען פון פאָפוגאַיעס און וועלכע ווערען געפּאַקט אין מעטאַלענע קעסטלאַך, ווי מען וואָלט זיי געדאַרפט מיטנעהמען אויף א רייזע אַרום דער וועלט. דאַן האָט זי געבראַכט א פאָר קליינע גרויע סערוועטקעס צוזאַמענגעלייגט אין פיערען, פון יענעם סאָרט טהעע סערוועטקעס, וועלכע ווערען ביי שפּאָרזאַמע מענשען קיינמאָל ניט געוואַשען. צום דריטען מאָל איז זי געקומען מיט דער צוקערניצע און די טעצלאַך, דאַן ערשט איז זי אוועק אויפקאָכען וואַסער, און אַלע זיינען געבליבען זיצען און וואַרטען.

קיינער האט ניט געקענט רעדן א ווארט, יעדערער האט גע־האט צופיעל צו טראכטען און צו וועניג צו רעדען. נור מאדאם ראלאנד האט פראבירט צו פערפיהרען א פוסטען געשפרעך. זי האט דערצעהלט פון זייער שפאציער איבער'ן ים, האט געלויבט די „פערל" און מאדאם ראזעמיללי.

דער אדוואקאט האט זיך רוהיג צו איהר צוגעהערט און פון צייט צו צייט ארויסגעלאזען:

—שעהן! שעהן!

דער אלטער ראלאנד האט זיך אנגעשפארט אן דעם מארמאר־נעם קאמין, ווי עס וואלט געווען ווינטער און דארט וואלט זיך גע־הייצט. ער איז געשטאנען מיט די הענד אין די קעשענעס, די לי־פען צוזאמענגעלייגט, ווי צו פייפען. ער האט ניט געקענט איינ־שטעהן אויף אן ארט פאר גרוים פרייד און אויפרעגונג.

ביידע ברידער זיינען געזעסען אויף צוויי שטוהלען, ביידע מיט די פיס פערלייגט איינס אויף'ס אנדערע און האבען געקוקט פאר זיך אין דער זעלבער ריכטונג, אבער מיט א פערשיעדענעם אויסדרוק אויפ'ן פנים.

צום סוף האט מען דערלאנגט טהעע. דער אדוואקאט האט אריינגעטהאן צוקער אין זיין טעצעל און אריינגעבראקט א קייק, וועלכער איז געווען צו הארט צו בייסען. און, אויסגעטרונקען זיין טהעע, האט ער זיך אויפגעהויבען, יעדען בעזונדער די האנד גע־דריקט און איז אוועק.

— אלזא, אבגעמאכט — האט געזאגט דער אלטער ראלאנד — מארגען צוויי א זייגער ביי אייך.

זשאן האט ניט אויסגערעדט קיין ווארט.

נאכדעם ווי דער אדוואקאט איז אוועק, האבען זיי נאך אלע געשוויגען. דאן האט דער אלטער ראלאנד א קלאפ געטהאן זיין אינגערען זוהן מיט ביידע הענד אין פלייצע און האט אויסגע־רופען:

— דו ביזט א גליקליכער יונג, זשאן. קום, לאמיר זיך צו־קושען!

זשאן האט א שמייכעל געטהאן און ארומגענומען זיין פאטער.

אבער דער אלטער האט ניט געקענט מעהר אויסהאלטען פאר פרייד. ער איז ארומגעלאפען אהין און אהער, געשפיעלט מיט

זיינע אומגעלומפערטע פינגער איבער די מעבעל, ווי איבער א פיאנא, זיך ארומגעדרעהט אויפ'ן אבצאס און אלץ גע'טענה'עט:

— אזא גליק! אזא גליק! דאס מאל האבען מיר אבער אויף אן אמת גליק!

פיער האט געפרעגט:

— האט איהר דען געקענט דעם פערשטארבענעם מארעבאל אזוי גוט?

דער פאטער האט געענטפערט:

— געוויס. ער פלעגט דאך צו אונז קומען יעדען אבענד. דו געדענקסט דאך נאך אודאי, ווי ער פלעגט דיך אפט, ווען דו ביזט פון גימנאזיום פריי געווען, צו זיך נעהמען און דיך דארט ביז אי־בער'ן עסען האלטען. אט, צום ביישפיעל, איך דערמאן זיך, ווי אין יענעם פריהמארגען, ווען זשאן איז געבארען געווארען, האט ער דעם דאקטאר גערופען. ער האט מיט אונז געגעסען פריהשטיק, ווען די מאמע האט זיך געגומען פיהלען שלעכט. מיר האבען גלייך פערשטאנען, וואס דאס מיינט, און ער האט זיך געלאזט לויפען מיט אלע זיינע קרעפטען נאכ'ן דאקטאר. אין דער איילעניש האט ער גענומען מיין הוט אנשטאט זיינעם. איך געדענק דאס אלעס אזוי גענוי, ווייל מיר האבען דערנאך אזוי פיעל געלאכט פון דעם. עס קען געמאלט זיין, אז ער האט זיך אין דער לעצטער שטונדע פאר זיין טויט אן דעם דערמאנט, קיין נאהענטע קרובים האט ער נים, האט ער זיך געקענט א טראכט טהאן: אזוי ווי איך האב שוין איינמאל געהאלפען ביי דער געבורט פון דעם קליינעם, טא לאמיך איהם ווייטער א מאל העלפען דערמיט, וואס איך וועל איהם אי־בערלאזען מיין פערמעגען.

מאדאם ראלאנד איז האלב געלעגען אין איהר שטוהל, אין גאנצען אין געדאנקען פערלארען. זי האט געפליסטערט, ווי זי וואלט גערעדט צו זיך אליין:

— אך, ער איז געווען א גוטער פריינד, טריי און איבערגע־בען.... א זעלטענער מענש אין אונזערע צייטען.

זשאן איז אויפגעשטאנען:

— איך וועל זיך א ביסעל דורכגעהן.

זיין פאטער האט איהם געוואלט אבהאלטען, ער האט נאך געהאט מיט איהם אזוי פיעל צו רעדען, וועגען דער צוקונפט, וועגען פערשיעדענע פלענער, וועגען זיין פלוצימדיגען רייכטהום.

אָבער דער יונגער מאַן איז געבליבען ביי דאָס זייניגע און געזאָגט, אַז ער האָט נאָך פריהער אָבגערעדט מיט אימיצען זיך צו טרעפען. א חוץ דעם, איז נאָך דאָ געטוג צייט וועגען אַלעס צו ריידען, ווען די ירושה וועט זיין אין זיינע הענד.

און ער איז אוועק, דען ער האָט געוואָלט זיין אַליין און שטיל פאַר זיך נאָכדענקען. דאַן האָט פיער אויך ערקלערט, אַז ער מוז אוועקגעהן און אין א פּאָר מינוטען ארום האָט ער דאָס הויז פערלאָזען.

געבליבען אַליין מיט זיין פרוי, האָט דער אַלטער ראָלאנד זי ארומגענומען און זי געקושט קושען אין ביידע באַקען איין מאָל נאָכ'ן אנדערען. דאַן עפּעס אזוי ווי זיך פריי צו מאַכען פון א געוויסען פאַרוואורף, האָט ער צו איהר געזאָגט:

— זעהסטו, מיין ליעבע, עס איז גאָר ניט נויטיג געווען צו בלייבען נאָך לענגער אין פּאַריז, און זיך דאָרט צוליעב די קינדער מוטשען און פּלאָגען. דאָ בין איך געוואָרען געזונד און שטארק. איך לעב זיך פאַר מיין אייגענעם פערגעניגען און דאָס געלד פאַלט אונז איצט אויך ווי פון הימעל אראָפּ.

זי איז געוואָרען זעהר ערנסט:

— עס פאַלט פון הימעל פאַר זשאַן'ען — האָט זי געזאָגט — אָבער פיער, וואָס וועט זיין מיט איהם?

— פיער איז א דאָקטאָר, ער וועט שוין מאַכען געלד. און דאַן וועט איהם זיין ברודער אויך ניט לאָזען פאַלען.

— ניין, פיער וועט קיין שטיצע ניט אָננעהמען. און דאַן געהערט די ירושה זשאַן'ען, נור זשאַן'ען. פיער איז איצט אוועקגעשטעלט געוואָרען אין א זעהר אונגינסטיגער לאַגע.

דער אַלטער איז אויך א וויילע געוואָרען צומישט, דאַן האָט ער געזאָגט:

— ווייסטו וואָס, איבער הונדערט און צוואנציג יאָהר, ווען מיר וועלען שטאַרבען, וועלען מיר אין אונזער צוואה אויך איהם אָבשרייבען א גרעסערען טהייל ירושה.

— ניין, דאָס איז אויך ניט קיין יושר.

ער האָט אויסגערופען:

— נו, איז ניט. וואָס קען איך העלפען? דו געפינסט אָבער אימער אויס בלויז דאָס אונאנגענעהמע, דו פאַרדאַרבסט מיר

יעדען פערגעניגען. איך'ל בעסער געהן שלאפען. א גוטע נאכט! פון ד'עסטוועגען דענק איך, אז מיר האבען גליק, גרויס גליק!

און ער איז אוועק שלאפען א גליקליכער, ניט קוקענדיג אויף אלע איהרע טענות און האט מיט קיין איין ווארט ניט בעדויערט דעם טויט פון זיין אלטען פריינד, וועלכער איז געווען אזוי גוט, אזוי עדעל צו זיי.

מאדאם ראלאנד איז געבליבען זיצען אויף אן ארט און האט נאך א לאנגע צייט ווייטער געטרוימט ביי דעם שיין פונ'ם לאמפ.

.2

אזוי שנעל, ווי פיער איז ארויס אין דרויסען, האט ער זיך געלאזט געהן צו דער ריו דע פאריז, דער העל־בעלויכטענער, לעבעדיגער, רוישיגער הויפט־גאס פון האווער. די פרישע לופט פון ים האט איהם געוועהט אין פנים און ער איז געגאנגען לאנגזאם, דעם שטאק אונטער'ן ארעם, די הענד אויף הינטען פערלייגט.

ער האט זיך געפיהלט אונאנגענעהם, שווער, אונצופריעדען, ווי איינער, וואס האט א שלעכטע בשורה געקראגען. קיין בעשטימטע זאך האט איהם ניט געדריקט און ער אליין וואלט ניט געקענט זאגען פון וואנען צו איהם האט זיך גענומען די דאזיגע שווערקייט, דער דאזיגער שלעכטער מוטה, וואס האט זיין גאנצע נשמה ארומגעכאפט. ערגעץ־וואו האט איהם וועה געטהאן, ער האט אבער ניט געוואוסט וואו. עפעס א וואונד האט איהם ערגעץ וועה געטהאן און געגאיעט, איינע פון יענע קליינע וואונדען, וועלכע מען קען ניט געפינען, אבער וועלכע שטערען, מאטערען אויס, פלאגען און קוועלען.

ווען ער איז צוגעגאנגען צום סקוועך, וואו דער טהעאטער האט זיך געפונען, האבען איהם די העל־בעלויכטענע פענסטער פון טארטאניס קאפע צו זיך צוגעצויגען. אבער ווען ער האט געוואלט אריינגעהן אינעווענינ, האט ער זיך דערמאנט, אז ער וועט דארט טרעפען פריינד, בעקאנטע, מיט וועלכע ער וועט מוזען רעדען. און דער געדאנק וועגען די פוסטע רייד פאר א גלאז קאפע אדער שנאפס איז איהם געווארען אזוי מיאוס, אזוי אבשטויסענד, אז ער האט זיך אומגעקעהרט און איז אוועק מיט דער הויפט גאס צום ברעג צו.

„וואו זאָל איך געהן?‟ האָט ער ביי זיך אליין געפרעגט, און אין זיינע געדאנקען געזוכט עפּעס א פּלאַץ, וועלכער זאָל זיך פּאַסען צו זיין יעצטיגען מוטה. ער האָט אזא פּלאַץ ניט געפונען, און עס האָט איהם געערגערט וואָס ער איז אליין, און אין דער זעלבער צייט האָט ער קיינעם ניט געוואָלט זעהן.

ווען ער איז צוגעקומען צום האפען, האָט ער נאָך א ווײלע געצעגערט, דאַן האָט ער זיך געלאָזט געהן צום ים. ער האָט זיך בעשלאָסען צו בלייבען אליין.

נאָהענט ביים וואסער איז געשטאַנען א באַנק. ער האָט זיך אוועקגעזעצט א מיעדער פון געהן, און עס האָט איהם פערדראָסען אויף זיין גאַנצען שפּאַציער־גאַנג.

ער האָט ביי זיך געפרעגט: „וואָס איז דער מעהר מיט מיר היינטיגען אבענד?‟ און ער האָט געזוכט אין זיין געדעכעניש, וואָס פאר אן אונאנגענעהמליכקייט ער האָט געהאַט, ווי מען פרעגט אוים א קראַנקען, כדי צו דערגעהן די אורזאכע פון זיינע ליידען.

ער איז געווען א מענש, וואָס האָט זיך לייכט געקענט אויפרעגען, הגם ער האָט אויך געקאָנט זיין רוהיג און געלאַסען. יעדע זאַך האָט איהם אין אָנהויב אָנגעצונדען, דאַן אָבער האָט ער ארומגעטראַכט, איבערלייגט און געהאַנדעלט אזוי ווי זיין שכל האָט איהם געהייסען. גאַנץ אָפט אָבער האָט ער זיך געלאָזט פיהרען פון זיין געפיהל און געהאַנדעלט נאָך זיין ערשטען אימפּולס.

ער האָט, אלזאָ, געזוכט דעם גרונד פון זיין נערוועזיטעט, געוואָלט פערשטעהן, פאר וואָס ער אנטלויפט פון דער גאנצער וועלט, פאר וואָס עס ווילט זיך איהם אזוי מיט אימיצען רעדען, זיך שפּארען, זיך האַמפּערען, און אין דער זעלבער צייט פיהלט ער אן עקעל צו אלע מענשען, אז ער קען זיי ניט אָנזעהן, וויל זיי ניט הערען און אנטלויפט פון זיי, וואו דער פעפער וואַקסט.

און ער האָט זיך געפרעגט, צי איז עס ניט אפשר זשאַן'ס ירושה, וואָס האָט איהם אזוי פון זיך ארויסגעבראַכט.

יא, עס איז מעגליך. ווען דער אדוואָקאַט האָט זיי די דאָזיגע בשורה אָנגעזאָגט, האָט ער דערפיהלט ווי זיין הארץ האָט גענומען קלאַפּען שטאַרק, שטאַרק. דער מענש איז ניט אימער דער בעל הבית איבער זיך אליין, אָפט בעפאלען איהם געפיהלען, געגען וועלכע ער קעמפּפט אומזיסט.

אַלס דאָקטאָר האָט ער זיך גענומען אריינטראכטען אין די פיזיאָלאָגישע אורזאכען, וועלכע רופען ארויס אין אונז פער־שיעדענע געפיהלען.

ער איז אויפגעשטאַנען און גענומען געהן איבער'ן ברעג. ער האָט זיך איצט געפיהלט בעסער. עס האָט איהם געפרעהט, וואָס ער האָט אויסגעפונען דעם גרונד פון זיין שלעכטען מוטה, וואָס איהם איז קלאָר געוואָרען, וואָס מיט איהם טהוט זיך.

„הייסט עס, אלזאָ, אז איך בין מקנא זשאַן'ען" — האָט ער געטראכט — „דאָס איז זעהר ניט שעהן פון מיר. אָבער איצט בין איך זיכער אין דעם. מיין ערשטער געדאנק איז געווען, אז ער געהט היירא‌טהען מיט מאַדאַם ראזעמיללי, און דאָס האָט מיר גליין א ברען געטהאָן, הגם איך אליין בין ניט פערליעבט אין דער פוסטער, נארישער אלמנה. נאָך מיין מיינונג, איז זי גראדע די פרוי צו פער'מיאוס'ען א מאַן יעדען פרייען געדאנק, יעדע גע־הויבענע שטימונג. דאָך האָט עס מיר פערדראָסען, געקרענקט, איך בין אייפערזיכטיג געוואָרען, אייפערזיכטיג, אייפערזיכטיג ניט אפילו אויס ליעבע, נור אויס איינפאכען ניט פערגינען. איך מוז זיך אריינגעהמען אין די הענד און זיין פאָרזיכטיג.

ער איז צוגעקומען צום סיגנאל־מאסט, וועלכער האָט אָנגע־צייגט, ווי הויך עס איז דאָס וואסער אין האפען און האָט אָנגע־צונדען א שוועבעלע, כדי צו זעהן די ליסטע פון די ערוואַרטעטע שיפען. מען האָט ערוואַרטעט א פּאָר דאמפּפערס פון בראַ־זיליען, פון לא פּלאטא, פון טשילי און יאפּאן, צוויי דענישע שי־פען, איין נאָרוועגישען און איין טערקישען דאמפּפער. דאָס לעצ־טע האָט פיער'ן שטארק פערוואונדערט און ער האָט זיך פאַר־געשטעלט אין זיין פאנטאזיע א גרויסע מעכטיגע שיף פול מיט מענער אין טורבאַנעס און ברייטע הויזען.

„ווי קאָמיש — האָט ער א טראכט געטהאָן — און דאָך זיינען די טערקען א גאַנץ פרעהליך, א לעבעדיג פאָלק".

ער האָט געטהאָן נאָך א פּאָר טריט און איז געבליבען שטעהן, כדי אַלעס ארום צו בעטראכטען. רעכטס איבער סיינט־אדרעס האָבען ביידע עלעקטרישע לייכט־טורעמס פון קייפּ דע־לא העווע געוואָרפען זייער מעכטיגען שיין ווייט אין ים ארויס. ארום און ארום פון אלע זייטען זיינען געווען האפענס און זיי

אלע זיינען העל בעלויכטען געווען און געוואונקען פון ווייטען מיט זייערע פערשיעדענע פייערלאך, געלע, רויטע, גרינע.

אין דעם שטילען, טיעפען וואסער, וועלכער איז איצט גע־ווען דונקעלער, ווי דער הימעל איבער איהם, האבען זיך עטוואס ווי שטערען בעוועגט. נאהענט צום ברעג אדער ווייט אוועק האבען זיי געפינקעלט דורך דעם ביינאכטיגען טומאן, אויך מיט פערשיעדענע קאלירען, וויים, רויט און גרין. די מייסטע פון זיי האבען זיך נים בעוועגט; אנדערע האבען געשיינט צו לויפען אין פאראוים; דא זיינען געווען די ליכט פון שיפען, וואס האבען זיך פעראנקערט; דארט יענע, וואס האבען געזוכט א פלאץ, וואו זייער אנקער צו פערווארפען.

גראדע אין יענעם מאמענט איז די לבנה פון הינטער דער שטאדט אויפגעגאנגען. זי האט אויסגעזעהען ווי א גרויסער געטליכער לייכט־טורעם, וועלכען מען האט אויפ׳ן הימעל אנגע־צונדען, כדי צו דיענען אלס לייכטפונקט פאר דער אונענדלי־כער פלאטע פון אמת׳ע שטערען.

„קוק אן ווי שעהן אלעס ארום איז!“ — האט פיער ארויס־געמורמעלט כמעט אין דער הויך — „און מיר, מענשען, ווערען אויסער זיך איבער עטליכע גראשען.“

פלוצים האט זיך גאנץ נאהענט נעבען איהם בעוויזען א שאטען, א גרויסער, פינסטערער שאטען, און זיך פערבייגעטראָ־גען ווייטער. פיער האט זיך אריבערגעבויגען איבער דער אייַ־זערנער פארענץ און דערזעהן א פישער־שיפעל, וועלכע האט זיך אומגעקעהרט אהיים אהן דעם טומעל פון מענשליכע שטימען, אהן דאס קלאפען פון וועסלעס, נור געטריבען פונ׳ם ווינד, וועל־כער האט זי שטיל איבער די כוואליעס געטראגען.

ער האט געטראכט: „ווען מען זאל קענען לעבען אויף אזא שיפעל, ווי גוט עס וואלט געווען!“ דאן האט ער געטהאן נאך א פאר טריט און פלוצים דערזעהען א מאן, וועלכער איז געזעסען ביים סאמע שפיץ פון האפען־דאם.

א טרוימער, א פערליעבטער, א פילאזאף, א גליקליכער אדער א פערצווייפעלטער? ווער איז עס געווען? נייגעריג איז ער צוגעגאנגען נאהענט צום איינזאמען בעזוכער... עס איז גע־ווען זיין ברודער.

— דאס ביזטו, זשאן?

— אַך, פיער, וואָס טהוסטו דאָ?

— איך בין געקומען שעפּען אַ ביסעל פרישע לופט. און דאָ זשאַן האָט זיך צולאַכט.

— איך אויך.

פיער האָט זיך געזעצט נעבען זיין ברודער.

— דאָ ארום איז וואונדער־שעהן.

— יאַ, ווירקליך.

אין דעם טאָן פון דער שטימע האָט ער דערקענט, אַז זשאַן האָט ניט געזעהן קיין זאַך ארום זיך. ער האָט ווייטער גערעדט:

— יעדעס מאָל, ווען איך קום אַהער, בעפּאַלט מיך אַ משוגענער פערלאַנג: עס ווילט זיך אוועקפאַהרען, ווייט, ווייט אוועק מיט די דאָזיגע אַלע שיפען אין צפון און דרום. שטעל זיך נור פאָר, אַז די אַלע קליינע, פינקעלדיגע ליכט דאָרט איבער׳ן וואַסער קומען פון אַלע עקען וועלט, פון די לענדער, וואו עס געפינען זיך שעהנע בלומען און בלייכע אָדער בראָנז־פאַרביגע מיידלאַך, פון די לענדער פול מיט גאַנץ קליינע פויגעלאַך און מיט גרויסע עלעפאַנטען, מיט פרייע לייבען און נעגער־קעניגע. פון אַלע יענע לענדער, וועלכע מאַכען אויף אונז דעם איינדרוק, ווי אַ שהנע, פאָעטישע מעשה׳לע. עס מוז זיין וואונדער־שעהן צו זיין אים שטאַנד אַזוי ארומצופאָהרען. אָבער דערצו מוז מען האָבען געלד, פיעל, פיעל געלד.

ער איז פלוצים אנטשווייגען געוואָרען, ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זיין ברודער איז איצט רייך, אַז ער פערמאָגט דאָס געלד ,וואָס נעהמט אוועק אַלע זאָרגען, בעפרייט פון דער שווערער טעגליכער ארבייט, מאַכט דעם מענשען פריי, גליקליך, צופריעדען. ער האָט איצט געקענט פאָהרען, וואוהין ער האָט געוואָלט, צו די בלאָנדע שוועדינען אָדער די דונקעלע מיידלאַך פון האוואנא. און פלוצים איז איהם אַ געדאַנק דורכ׳ן מוח דורכגעלאָפען: „ער, ער איז צו נאַריש פאַר די אַלע זאַכען! ער וועט גאַנץ איינפאַך חתונה האָבען מיט דער קליינער מאַדאַם ראָזעמילי, און פאַרטיג!“

ער איז אויפגעשטאַנען.

— איך וועל דיך דאָ לאָזען ווייטער טרוימען פון דער צוקונפט, איך מוז זיך אַ ביסעל דורכגעהן.

ער האָט אַ דריק געטהאָן זיין ברודער די האנד און געזאָגט מיט אַ זעהר אַ וואַרימען טאָן:

— הער אויס, מיין קליינער זשאָן, איצט ביזטו אַ רייכער מאַן. עס פרעהט מיך זעהר, וואָס איך האָב דיך היינט בייגאכט אַליין געטראָפען, און איך קען דיר זאָגען ווי מיך פרעהט עס, ווי הערצליך איך ווינש דיר גליק און ווי ליעב איך האָב דיך.

זשאָן, וועלכער האָט געהאַט אַ ווייכען, צאַרטען כאַראַקטער, האָט געענטפערט גאַנץ בעוועגט:

— אַ דאנק, אַ דאנק, מיין גוטער פיער, אַ גרויסער דאנק!

און פיער האָט זיך אומגעקעהרט און איז אוועק מיט לאַנג־זאַמע טריט, דעם שטאָק אונטער'ן אָרעם און די הענד אויפ'ן רוקען פערלייגט.

ווען ער איז ווידער אין שטאָדט אריין, האָט ער זיך פון דאָס ניי געפרעגט, וואָס ער זאָל טהאָן. ער איז געווען אין כעס, וואָס זיין שפּאַציער־גאַנג איז איהם פערשטערט געוואָרען, און וואָס ער האָט צוליעב דעם ברודער ניט געקענט מעהר בלייבען ביים ים. און איהם איז איינגעפאַלען, אז ער וועט גאָר געהן מאַכען אַ שנעפּסעל ביים אַלטען מאַראַווסקאַ'ן.

ער איז בעקאַנט געוואָרען מיט דעם אַלטען מאַראַווסקאַ אין די האָספּיטעלער אין פאַריז. ער איז געווען אַן אַלטער פּאָליאַק, אַ פּאָליטישער אַנטלאָפענער, וועלכער, ווי עס האָט געהייסען, האָט דורכגעמאַכט אַ סך צרות אין זיין היימאַטה ביז ער איז אַנטלאָפען אין פראַנקרייך. דאָרט האָט ער אויסגעהאַלטען עק־זאַמען אַלס אַפּאָטהעקער און געמאַכט אַ לעבען פון זיין אַפּטייק. פון זיין פערגאַנגענהייט האָט קיינער גאָרניט געוואוסט. אַלער־ליי מעשה'לעך זיינען וועגען איהם אַרומגעגאַנגען צווישען די פּאַציענטען און דערנאָך צווישען זיינע שכנים.

זיין נאָמען, אַלס געפעהרליכער פערשווערער, ניהיליסט, פערצווייפעלטער פּאַטריאָט, וועלכער האָט זיך נור דורך אַ וואונ־דער פון טויט אַרויסגעדרעהט, האָט פּיער'ן שטאַרק פּעראינטע־רעסירט און ער האָט זיך מיט איהם בעפריינדעט, הגם ער האָט פון זיין פערגאַנגענעם לעבען ניט געוואוסט קיין זאַך בעשטימט און מיט איהם אַליין האָט ער אויך ניט געהאַט דעם מוטה פון דעם צו רעדען. אויף דעם ראַטה פון דעם יונגען דאָקטאָר, האָט

זיך דער פּאַליאַק בעזעצט אין האָווער, האָפענדיג אויף א רייכער קונדשאַפט, וואָס דער יונגער דאָקטאָר וועט איהם רעקאָמענדירען.

דערוויילי האָט ער געלעבט אַן אָרעם לעבען און האָט זיך ווי עס איז דורכגעשלאָגען אין זיין קליין אפטייקעל, וועלכע האָט זיך געפונען אין אַן אָרימען ארבייטער־קוואַרטאַל.

פּיער האָט איהם אָפט בעזוכט נאָך מיטאָג, כדי צו פּלוידערען מיט איהם א ווייל. ער האָט ליעב געהאַט יענעמס רוהיגען פּנים, זיין אויסגעצויגענעם ארט רעדען און די לאַנגע פּויזען האָבען פּיער'ן איבערצייגט אין מאַראַווסקאַ'ס טיעפזיניגקייט.

איבער דעם טיש פול מיט פלאַשען בעדעקט האָט געברענט נור איין גאַזפלאַם. די גאַז אין פענסטער איז פון שפּאַרזאַמקייט וועגען ניט געווען אָנגעצונדען. אויף א שטוהל הינטער'ן קאַנטער, די פיס אויסגעצויגען און פאַרלייגט איינס אויף דאָס אַנדערע, איז געזעסען דער אַלטער. ער איז געווען שטאַרק פליכעוואַטע מיט א גרויסער, אויסגעבויגענער און פאַרשפּיצטער נאָז, וואָס האָט איהם עהנליך געמאַכט צו א פּאַפּוגאַי. ער איז געזעסען, די מאָרדע אויף דער ברוסט אַנגעשפּאַרט און פעסט געשלאָפען.

דער קלונג פון'ם טיר־גלאָק האָט איהם אויפגעוועקט. ער האָט זיך א כאַפּ געטהאָן, אויפגעהויבען זיך און דערקענט דעם דאָקטאָר, און ער איז איהם געגאַנגען אַנטקעגען מיט אויסגעשטרעקטע הענד.

זיין שוואַרצער איבערראָק, וועלכער איז געווען פול מיט פלעקען פון זויערקייטען און זיסקייטען, איז געווען א סך צו ברייט אויף זיין קליין, דאַר קערפּעריל, און האָט אויסגעזעהען, ווי אַן אַלטער פּריסטער־ראָק. ער האָט גערעדט מיט א שטאַרקען פּוילישען אַקצענט, וואָס האָט זיין דין קול צוגעגעבען עפּעס קינדערשעס.

פּיער האָט זיך געזעצט און מאַראַווסקאַ האָט געפרעגט:

— וואָס הערט זיך עפּעס נייעס, ליעבער דאָקטאָר?

— גאָרנישט. אַלעס איז ווי געוועהנליך.

— איהר זעהט עפּעס ניט אויס ווי אַם בעסטען היינט בייַנאַכט.

— דאָס טרעפט זיך גאַנץ אָפט מיט מיר.

— נו ,גו, פאלט ביי זיך ניט אראב. לאזט זיך ניט אב. ווילט איהר אפשר א גלעזעלע שנאפס?

— יא, מיט פערגעניגען.

— איך וועל אייך געבען צו פערזוכען עטוואס נייעס. שוין זייט צוויי מאנאטען, ווי איך מאך עקספערימענטען מיט אזא מין יאגאדע, וועלכע מען האט ביז אהער בענוצט נור פאר סי־ראפ, און שטעלט זיך פאר, איך האב אויסגעפונען, אז מען קען פון זיי מאכען אן אויסגעצייכענטען שנאפס.

א גליקליכער איז ער צוגעגאנגען צו א שאפע, ארויסגענו־מען פון דארט א פלאש און זי געבראכט צו פיער'ן. ער האט זיך קיינמאל ניט בעוועגט צו שנעל, האט קיינמאל ניט אויסגע־צייגען א האנד צי א פוס אין זייער גאנצער לענג און קיינמאל ניט געמאכט קיין ענטלאסענע בעוועגונג. און זיינע געדאנקען האבען זיך צוגעפאסט צו זיינע בעוועגונגען. ער האט קיינמאל ניט אויסגעדריקט א זאך קלאר און איינפאך, ער האט נור אנגע־דייטעט, אנגעצייכענט מיט עטליכע שטריכען, געגעבען נור א שטיקעל בעגריעף פון דעם, וואס ער האט געוואלט זאגען.

ווי עס האט געשיינט, איז די אויפגאבע פון זיין גאנצען לעבען בעשטאנען אין צובערייטען פערשיעדענע שנאפסען און ברוכט־זאפטען. „דורך א גוטען שנאפס אדער א גוטען זאפט קען מען רייך ווערען" — האט ער אפט געזאגט.

ער האט אויסגעפונען הונדערטע זיסע געטראנקען, אבער קיינעם פון זיי האט ער ניט אריינגעטריבען אין געשעפט. פיער האט אימער געזאגט, אז מאראווסקא דערמאנט איהם אן מא־ראט'ן.

פון דעם הינטערשטען צימער האט דער אלטער געבראכט צוויי גלעזער. דאן האבעןביידע מענער בעטראכט דעם שנאפס, האבען אויפגעהויבען די גלעזער אנטקעגען דאס ליכט פון די גאז כדי צו זעהן די פארב.

— עס האט א פארב, ווי א פרעכטיגער רובין! — האט געזאגט פיער.

— ניט אמת? — האט זיך אבגערופען מאראווסקא און זיין אלטער פאפוגאי־קאפ האט גענומען שטראהלען פאר גליק.

דער דאקטאר האט פערזוכט, געשמעקט, נאכגעטראכט,

נאָך א מאָל פערזוכט און ווידער געטראכט, דאן האָט ער גע־זאָגט:

— זעהר גוט! זעהר גוט! עטוואס גאנץ נייעס און די פארב איז אויסגעצייכענט! דאס איז אן אמת'ע ערפינדונג, מיין ליעבער.

— ווירקליך? דאס פרעהט מיך זעהר.

דאן האָט מאראווסקא געפרעגט ביים דאָקטאָר אן עצה, ווי ער זאָל זיין נייעם ליקער א נאָמען געבען. ער האָט איהם גע־וואָלט רופען „שטאכעלבער־עסענץ“, אָדער „שטאכעלבער־וויין.“

פיער'ן זיינען די נעמען ניט געפעלען. דאן איז דעם אל־טען איינגעפאלען, ער זאָל עס רופען אזוי ווי פיער האָט עס פריי־הער גערופען: „פרעכטיגער רובין.“

דעם דאָקטאָר איז דאס אויך ניט געפעלען, הגם ער אליין האָט דעם נאָמען ערפונדען, און ער האָט איהם געראטהען איינ־פאך צו רופען איהם „שטאכעלבען“. מאראווסקא'ן איז דאס זעהר געפעלען.

דאן זיינען זיי ביידע אנשווייגען געוואָרען און געבליבען זיצען ניט רעדענדיג קיין וואָרט, ביים שיין פון דעם איין־איינ־ציגען גאז־ברענער. צום סוף האָט פיער זיך ניט געקענט איינ־האַלטען און האָט געזאָגט:

— שטעלט זיך פאָר, היינט ביינאכט האָט מיט אונז פאַ־סירט עטוואס אונגעוועהנליכעס. מיין פאָטער'ס אן אלטער פריינד איז געשטאָרבען און האָט איבערגעלאָזט זיין גאנץ פער־מעגען פאר מיין ברודער.

דער אפטייקער האָט הפנים ניט גלייך פערשטאַנען, וואס יענער האָט איהם דערצעהלט, אבער נאָך דעם, ווי ער האָט א ווײלע געטראכט, האָט ער אויסגעדריקט די האָפנונג, אז דער דאָקטאָר וועט קריגען וועניגסטענס א העלפט פון דער ירושה. אָבער ווען פיער האָט איהם ערקלערט, אז דאס איז אונמגעליך, ווייל זיין ברודער אליין איז דער גאנצער יורש, האָט דער אלטער געשיינט צו זיין זעהר ערשטוינט. און כדי צו ווייזען, אז ער איז ניט צופריעדען דערמיט, וואס מען האָט זיין יונגען פריינד אזוי פערטהיילט, האָט ער געזאָגט עטליכע מאָל נאכאנאנד:

— דאס וועט ניט מאכען קיין גוטען איינדרוק.

פיער איז ווידער געווארען נערוועז און געוואלט וויסען, וואס מאראווסקא מיינט דערמיט.

— פאר וואס עפעס זאל דאס ניט מאכען קיין גוטען איינדרוק? וואו ליגט אין דעם דאס שלעכטעס, וואס מיין ברודער ירש'ענט דאס פערמעגען פון א פריינד פון אונזער פאמיליע?

אבער דער פארזיכטיגער אלטער האט ניט געוואלט רעדען צופיעל וועגען דעם און ער האט נור געזאגט:

— אין אזא פאל מאכט מען ביידע צדדים פאר די יורשים. גלויבט מיר, עס וועט ניט מאכען קיין גוטען איינדרוק.

און דער דאקטאר איז אוועק פון איהם אן אונגעדולדיגער, האט זיך אומגעקעהרט אהיים און זיך געלייגט שלאפען.

א צייט לאנג האט ער נאך געהערט, ווי זשאן געהט ארום הין און צוריק אין צווייטען צימער. דאן האט ער אויסגעטרונקען צוויי גלאז וואסער און איז אנשלאפען געווארען.

3.

אויף מארגען אין דער פריה איז דער דאקטאר אויפגעשטאנען מיט דעם פעסטען בעשלוס צו געפינען זיין גליק.

דעם דאזיגען בעשלוס האט ער שוין גאנץ אפט געמאכט, הגם ער האט איהם נאך ביז אהער קיינמאל ניט אויסגעפיהרט. יעדעס מאל, ווען ער האט זיך גענומען צו א נייער פראפעסיאן, האט איהם די האפנונג שנעל רייך צו ווערען געגעבען מוטה און צוטרויען, און ער האט זיך מיט א ברען א נעהם געטהאן צו דער נייער זאך. דאס האט ביי איהם אנגעהאלטען אזוי לאנג, ביז די ערשטע שטערונג איז איהם אין וועג געקומען, און דאן האט עס איהם געטריבען צו עטוואס נייעס.

ער איז געלעגען אונטער דער ווארימער דעקע און געטראכט. וויפיעל דאקטוירים זיינען אין א קורצער צייט געווארען מיליאנערען! מען מוז נור פערשטעהן ווי אזוי פון אנהויב אן זיך אוועקצושטעלען. בעת'ן שטודירען איז ער בעקאנט געווארען מיט די בעריהמטעסטע פראפעסארען און האט איינגעזעהן, אז זיי אלע זיינען געווען גרויסע עזלען. ער האט זיכער געוואוסט פונקט אזוי פיעל, ווי זיי, אויב ניט נאך מעהר. ווען עס זאל איהם נור אבגליקען אריינצוקריגען די עלעגאנטע

און רייכע פאציענטען פון האווער, וואלט ער גאנץ לייכט געקענט מאכען הונדערט טויזענד פראנק א יאהר. און ער האט זיך גענומען בעטראכטען זיינע זיכערע איינקינפטע. ער וועט ארויסגעהן אין דער פריה צו מאכען זיינע וויזיטען, צעהן א טאג צו צוואנציג פראנק א וויזיט, דאס איז אפילו א האר ניט צופיעל. דאס וועט איהם אריינברענגען וועניגסטענס צוויי און זיבעציג טויזענד פראנק א יאהר און אפשר טאקע די גאנצע פינף און זיבעציג טויזענד. ווייל וואס פאר א ווערדע האבען דורכשניטליך צעהן פאציענטען א טאג? נאכמיטאג וועט ער אויפנעהמען פאציענטען ביי זיך אין אפיס, יעדען טאג צעהן קראנקע צו צעהן פראנק א שטיק. דאס וועט איהם אויך אריינברענגען זעקס און דרייסיג טויזענד פראנק — צוזאמען איז דאס א קימא לן פון הונדערט און צוואנציג טויזענד פראנק. אמאליגע פאציענטען און אלטע פריינד, וועמען ער וועט ניט קענען רעכענען מעהר ווי צעהן פראנק פאר א וויזיט און פינף ביי זיך אין דער היים, וועלען די אלגעמיינע סומע עטוואס קלענער מאכען. אבער סוף כל סוף וועט עס ווערען אויסגעגליכען דורך די קאנסולטאציעס מיט אנדערע דאקטוירים און דורך פרעזענטען, וואס קומט אפט אריין פון רייכע פאציענטען.

דאס אלעס וואלט געקענט זיין די לייכטסטע זאך צו עררייכען, ווען מען זאל זיך נור גוט אדווערטייזען. מען דארף אריינגעבען א נאטיץ אין „פיגארא“, וועלכער זאל גלייך פעראינטערעסירען דעם עולם. עס מוז הייסען, אז אלע דאקטוירים פון פאריז האלטען זייערע אויגען אפען און קוקען ארויס אויף דעם יונגען געלעהרטען פון האווער, וועלכער פערשפרעכט עטוואס איבערראשענדעס אין דער וועלט פון מעדיצין. און אויף אזא אופן וועט ער זיין רייכער ווי זיין ברודער, רייכער, בעריהמטער און צופריעדענער, דען ער וועט האבען צו פערדאנקען זיין פערמעגען נור זיך אליין. און צו זיינע עלטערען וועט ער זיין גוט און פרייגעביג, און זיי וועלען זיין שטאלץ אויף זיין גרויסען נאמען. הייראטהען וועט ער ניט. ער וועט זיך ניט פערבינדען מיט א פרוי, ער וויל זיין פריי און וועט קיינעם ניט ערלויבען צו שטעהן איהם אין וועג און פיליכט צו שטערען זיין קאריערע. ער וועט אבער פערבינדען ליעבעס־פערהעלטניסע מיט זיינע שעהנע פאציענטקעס.

ער איז געוועזען אזוי זיכער אין זיין ערפאלג, אז ער איז ארויס־

געשפּרונגען פון בעט, זיך אָנגעטהאָן און איז אוועק אין שטאָדט זוכען א וואָהנונג, וועלכע זאָל זיך פּאַסען פאר זיינע פּלענער.

ווען ער איז דורך די גאסען געגאנגען, האָט ער געטראַכט, ווי קליין זיינען די אורזאכען, וואָס רופען ארויס אונזערע האַנדלונגען. שוין דריי וואָכען, ווי ער קלייבט זיך צו געהן זוכען אַן אָפּיס, און ערשט, ווען זיין ברודער האָט די ירושה געקראָגען, האָט עס איהם געטריבען זיין בעשלוס אויסצופיהרען.

ער איז געבליבען שטעהן פאר די הייזער, אויף וועלכע עס איז געהאַנגען א צעטעל: „א שעהנע וואָהנונג״, אָדער „א רייכע וואָה־נונג״ צו פערדינגען״. ער איז פאַרבייגעגאנגען די איינפאַכע הייזער פול מיט פעראכטונג און האָט אויף זיי אפילו ניט א קוק געטהאָן.

מיט גרויס גדלות האָט ער די וואָהנונגען בעטראַכט, געמאָס־טען די הויף פון די צימערען, פערצייכענט דעם פּלאַן אין זיין נאָ־טיץ־בוך. די ט רען אריינגענגע. ער האָט געזאגט, אז ער איז א דאָק־טאָר און אז ער איז זעהר בעשעפטיגט. די טרעפּ מוזען זיין ברייטע, און ריין געהאַלטען, ער קען ניט וואָהנען העכער ווי אויפ'ן ערשטען שטאָק.

נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעקוקט זיעבען־אכט וואָהנונגען און א צוויי הונדערט אדרעסען פערשריבען ביי זיך אין ביכעל, האָט ער זיך אומגעקעהרט אהיים, פערשפּעטיגט אויף א פערטעל שטונדע, צום פריהשטיק.

ווען ער איז אריין אין פאָרהויז, האָט ער דערהערט דאָס קלאַ־פּען פון טעלער. הייסט עס, מען האָט געגעסן אָהן איהם. פאר־וואָס? געוועהנליך איז ביי זיי ניט געווען אזוי פּינקטליך. עס איז איהם געוואָרען פערדעכטיג און ער האָט זיך דערפיהלט בעליי־דיגט. אזוי שנעל, ווי ער איז אריין, האָט דער פאָטער צו איהם געזאָגט:

— קום, קום, פּיער, מאַך עס שנעל. דו ווייסט דאָך, אז צוויי א זייגער מוזען מיר געהן צום אדוואָקאַט. מיר האָבען היינט ניט קיין איבעריגע צייט צו פערלירען.

דער דאָקטאָר האָט גאָרניט געענטפערט. ער האָט, ווי גע־וועהנליך, א קוש געטהאָן די מוטער, געדריקט די האנד דעם פאָטער און דעם ברודער און זיך געזעצט צום טיש. פון דער רונדער שיסעל, וואָס איז געשטאַנען אין מיטען טיש, האָט ער ארויסגע־

נומען דעם קאַטלעט, וואָס איז פאר איהם פערבליבען. עס איז גע־וועז קאַלט און פערטריקענט. מען האָט איהם הפּנים איבערגעלאָ־זען דעם ערגסטען קאַטלעט. ער האָט א טראַכט געטהאָן, אז מען האָט געמעגט לאָזען שטעהן פאר איהם דאָס עסען אויפ'ן אויווען. מען האָט ניט געדאַרפט זיין אזוי פערהאַוועט מיט דעם אינגערען זוהן, אז מען זאָל איהם, דעם עלטערען, גאַר אין גאַנצען פערגעסען. דאָס געשפּרעך, וואָס איז צוליעב זיין קומען אונטערבראָכען געוואָ־רען, איז איצט ווייטער געפיהרט געוואָרען. מאַדאַם ראָלאַנד האָט געזאָגט צו זשאַן'ען:

— איך וואָלט איצט אויף דיין פּלאַץ אָט וואָס געטהאָן: פריהער פאר אלץ וואָלט איך גענומען א שעהנע וואָהנונג, זיך רייך איינגעפיקסט, דאַן גענומען געהן אין געזעלשאַפט, ארויסגע־פאָהרען רייטענדיג אויף א שעהן פערדעל, זיך אויסגעזוכט א פּאָר אינטערעססאַנטע פּראָצעסען און גלייך געוואָרען גוט מיט די ריכ־טער. איך וואָלט געזוכט צו ווערען בעריהמט אלס אדוואָקאַט, ניט אויס געלדזוכט, נור אויס ליעבע צו דער זאַך. דו דאַרפסט דאַנקען גאָט איצט, ניט זאָרגען פאר קיין זאַך, און ווען דו וועסט זיך בע־שעפטיגען מיט דיין פּראָפעסיאָן, איז עס נור, ווייל דו ווילסט עפּעס האָבען פון דיין שטודירען און ווייל א מאַן מוז איבערהויפּט עפּעס טהאָן.

דער אַלטער ראָלאַנד האָט אָבגעשיילט א באַרנע און דערביי געזאָגט:

— צום טייפעל, איך וואָלט שוין געוואוסט, וואָס איך האָב צו טהאָן אויף דיין פּלאַץ. איך וואָלט מיר געקויפט א שעהנע שיף, א יאַכט־שיף און וואָלט אין איהר ארומגעפאָהרען. אויף אזא שיף קען מען פאָהרען אזש ביז צו סענעגאַל.

איצט האָט אויך פּיער ארויסגעזאָגט זיין מיינונג. ער האָט געדענקט, אז נאָך אַלעמען, איז ניט דאָס געלד אליין, וואָס מאַכט דעם מענשען גרויס און בעדייטענד. קליינינקע, דורכשניטליכע מענשעלאַך שלעפּט דאָס געלד אין בלאָטע אראָב, בשעת ביי בעדיי־טענדע מענשען ווערט עס א שטאַרקע מאַכט. אָבער בעדייטענדע מענשען זיינען דאָ גאַנץ ווייניג, און אויב זשאַן געהערט צו זיי, האָט ער א מעגליכקייט דאָס איצט צו צייגען, ווייל איצט איז ער פריי פון אַלע אנדערע זאָרגען. אָבער ער מוז ארבייטען הונדערט מאָל

מעהר, ווי געוועהנליך. עס האנדעלט זיך ניט וועגען דעם, אז ער זאָל א געוויסען פּראָצעס געווינען און אָבשפּאָרען דערביי א ביסעל געלד. ער מוז אָבער ווערען א בעדייטענדער יוריסט, א לייכטענ־דער שטערען פון גערעכטיגקייט.

און ער האָט צוגעלייגט צום סוף:

— ווען איך וואָלט האָבען געלד! איך וואָלט מיר שוין פער־שאפט א ריכטיגע פּראקטיקע.

דער אַלטער ראָלאנד האָט א דריק געטהאָן מיט די אקסלען:
— עט, נאַרישקייטען. אם בעסטען אין לעבען איז, אז מען זאָל זיך ניט צופיעל אנשטרענגען. מיר זיינען מענשען, און ניט קיין פערד. ווען מען ווערט געבאָרען א קבצן, מוז מען האָרעווען. עס איז גע־נוג ביטער, אָבער מען קען זיך ניט העלפען. ווען אָבער מען האָט געלד, דאן דאַרף מען זיין א פּרא אדם, אום צו האָרעווען און פּראצע־ווען, ווי א פערד.

פיער האָט געענטפערט פון אויבען אראָב:

— מיר ביידע האָבען ניט דיזעלבע מיינונגען. איך רעספּעקט־טיר נו אזעלכע מענשען, וואָס וויסען און קענען עפּעס, וואָס האָ־בען מאַרך אין קאָפּ. אַלעס איבעריגע פעראכט איך.

מאדאם ראָלאנד האָט אימער געזוכט צו פערמיטלען די שטריי־טיגקייטען צווישען פאָטער און זוהן. זי האָט א דרעה געטהאָן דעם געשפּרעך אויף אנאנדער זייט און געגומען רעדען פונ'ם מאָרד, וואָס איז לעצטע וואָך בעגאנגען געוואָרען אין באָלבעק־נאָינטאָם.

גלייך זיינען אַלע פעראינטערעסירט געוואָרען מיט די איינ־צעלהייטען פון דעם מאָרד־געהיימניס.

אָבער דער אַלטער ראָלאנד איז געווען אונגעדולדיג און האָט פון צייט צו צייט ארויסגענומען זיין זייגער פון קעשענע:

— קינדער, מיר מוזען באַלד געהן.

פיער האָט געלאכט:

— עס איז נאָך דאָ גענוג צייט. עס איז אסור כדאי געווען מיר צו געבען צוליעב דעם א קאַלטען קאָטלעט.

— געהסטו מיט צום אדוואָקאט? — האָט געפרעגט זיין מוטער.

— ער האָט געענטפערט טרוקען:

— ניין. צו וואָס? מיין אנוועזנהייט איז דאָרט גאַנץ איבעריג.

זשאַן האָט געשוויגען, ווי עס וואָלט זיך גאָר וועגען איהם ניט געהאַנדעלט. ווען מען האָט וועגען מאָרד אין באַלבעק גערעדט, האָט ער, אַלס אדוואָקאַט, א פּאָר בעמערקונגען געמאכט און איבער פּערברעכען און פערברעכער אין אַלגעמיין א געוויסע מיינונג אויסגעדריקט. איצט האָט ער ווידער געשוויגען. אָבער זיינע לאַבעדיגע אויגען, די פון אויפרעגונג פערדרויטעלטע באַקען, אַפילו זיין בלאַנציג בערדעל האָט אויך אזוי ווי פון זיין גליק דערצעהלט.

ווען אַלע זיינען אוועקגעגאַנגען און פּיער איז ווידער געבליבען אליין, האָט ער זיך אוועקגעלאָזען אין שטאָדט אריין, ווי אין דער פּריה, זוכען א וואָהנונג. נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אָנגעטאָפּטשעט צוויי שטונדען נאָכאַנאַנד טרעפּ־ארויף, טרעפּ־אראָב, האָט ער צום סוף געפונען עטוואָס פאַסענדעס אויף דעם בולוואר פראַנץ 1. דאָס איז געווען א גרויסער אונטערשטער פלאָר מיט צוויי טירען אין פּערשיעדענע גאַסען ארויס, צוויי זאַאַלען, א גלעזערנע גאַלערעע, וואו די קראנקע זאָלען ווארטען און וואו זיי קענען שפּאַצירען צווישען בלומען הין און צוריק, ביז דער דאָקטאָר וועט זיי אויפנעהמען, און דאַן א שעהנער, רונדער עס־צימער מיט דער אויסזיכט אויפ'ן ים.

אָבער ווען ער האָט שוין געוואָלט די וואָהנונג דינגען, האָט איהם דער פּרייז פון דריי טויזענד פראַנק אָבגעשראָקען. ער האָט געמוזט בעצאָהלען פאר דעם ערשטען קווארטאַל פּאָראויס, און ער האָט ניט געהאַט אפילו קיין איין פעניג אַן אייגענעם.

דאָס קליין פערמעגען, וואָס דער פאָטער האָט זיך אָבגעשפּאָרט, האָט קוים אריינגעבראכט אכט טויזענד פראַנק א יאָהר פּראָצענט. און פּיער האָט זיך אימער געמאכט פּאָרווירפע, אז ער מאַכט די עלטערען שווער דערמיט, וואָס ער וואַרפט זיך פון איין שטודיום אויפ'ן צווייטען און פערברויכט אויף דעם א סך איבעריגע געלד. ער איז אוועק און צוגעזאָגט געבען אַן ענטפער אין פערלויף פון צוויי טעג. איצט איז איהם איינגעפאַלען צו בעטען ביי זשאַן'ען, ער זאָל פאר איהם איינצאָהלען פאר'ן ערשטען קווארטאַל, אָדער גאָר פאר'ן ערשטען האַלב יאָהר, ס'הייסט, פופצהען הונדערט פראַנק, אזוי שנעל, ווי ער וועט קריגען זיין ירושה.

„דאָס וועט ער מיר אויסלייהען בלויז אויף א פּאָר מאָנאַטען“, האָט ער געטראַכט פאר זיך. „איך וועל עס איהם אין גיכען אָב־געבען, נאָך אפשר פאר ניי־יאָהר. עס איז א גאַנץ איינפאַכע זאַך, און ער וועט זיך פרעהען, וואָס ער וועט עס קענען טהאָן פאר מיר.

אזוי ווי עס איז געווען נאָך פאר פיער א זייגער און ער האָט גאָר ניט געהאַט וואָס צו טהאָן, איז ער אוועק אין פּאַרק און זיך דאָרט אוועקגעזעצט. א לאַנגע צייט איז ער געזעסען אויף א באַנק, האָט זיך ניט בעוועגט, ניט געטראַכט פון קיין זאַך, נור געפיהלט עפּעס א מיעדקייט און א שווערקייט אויפ'ן האַרצען.

זינט ער איז צוריקגעקומען אהיים צו זיינע עלטערען, האָט ער אַלע זיינע טעג פערבראַכט אין גאָר ניט. ער האָט עס אָבער ניט גע־פיהלט און פון דעם ניט געליטען. איצט האָט ער זיך שוין איבער דעם געוואונדערט און זיך געפרעגט, מיט וואָס האָט ער אויסגע־פילט די פּוסטקייט פון זיין לעבען, ווי אזוי האָט ער די לאַנגע שטונ־דען פון פריה ביז ביינאַכט אוועקגעשטופּט?

ער האָט זיך ארומגעטריבען ארום ברעג ים, האָט זיך ארומגע־שלעפּט איבער די גאַסען, אין די קאַפעס, איז געגאַנגען צו מאַ־ראָווסקא'ן, קורץ, איבעראַל און אומעטום. און פּלוצים איז דאָס לע־בען, וואָס ער האָט ביז אהער געפיהרט, איהם געוואָרען איבערדרי־סיג, מיאוס, אונערטרעגליך. ווען ער זאָל האָבען געלד, וואָלט ער גענומען א קאַרעטע און אוועקגעפאָהרען ווייט, ווייט הינטער'ן שטאָדט, אונטער דעם שאָטען פון די ביימער, ארום די פּויערשע הייזלעך. אָבער ער איז געווען א קבצן און האָט געמוזט אויסרעכע־נען יעדע גלאָז ביער, יעדע בריעף־מאַרקע, און אזעלכע פערגעניגענס האָט ער זיך ניט געטאָרט ערלויבען. ער האָט פּלוצים איינגעזעהן, ווי ביטער עס איז פאר א מענשען פון איבער דרייסיג יאָהר צו זיין געצוואונגען א פערשעהמטער ביי דער מוטער יעדען פראַנק צו בע־טען. און ער האָט געברומט, ראַיענדיג מיט'ן שטאָק די ערד ארום זיך:

—צום טייפעל, ווען איך זאָל האָבען געלד....

און וויעדער האָט איהם דער געדאַנק וועגען דעם ברודער'ס ירושה אין האַרצען א שטאָך געטהאָן. אונגעדולדיג האָט ער דעם געדאַנק פון זיך פערטריבען, ער האָט ניט געוואָלט טראָגען אין זיין האַרצען קיין קנאה.

ארום איהם האבען זיך קינדער אויף די זאמדינגע וועגען גע־שפּיעלט. בלאנדע קינדער מיט לאנגע האר האבען מיט א זעהר ערנסטע מינע און שטארק פערהאוועט צוזאמענגעשארט בערגלאך פון זאמד, כדי נאכדעם זיי אליין צו צוטרעטען.

פיער האט היינט איבערגעלעבט איינעם פון יענע טרויעריגע טעג, ווען דער מענש קוקט אריין טיעף אין אלע ווינקעלאך פון זיין איינענער נשמה, אין יעדען שפּעלטעלע פון זיין הארצען. ער האט געטראכט:

„אלעס, וואס מיר טהוען, איז פּונקט דאס זעלבע, ווי די אר־בייט פון דיזע קינדער." און ער האט זיך געשטעלט די פראגע, צי איז נים די קליגסטע זאך צו ברענגען אויף דער וועלט צוויי־דריי אזעלכע קינדערלאך און דאן נייגעריג צוקוקען, ווי זיי ענטוויקלען זיך און וואקסען. און עס האט זיך איהם פערוואלט הייראטהען. דאן איז מען נים מעהר אזוי עלענד אין לעבען, נים מעהר איינער אליין. דאן הערט מען כאטש ארום זיך לעבעדיגע שטימען. און ווען מען איז דערשלאגען ,מען ליידט, מען זארגט, געפינט מען א טרויסט שוין אין דעם אליין, וואס מען קען צו א פרוי זאגען: „דו".

ער האט גענומען טראכטען וועגען פרויען.

ער האט זיי זעהר ווייניג געקענט. איהם זיינען נור בעקאנט געווען געוויסע פרויען אין דעם לאטיינישען קווארטאל אין פּאריז, מיט וועלכע ער האט געהאט צו טהאן אזוי לאנג, ווי ער האט גע־האט עטליכע פראנק אין קעשענע און וועלכע ער האט געמוזט אויפ־געבען אזוי שנעל, ווי זיין מאנאטליכער געהאלט איז איהם אויס־געגאנגען. עס האבען אבער געמוזט זיין נאך אנדערע פרויען אויך. גוטע, צארטע, איידעלע וועזענס. איז דען זיין מוטער נים געווען דער גוטער גייסט, די ליכטיגע זון פון זיין פאטער'ס הויז? עס האט זיך איהם אזוי געוואלט בעקאנט ווערען מיט א ריכטיגער, אן עכטער פרוי.

פּלוצים האט ער זיך אויפגעהויבען. ער האט זיך בעשלאסען צו מאכען מאדאם ראזעמיללי א וויזיט.

באלד אבער האט ער זיך צוריק אוועקזעזעצט. צו וואס זאל ער צו איהר געהן? זי איז איהם סיי ווי סיי נים געפעלען. זי איז צו געוועהנליך, צו פּראקטיש, און זשאן געפעלט איהר, דאכט זיך, בעסער. הגם ער האט זיך אליין אין דעם קיין רעכנונג נים אבגעגעבען, האט אבער דער פאקט, וואס די אלמנה האט פארגע־

צוּיגען זשאַן'ען, פיעל בייגעטראָגען דערצו, דאָס פּיער האָט אויף איהר געקוקט פון אויבען אראָב. דען ניט אכטענדיג אויף דעם וואָס ער האָט זיין ברודער ליעב געהאַט, האָט ער זיך דאָך ניט געקענט העלפען און געקוקט אויף איהם, ווי אויף א פּשוט'ען, מיטעל־מעסיגען מענשען, בשעת זיך האָט ער געהאַלטען פאר פיעל, פיעל העכער.

אָבער ער האָט דאָך ניט געקענט דאָ בלייבען זיצען ביז נאכט. און אַן אונרוהיגער האָט ער זיך געפרעגט, פונקט אזוי ווי נעכטען: „וואָס זאָל איך טהאָן?"

ער האָט דערפיהלט א בעדירפניש, אז אימיצער זאָל איהם לאַשטשען, טרויסטען, בערוהיגען. פאר וואָס? דאָס האָט ער אליין אויף קלאָר ניט געוואוסט. אָבער ער האָט איבערגעלעבט איינע פון יענע שוואכע און פערצווייפעלטע שטונדען, אין וועלכע די אנ־יועזענהייט, די לאַסקע פון א פרוי, אפילו נור די בעריהרונג פון איהר קלייד, א ליעבער בליק פון שווארצע אָדער בלויע אויגען הייְלען אונזער הארץ, ווי באַלזאַם.

און דאָ האָט ער זיך דערמאָנט אַן א געוויסע קעלנערין פון א ביער־סאלאָן, וועלכע ער האָט א מאָל בעגלייט אהיים, און זי פון צייט צו צייט בעזוכט.

ער איז אויפגעשטאנען, אום צו געהן צו דער מיידעל און מיט איהר צוזאמען טרינקען א גלאָז ביער. וואָס וועט ער איהר זאָגען? וואָס וועט זי איהם זאָגען? וואהרשיינליך גאָרניט. אָבער דאָס מאכט ניט אוים. אם וועניגסטען וועט ער קענען א פּאָר מאָמענטען האַלטען איהר האנד. עס האָט איהם געשיינט, אז ער געפעלט איהר. ווארום איז ער צו איהר עפטער ניט געגאנגען?

ער האָט זי געטראָפען אין דעם כמעט ליידיגען סאלאָן, שלאָ־פענדיג אויף א שטוהל. דריי געסט, מיט די עללענבויגענס אויף די דעמבענע טישען אָנגעשפּארט, האָבען געדויכערט זייערע ליולקעס; די קאַסירשע האָט געלעזען א ראָמאַן, בעת דער באַליבאָס האָט געשלאָפען אויף א באנק.

אזוי שנעל, ווי דאָס מיידעל האָט איהם דערזעהן, האָט זי זיך אויפגעהויבען און איהם געגאַנגען אנטקעגען:

— א גוטען טאָג. ווי געהט עס אייך?

— גאַנץ גוט. און דיר?

— מיר? זעהר גוט. מען זעהט אייך עפּעס גאָר ניט אָן די לעצטע צייט.

— איך האָב זעהר ווענעג צייט. דו ווייסט, איך בין א דאָקטאָר.

— אזוי? איהר האָט עס מיר קיינמאָל ניט געזאָגט. ווען איך זאָל עס פריהער וויסען! לעצטע וואָך בין איך געוועזן קראַנק, איך וואָלט אייך גערופען, ווען איך וויים נור. וואָס טרינקט איהר?

— ביער. און דו?

— איך אויך ביער, ווען דו׳ בעצאָהלסט פאר מיר.

פון דעם דאָזיגען מאָמענט אָן, האָט זי צו איהם געזאָגט „דו“, אזוי ווי מיט דעם, וואָס ער האָט איהר צו א גלאָז ביער איינגעלאָדען, האָט ער איהר שטילשווייגענד זיין הסכמה געגעבען.

זיי האָבען זיך געזעצט ביי א טישעל איינער אַנטקעגען דעם אַנדערען און געפּלוידערט. פון צייט צו צייט האָט זי אָנגענומען זיין האַנד מיט יענער לייכטער פריינדליכקייט פון מיידלאַך, וועמעס ליעבע מען קען קויפען. זי האָט איהם אָנגעקוקט פרעך און געזאָגט:

— וואָרום קומסטו ניט אריין אָפטער? דו געפעלסט מיר זעהר, קליינער.

אָבער איהם האָט שוין געעקעלט פון איהר. זי איז געוועזן נאַריש, גראָב, פּרעך. די פרויען, האָט ער צו זיך געזאָגט, מוזען אונז ערשיינען אין טרוים, אָדער אין א גלאַנץ פון לוקסוס, וועלכער זאָל פערשטעלען זייער געוועהנליכקייט.

זי האָט איהם געפרעגט:

— אנומעלט ביזטו דאָ פארבייגעגאַנגען מיט עפּעס א שעהנעם יונג מיט א בלאָנד בערדעל. איז דאָס דיין ברודער?

— יא, מיין ברודער.

— וואָס פאר א שעהנער יונג ער איז!

—ער געפעלט דיר?

איז וואָס זאָגסטו דערצו? ביזטו צופריעדען?

— יא, זעהר. און דאַן זעהט ער אוים צו זיין זעהר א לעבעדיגער חברה־מאַן.

וואָס פאר א משוגענער פערלאַנג איז איהם פּלוצים בעפאַלען, ־ער דאָזיגער קעלנערין פון זשאַן׳ס ירושה צו דערצעהלען? וואָרום איז איהם איצט געקומען דיזער געדאַנק, וועלכען ער האָט די גאַנצע

צייט געטריבען פון זיך, וועלכען ער האָט ניט געוואָלט אויסדער־קלערן. ווען ער איז אפילו אליין געווען, כדי אויסצומיידען אומזיסטע אויפרעגונג? פאַרוואָס איז עס איהם איצט אויף די ליפּען געקומען, און פאַר וואָס האָט ער זיך ניט געקענט איינהאַלטען, און זיין פאַר־ביטערט האַרץ געעפענט?

ער האָט געזאָגט, פערלייגענדיג א פוס אויף א פוס:

— אָט ער, מיין ברודער, האָט מזל. ער האָט ערשט ניט לאַנג גע׳ירש׳ענט צוואַנציג טויזענד פראַנק א יאָהר איינקונפט.

זי האָט ברייט פונאַנדערגעעפענט איהרע בלויע נייציגע אויגען:

— אזוי? און ווער האָט איהם איבערגעלאָזען? די באָבע, אָדער די טאַנטע?

— ניין, אן אַלטער פריינד פון מיינע עלטערן.

— אך ,אזוי, נור א פריינד? עס קען ניט זיין! און דיר האָט ער גאָר ניט אָבגעזאָגט?

— ניין. איך האָב איהם זעהר ווייניג געקענט.

זי האָט א פּאָר מאָמענטען נאָכגעטראַכט, דאַן האָט זי זיך אָב־גערופען מיט א מאָדנעם שמייכעל אויף די ליפּען:

— נו, דיין ברודער האָט אָבער גליק, וואָס ער האָט אזעלכע פריינד. ווייבאַלד אזוי, איז שוין קיין וואונדער ניט, וואָס ער איז ניט עהנליך צו דיר.

עס האָט זיך איהם געוואָלט איהר דערלאַנגען א פּאָר פעטש. און ער האָט געפרעגט מיט פארשצעמטע ציין:

— וואָס מיינסטו דערמיט?

— איך? גאָרניט. איך מיין, ער האָט פשוט מעהר מזל, ווי דו.

ער האָט א וואָרף געטהאָן צוואַנציג סו אויפ׳ן טיש און איז אוועק.

איהר בעמערקונג: „ווייבאַלד אזוי, איז קיין וואונדער ניט, וואָס ער איז ניט עהנליך צו דיר“, האָט זיך איהם איינגעגעסען אין מוח און איהם איצט ניט אויפגעהערט צו עגבערען.

וואָס האָט זי דערביי געמיינט? וואָס האָט זי אין די דאָזיגע ווערטער אריינגעלייגט? אין דעם איז אודאי געלעגען עפּעס א מיאוס׳ער געדאַנק, א געמיינהייט, א נידערטרעכטיגקייט. יאַ, גע־וויס, דאָס מיידעל האָט געמיינט, אז זשאַן איז מאַרעכאַל׳ס זוהן.

ביי דעם געדאַנק, אַז אויף זיין מוטער האָט געקענט פאַלן אַזאַ פערדאַכט, האָט איהם אַזוי אויפגעבראַכט, אַז ער איז שיער ניט געפאַלען פון אויפרעגונג, און ער האָט זיך גענומען אַרומקוקען אויף עפּעס אַ פּלאַץ, וואו ער זאָל זיך קענען צוזעצען.

אנטקעגען איהם האָט זיך געפונען אַן אַנדער קאַפע. ער איז אַריין אַהין, גענומען אַ שטוהל, און ווען דער קעלנער איז צו איהם צוגעגאַנגען, האָט ער געזאָגט: „איין ביער".

דאָס האַרץ האָט ביי איהם געקלאַפּט, אַ קעלט איז איהם איבער'ן לייב אַריבער. און פּלוצים האָט ער זיך דערמאָנט, ווי מאַראָוסקאַ האָט איהם מיט אַ טאָג צוריק געזאָגט: „עס וועט ניט מאַכען קיין גוטען איינדרוק". איז עס מעגליך, אַז ער האָט געהאַט דעמזעלבען געדאַנק, דעם זעלבען פערדאַכט, ווי דאָס נאַרישע, פרעכע מיידעל?

ער האָט זיך צוגעבויגען צו דער גלאָז ביער, געזעהען, ווי דער ווייסער שוים הויבט זיך אויף און צוגעהט, און זיך דערביי געפרעגט: „קען מען דען ווירקליך אַרויפקומען אויף אַזאַ געדאַנק?"

און וואָס מעהר ער האָט געטראַכט, אַלץ קלאָרער איז איהם געוואָרען, אַז פון ווייטען, ביי פרעמדע מענשען, קען עס לייכט אַרויסרופען אַ מיאוס'ען, אַ העסליכען פערדאַכט. ווען אַן אַלטער בחור, וועלכער האָט ניט קיין אייגענע יורשים, לאָזט איבער זיין פערמעגען פאַרביידע קינדער פון זיין אַלטען פריינד, דאַן איז דאָס די איינפאַכסטע, די נאַטירליכסטע זאַך אויף דער וועלט. ווען אָבער ער לאָזט זיין פערמעגען צו איינעם פון די קינדער, דאַן איז זעהר נאַטירליך, אַז מען זאָל זיך וואונדערען, מען זאָל וועגען דעם רעדען און זאָגאַר לאַכען. ווי אַזוי האָט ער דאָס פריהער ניט פערשטאַנען? ווי אַזוי האָט עס זיין פאָטער ניט געפיהלט, זיין מוטער ניט פאַראויסגעזעהען? זיי זיינען הפּנים געוועזען צו גליקליך מיט דער אונערוואַרטעטער ירושה און עס איז זיי דערפאַר גאָרניט איינגעפאַלען. און דערצו, ווי קען עהרליכע מענשען איינפאַלען אַזאַ געמיינהייט!...

אָבער וועלען דען די בעקאַנטע, די שכנים, די סוחרים און אַלע, וואָס קענען זיי, ניט פערשפּרייטען דעם דאָזען פערדאַכט? ווע-

לען זיי זיך ניט וויצלען און חכמה'נען איבער דעם? וועלן זיי זיין פאטער ניט אויסלאכען און זיין מוטער ניט פעראכטען?

און דאס, וואס די קעלנערין האט בעמערקט, אז זשאן איז בלאנד און ער ברונעט, אז זיי זיינען ניט עהנליך איינער צום אנדערען, ניט אין פנים, ניט אין גאנג, ניט אין האלטען זיך — דאס וועט איצט אלעמען די אויגען אויסשטעכען. פון איצט אן, אז מען וועט רעדען פון ראלאנד'ס זיהן, וועט עס הייסען: „וועלכער, דער ריכטיגער אדער דער פאלשער?"

ער האט זיך אויפגעהויבען מיט דער אבזיכט זיין ברודער אויף דעם אויפמערקזאם צו מאכען און איהם צו ווארנען אנטקעגען דער געפאהר, אין וועלכער זיין מוטער'ס עהרע ווערט אוועקגעשטעלט. אבער וואס קען זשאן טהאן? דאס בעסטע וואלט געווען, ווען ער זאל זיך אבזאגען פון דער ירושה, וועלכע וועט דאן איבערגעהן צו ארימע קינדער. און די פאר פריינד און בעקאנטע, וועלכע וויסען דערפון, האט מען געקענט ערקלערען, אז געוויסע פאדערונגען פון דער ירושה קען זשאן ניט אננעהמען און דערפאר ווערט ער בלויז געמאכט פאר א סארט אפעקון.

ווען ער איז צוריק געקומען אהיים, האט ער ביי זיך בעשלאסען, אז ער מוז זעהן זיין ברודער אליין, ווייל ער קען דאך פון אזא זאך ניט רעדען אין געגענווארט פון די עלטערען.

נאך אויפ'ן שוועל האט ער דערהערט לויטערע שטימען און לאכען אין זאאל. און ווען ער איז אריין אינעווייניג, האט ער דערהערט די שטימען פון מאדאם ראזעמעללי און קאפיטאן בעזירע, וועמען דער אלטער ראלאנד האט מיטגעבראכט און פערהאלטען צום עסען, כדי צוזאמען צו פייערען די גליקליכע ירושה.

מען האט געבראכט וויין און שנאפס, פון אפעטיט וועגען און כדי זיך צו מאכען א ביסעל לעבעדיגער, פרעהליכער. קאפיטאן בעזירע, א קליינער, קיילעכדיגער מאן, וועלכער איז הפנים געווארען אזוי קיילעכדיג פון זיין שטענדיגען ארומדרעהען זיך אויפ'ן ים, און וועמעס געדאנקען האבען אויך געשיינט צו זיין אזוי קיילעכדיג, ווי די שטיינדלעך אויפ'ן ברעג, האט גערעדט מיט א פולען מויל מיט „ר'ס". דאס לעבען איז איהם זעהר שטארק געפעלען און אלעס ארום האט אין זיינע אויגען אויסגעזעהען וואונדערשעהן.

ער האָט געטרונקען מיט דעם אַלטען ראַלאַנד, בעת זשאַן האָט ווידער אָנגעבאָטען די דאַמען צוויי פולע גלעזער.

מאַדאַם ראַזעמילי האָט מעהר ניט געוואָלט טרינקען, אָבער קאַפּיטאַן בעזירע, וועלכער האָט געקענט איהר פערשטאָרבענעם מאַן, האָט איצט אויסגערופען:

— טרינקט, טרינקט, ליעבע פרוי. צוויי גלאָז ווין וועלען איך ניט שאַדען. זייט איך פאָהר ניט ארום אין דעם אָפענעם ים, טרינק איך יעדען טאָג פאַר'ן עסען צוויי־דריי גלאָז. נאָכ'ן קאַפע טרינק איך אויס נאָך א גלאָז, און דאַן דערמאָנט עס מיר דעם שאָקלען זיך אויפ'ן שיף, און אין אָבענד שאָקעל איך זיך שוין טאָקע אויף אַן אמת. אָבער ביז צו א שטורם לאָז איך קיינמאָל ניט צו, ניין, דאָס קיינמאָל ניט.

ראַלאַנד, וועלכען דער אַלטער קאַפּיטאַן האָט אימער דער־מאָנט דעם ים און ווייטע רייזען, האָט געלאַכט פון גאַנצען האַר־צען. ער איז געווען רויט, ווי א בוריק און גוט אָנגעשנאָסקעט פון דעם שטאַרקען אַבסינטי. ער האָט געהאַט א גרויסען בויך, וועלכער האָט אויסגעזעהען, ווי ער וואָלט איינגעשלונגען אין זיך אַלע אי־בעריגע טהיילען פונ'ם קערפּער. איינעם פון יענע בייכער, וועלכע מענשען קריגען, ווען זיי זיצען אימער אויף איין אָרט, זיי האָבען דאַן ניט קיין היפטען, קיין ברוסט, קיין אָרעמס, קיין האַלז, ווייל ווען זיי זיצען, ווערט אַלעס ביי זיי צוזאַמענגעגאָסען אין איין איינציגען גרויסען קנויל.

בעזירע איז געווען פונקט פערקעהרט, הגם ער איז געווען קליין און דיק, ווי א פולע איי, און האַרט, ווי א קויל פון א קאַ־נאָנע.

מאַדאַם ראַלאַנד האָט נאָך אפילו איהר ערשטע גלאָז ניט אויסגעטרונקען. און עטוואָס פעררויטעלט פאַר גליק, האָט זי מיט שמייכלענדיגע אויגען בעטראַכט איהר זוהן זשאַן.

זשאַן האָט ערשט איצט אויף אַן אמת דערפיהלט זיין גליק. די זאַך מיט דער ירושה איז געווען אין גאַנצען געענדיגט, ער האָט אונטערגעשריבען די פּאַפּירען און איצט פערמאָגט ער צוואַנציג טויזענד פראַנק איינקונפט א יאָהר. אין זיין גאַנצער האַלטונג, אין דער אַרט, ווי ער האָט געלאַכט, גערעדט, געקוקט אויף מענשען, האָט זיך געפיהלט די זיכערהייט פון א מענשען, וועלכער האָט געלד.

דער טיש איז שוין געווען געגרייט. אָבער ווען דער אַלטער ראָלאַנד האָט געוואָלט פיהרען צום טיש מאַדאַם ראָזעמיללי, האָט זיין פרוי אויסגערופען:

— ניין, ניין, פּאַטער! דאָס איז היינט זשאַן'ס זאַך.

דער טיש האָט געשטראַהלט פון אונגעוועהנליכען לוקסוס. פאַר זשאַן'ס טעלער, וועלכער איז היינט געזעסען אויף זיין פאַטער'ס פּלאַץ, איז געשטאַנען אַ גרויסער בוקעט בלומען. ער האָט זיך אויפגעהויבען הויך איבער פיער גרויסע פולע שיסלען, ווי די פּיראַמידען. אויף איינער האָבען זיך געפונען וואונדער־שעהנע פּיטשעס; אויף דער צווייטער איז געלעגען אַ גרויסער טאָרט פול מיט גלעקלאַך פון ברוינעם צוקער בעפּוצט — אַ מין סאָרט קירכע פון צוקער־געבעקס געמאַכט. די דריטע איז געווען פול מיט פיין־געשניצטע פּענעצער פיינעפּעל אין גוטען סיראָפּ, און אויף דער פיערטער זיינען געווען שווארצע וויינטרויבען.

— גאָט אין הימעל! — האָט געזאָגט פּיער, זיך זעצענדיג — מיר פּייערען עס הפנים דאָס גליק פון זשאַן דעם רייכען.

נאָכ'ן סוף האָט מען געטרונקען מאַדערא. און זיי האָבען גערעדט אַלע צוזאַמען. בעזירע האָט דערצעהלט פון אַ דינער, וועלכען ער האָט אַ מאָל בייגעוואוינט אין סאַן דאָמינגאָ, ביי אַ נעגער־גענעראַל. דער אַלטער ראָלאַנד האָט זיך צוגעהערט און אַלע ווײַלע פּרובירט איהם אַריינפאַלען אין די רייד און דערצעהלען אַליין אַ מעשה וועגען אַ דינער, וועלכען איינער פון זיינע פריינד האָט געגעבען אין מאַודאָן, פון וועלכען אַלע געסט זיינען קראַנק געווען פערצעהן טעג נאָכאַנאַנד. מאַדאַם ראָזעמיללי, זשאַן און זיין מוטער האָבען געמאַכט פּלענער אַרויסצופאָהרען אויף אַן עקסקורשאָן און פריהשטיקען אין סיינט זשאַוין. זיי האָבען ערוואַרט צו האָבען דערפון גרויס פערגעניגען. פּיער'ן אַליין האָט פערדראָסען וואָס ער איז ניט געבליבען ערגעץ ביים ים אין אַ קאַפע און דאָרט אַליין אָבגעגעסען, דאַן וואָלט ער אויסגעמידען דעם טומעל, דעם געלעכטער, און וואָלט אַט די דאָזיגע אַלע פריינד ניט אָנגעקוקט.

ער האָט געטראַכט, ווי אַזוי ער זאָל אָנהויבען רעדען מיט'ן ברודער, ווי אַזוי רעדט מען איהם איין, אַז ער זאָל זיך אָבזאָגען פון דאָס געלד, וועלכע ער האָט שוין כמעט גענאָמען אין זיינע הענד, און וואָס האָט איהם בערוישט און גליקליך געמאַכט. געוויס וועט עס איהם אָנקומען שווער, אָבער מען קען זיך ניט העלפען, עס מוז גע־

שעהען. ער טאָר ניט צענגערען ,זיין מוטער׳ס גוטער נאָמען שטעהט אין קאָן.

ווען מען האָט אוועקגעשטעלט א גרויסען פיש אויפ׳ן טיש, האָט עס דעם אלטען ראָלאנד ווידער ארויפגעבראכט אויף פער־שיידענע מעשה׳לעך צו דערצעהלען. בעזירע האָט אויך דער־צעהלט וואונדערליכע זאכען, וואָס ער האָט געזעהען אין די האפענס פון גאבראן, פון סיינט מאריע און מאדאגאסקאר און איבערהויפט אין די האפענס פון כינא און יאפאן ,וואו די פיש זעהען אויס פונקט אזוי מאָדנע ,ווי די מענשען דאָרטען. און ער האָט געשילדערט, ווי די פיש זעהען אויס מיט זייערע גרויסע גאָלדענע אויגען, זייערע רויטע אָדער בלויע בייכער, זייערע משונה׳דיגע שופען, וועלכע זיי־נען אזוי ווי די פעכער, און די ווידלען ווי האלבע לבנה׳ס. און ער האָט אזוי קאָמיש נאָכגעמאכט זייערע בעוועגונגען, אז אלע, וואָס האָבען זיך צו איהם צוגעהערט, האָבען געקוישנעט פאר געלעכטער.

פיער אליין איז געבליבען ערנסט און אָנגעבלאָזען.

נאָך דעם פיש האָט מען דערלאנגט נאָך פערשידענע אנדערע געריכטען. מאדאם ראזעמילי׳ס דיענסט־מיידעל האָט געהאָלפען סארווערען. און די פרעהליכקייט איז געוואקסען צוזאמען מיט דער צאָהל פון די אויסגעטרונקענע גלעזער וויין. ווען מען האָט געעפענט די ערשטע פלאש שאמפאניער און דער פראָפען האָט א שפרונג גע־טהאָן אין דער הויך, האָט דער אלטער ראָלאנד, וועלכער איז שוין געווען שטארק אָנגעשנאָסקעט, נאָכגעמאכט מיט׳ן מויל דעם גערויש פון דער געעפענטער פלאש און געזאָגט:

— דאָס איז מיר א סך ליעבער, ווי דער קנאל פון א ביקס.

פיער, וועלכער איז געוואָרען אלץ מעהר און מעהר צורייצט, האָט געענטפערט איראָניש:

— דאָס קען זיך זיין, פון דעסטוועגען איז דאָס געפעהרליכער פאר דיר.

ראָלאנד, וועלכער האָט נור וואָס געוואָלט צוטראָגען דעם וויין צו די ליפען, האָט אוועקגעשטעלט זיין פולע גלאָז צוריק אויפ׳ן טיש און געזאָגט:

—פאר וואָס עפעס?

שוין א צייט לאנג, ווי ער האָט זיך בעקלאָגט אויף זיין געזונד

ער האָט געפּיהלט עפּעס א שווערקייט אין די גליעדער, א שווינדלען, א שטענדיגע איבעלקייט. דער דאָקטאָר האָט זיך אָבגערופען:

— ווייל די קויל פון ביקס קען זעהר לייכט דיר פערביפליהען, בעת דאָס גלאָז וויין געהט דיר אונבעדינגט אין בויך אריין.

— און דאן?

— דאן ברענט עס דיר אין מאָגען, מאכט דיך נערוועז, מאכט שווער די בלוט־צירקולאציאָן און ביסלעכווייז ברענגט עס צו אן אפּאָפּלעקסיע, וועלכע עס סטראשעט די מייסטע מענשען פון דיין סאָרט.

די גאנצע פרעהליכקייט פון דעם אמאָליגען יובעליר איז אוועק ווי מיט׳ן רויך. און ער האָט אָנגעקוקט זיין זוהן מיט שטאַרע, צו־שראָקענע אויגען, כדי צו זעהען, אויב יענער מאכט דאָ ניט אזא שפּאס.

אָבער באזירע האָט אויסגערופען:

— די פערפלוכטע דאָקטוירים, אַלע זיינען זיי גלייך! טרינק ניט, עס ניט, ליעב ניט, טאנץ ניט. אַלעס, אלעס קען שאדען דעם געזונד. נא, איך האָב דאָס אלעס געטהאן אין אלע עקען פון דער וועלט, וואו איך האָב נור געקענט און וויפיעל איך האָב נור גע־קענט, און, ווי איהר זעהט, איז עס מיר גאנץ וואויל בעקומען.

פיער האָט געענטפערט עטוואָס שארף:

— ערשטענס, קאפּיטאן, זייט איהר געזינדטער פון מיין פאַ־טער; און דאן רעדען אַלע לעבע־מענער, אזוי ווי איהר, ביז צו דעם טאָג, ווען... ווען זיי קענען שוין מעהר ניט קומען צום פאָרזיכטיגען דאָקטאָר און זאָגען: „איהר זיינט גערעכט געווען, דאָקטאָר.“ ווען איך זעה, אז מיין פאָטער טהוט עטוואָס, וואָס איז פאר איהם שלעכט און געפעהרליך, האָב איך דאָך א רעכט איהם צו ווארנען. איך וואָלט געוועז א שלעכטער זוהן, ווען איך זאָל האנדלען אנדערש.

מאדאם ראָלאנד איז געוועזן אויסער זיך, און זי האָט געזאָגט פערדריסליך:

— אָבער, פּיער, וואָס איז מיט דיר דער מעהר? דער איינ־ציגער מאָל וועט איהם דאָך ניט פערשאטען. בעדענק זיך נור, וואָס פאר א יום טוב עס איז היינט פאר איהם, פאר אונז אלעמען. דו זועסט אונז נאָך די גאנצע שמחה פערשטערען. דאָס איז ניט שעהן פון דיר!

ער האָט א דריק געטהאָן מיט די אקסלען און ארויסגעברומט:

— פון מיינטוועגען קען ער טהאָן וואס ער וויל. איך האָב איהם געווארענט.

אָבער דער אלטער ראָלאנד האָט מעהר ניט געטרונקען. ער האָט געקוקט אויף זיין גלאָז פול מיט'ן לייכטענדיג העלען ויין און מורא געהאט זיך דערצו צו צוריהרען. איצט האָט ער געקוקט אויף דעם וויין מיט דעם חשד פון א פוקס, וועלכער זעהט א טויטע הוהן און שרעקט זיך פאר א פאסטקע.

ער האָט ניט דרייסט געפרעגט:

— דענקסטו, אז דאָס וועט מיר זעהר פארשאטען?

פיער האָט שוין איצט חרטה געהאט פאר זיין בעמערקונג, און עס האָט איהם פעהרדראָסען, וואס ער שטערט די איבעריגע מיט זיין שלעכטען מוטה:

— נו, איינמאָל וועט דיר ניט שאדען, אָבער אָפט טאָרסטו ניט טרינקען. עס טאָר ביי דיר ניט ווערען קיין געוואוינהייט.

דאן האָט דער אלטער ראָלאנד אויפגעהויבען זיין גלאָז, הגם ער האָט נאָך אַלץ ביי זיך ניט געקענט פועל'ן עס צו נעהמען צו די ליפען. ער האָט עס אָנגעקוקט מיט וועהטאָג, מיט פערלאנג און מורא צוגלייך. דאן האָט ער עס א שמעק געטהאָן, פערזוכט, געגר־מען טרינקען לאנגזאם, א זופ נאָך א זופ מיט א שוואך, צוקלעמט הארץ, פול שרעק און פערלאנגען. אזוי שנעל, ווי ער האָט אויס־געטרונקען דעם לעצטען טראָפען, האָט איהם גלייך פערדראָסען, וואָס ער האָט געטרונקען.

דאן האָט פיער זיך פלוצלים בעגעגענט מיט דעם בליק פון מאדאם ראזעמיללי.

איהרע בלויע אויגען האָבען געקוקט אויף איהם קלאָר, דורכ־דרינגענד און הארט. און ער האָט דערפיהלט, האָט פערשטאנען דעם קלאָרען געדאנק, וועלכער איז געלעגען אין דעם דאָזיגען בליק, אין דעם בליק פון אן איינפאכער, קליינער פרוי מיט א גלייכען שכל, און ער האָט דאָרט איבערגעלעזען: „דו ביזט אייפערזיכטיג אויף דיין ברודער, דו ביזט איהם מקנא, דו פערגינסט איהם ניט. אט וואָס, מיין ליעבער, און דאָס איז מיאוס, פע, ניט שעהן!"

ער האָט איינגעבויגען דעם קאָפּ און ווייטער גענומען עסען.

ער איז ניט געווען הונגעריג, און קיין זאך אויפ'ן טיש איז

איהם ניט געווען געפעלען. עס האָט איהם נאָכאַנאַנד געטאַטשעט־
־ער פערלאַנג אוועקצוגעהן פון די אלע מענשען, ניט הערען מעהר
זייערע רייד, זייערע וויצען, זייער געלעכטער.

דער אלטער ראָלאַנד, וועמען דער ווין האָט ווידער א ביס־
סעלע אויפגערעגט, האָט שוין באַלד כמעט אין גאַנצען געהאַט פער־
געסען דעם זוהן'ס גוטע עצות, און האָט געמאַכט חן'דלאַך צו א
פלאַש שאַמפּאַניער, וועלכע איז געשטאַנען נעבען זיין טעלער נאָך
כמעט אין גאַנצען א פולע. ער האָט עס ניט געוואגט צו בעריה־
רען, מורא האָבענדיג פאַר פּיער'ס א נייע דרשה, און ער האָט גע־
טראַכט: ווי אזוי גיסט מען זיך אָן די גלאָז, אַז יענער זאָל עס ניט
בעמערקען. און ער איז געפאַלען אויף א גאַנץ איינפאַכען שפּיצעל.
ער האָט גלייכגילטיג גענומען די גלאָז, אויסגעשטרעקט זיין האַנד
איבער'ן טיש און צוערשט אָנגעגאָסען דעם דאָקטאָר'ס גלאָז. דאַן
האָט ער נאָך דער רייהע נאָך אָנגעגאָסען די איבעריגע, און ווען ער
איז געקומען צו זיין גלאָז, האָט ער זיך שטאַרק צורעדט, און אזוי רע־
דענדיג, גאַנץ אונבעמערקט אָנגעגאָסען זיין גלאָז. קיינעם איז גאָר־
ניט איינגעפאַלען, קיינער האָט אויף איהם איצט ניט געקוקט.

פּיער האָט אין זיך אריינגעגאָסען א היבשע ביסעל. א נער־
ווענזער, אָן אויפגערעגטער, האָט ער אלע ווילע אויפגעהויבען דעם
קריסטאַלענעם בעכער, מיט אָן אונבעוואוסטער בעוועגונג איהם צו־
געטראָגען צו די ליפּען און לאַנגזאַם אין מויל אריינגעגאָסען.

ביסלעכווייז האָט א זיסע וואַרימקייט אַלע זיינע גליעדער אָנ־
געפילט. די דאָזיגע וואַרימקייט איז געקומען פון בויך, וועלכער
האָט אזוי ווי דעם גאַנצען קערפּער צוגעוואַרימט, איז אין דער
ברוסט אריין, האָט זיך אין אלע גליעדער צוגאָסען, אין זיין גאַנ־
צען פלייש, ווי אָן אנגענעהמע כוואַליע, וועלכע ברענגט מיט זיך
פרייד. ער האָט זיך דערפיהלט בעסער, וועניגער אונצופריעדען.
און זיין ענטשלוס נאָך היינט ביינאַכט צו רעדען מיט'ן ברודער,
איז אַלץ בלאַסער און בלאַסער געוואָרען. ניט ווייל איהם איז
איינגעפאַלען, אז ער זאָל זיך אָבזאָגען פון זיין ענטשלוס, נור ווייל
ער האָט איינפאַך ניט געוואָלט צושטערען זיך די גוטע שטימונג,
און וועלכער ער האָט זיך איצט געפונען.

בעזירע האָט זיך אויפגעהויבען, אום צו מאַכען א טאָסט.
ער האָט זיך ארומגעקוקט און געזאָגט:

— מיינע שעהנסטע דאמען און ליעבע העררען! מיר זיינען דאָ היינט אַלע פערקליבען, אום צו פייערען א גליקליכען צופאַל, וואָס האָט געטראָפפען מיט איינעם פון אונזערע פריינד. א מאָל פלעגט מען זאָגען, אז דאָס גליק איז בלינד. נאָך מיין מיינונג נאָך, איז עס נור קורצזיכטיג אָדער בייז, אָבער זייט עס האָט זיך צוגע־פאסט א גוטע פּאָר ברילען צו די אויגען, האָט עס גלייך געטראָפפען אין דעם האַפען פון האווער און דאָרט האָט עס אויסגעפונען דעם זוהן פון אונזער בראווען ראָלאנד, דעם קאפּיטאַן פון דער „פּערל".

אלע האָבען גענומען קלאַפּען מיט די הענד און שרייען בראַ־וואָ. און דער אלטער ראָלאנד האָט זיך אויפגעהויבען, אום צו ענט־פערען. ער איז א ווייַלע געשטאַנען גאַנץ אונבעוועגט. דאַן האָט ער זיך אָבגעהוסט, געפּיהלט, ווי עפּעס ווערגט איהם אין האַלז, ווי די צונג איז שווער און בעוועגט זיך קוים, און גענומען שטאַמלען:

— א דאנק, קאפּיטאַן, א האַרציגען דאנק פון מיר און פון מיין זוהן. איך וועל קיינמאָל ניט פערגעסען, ווי איהר האָט זיך גע־האַלטען ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט. איך טרינק פאר דער ערפילונג פון אלע אייערע ווינשע!

זיינע אויגען און זיין נאָז זיינען געווען פול מיט טרערען, און ער האָט זיך געזעצט, ווייל ער האָט ניט געוואוסט, וואָס ווייַ־טער צו זאָגען.

זשאַן האָט לאַכענדיג גענומען דאָס וואָרט. ער האָט געזאָגט:

—איך מוז דאנקען אונזערע גוטע פריינד, אונזערע ליעבע פריינד (ער האָט אַנגעקוקט מאַדאַם ראָזעמיללי), וועלכע האָבען מיר היינט געגעבען אזא ריהרענדע פּראָבע פון זייער פריינדשאַפט. איך קען ניט מיט ווערטער אויסדריקען מיין דאנקבארקייט. איך וועל עס אייך אָבער בעווייזען מאָרגען, שפּעטער, אימער, דען אונ־זער פריינדשאַפט איז ניט פון יענעם סאָרט, וועלכע פערגעהט ווען־עס־איז.

די מוטער האָט געשטאַמעלט זעהר געריהרט:

— זעהר גוט ,מיין טהייער קינד!

אָבער בעזירע האָט אויסגערופען:

— נא, מאַדאַם ראָזעמיללי, זאָגט איהר א פּאָר ווערטער אין נאָמען פון די דאמען.

זי האָט אויפגעהויבן איהר גלאָז און מיט אן אנגענעהמער שטימע, אין וועלכער עס האָט זיך געפיהלט א טרויעריגער טאָן, האָט זי געזאָגט:

— געבענשט זאָל זיין דער אנדענקען פון הערר מארעכאל. פאר דעם טרינק איך.

א פאָר מינוטען איז אלעס געווען שטיל, ווי נאָך א געבעט. דאן האָט בעזירע, וועלכער האָט גלייך געפונען עטוואָס פאסענדעס, גע־זאָגט:

— אזוי צאַרט־פיהלענד קענען זיין נור פרויען.

דאן האָט ער זיך געווענדעט צום אלטען ראָלאנד:

— זאָג מיר אקאָרשט, ווער איז ער אייגענטליך געווען, דער דאָזיגער מארעכאל? איהר זייט הפנים געווען מיט איהם זעהר שטארק בעפריינדעט?

דער אלטער, וועמען דער ווייך האָט אריינגעבראכט אין א ריהרענדער שטימונג, האָט זיך צוואוויינט און גענומען שטאמלען מיט א געבראָכענער שטימע:

— אָ, גוטער ברודער... וויסטו... איינער פון יענע פריינד, זואָס מען האָט נור איין מאָל אין לעבען... יאָ... מיר האָבען זיך קיינמאָל ניט צושיידעט... ער האָט ביי אונז געגעסען, געטרונקען... האָט אונז אָפט איינגעלאדען אין טהעאטער...... איך זאָג דיר... איך זאָג דיר... אַן אמת'ער פריינד... א טהייערער פריינד. ניט אמת, לואיזע?

זיין פרוי האָט געענטפערט איינפאך:

— יאָ, ער איז געווען א גוטער פריינד.

פיער האָט אָנגעקוקט זיין פאָטער און מוטער. אָבער אזוי ווי מען האָט גערעדט פון אנדערע זאכען, האָט ער ווידער גענומען טרינקען.

צום סוף פון דעם דאָזיגען אָבענד איז ער געוואָרען אזוי בע־רוישט, אז ער האָט שוין פון קיין זאך ניט געקענט טראכטען. מען האָט נאָך געטרונקען קאפע, ליקער און פון פערשיעדענע וויצען גע־לאכט. ארום האלבע נאכט איז ער אוועק שלאָפען מיט א צומיש־טען פערשטאנד און א שווערען קאָפּ, און ביז אויף מאָרגען ביין א זייגער איז ער געשלאָפען, ווי א טויטער.

4.

פון דעם שאמפאניער און די אנדערע ווייגען האט ער הפנים געהאט גוטע חלומות, דען ער איז אויפגעשטאנען א בערוהיגטער און אין א גוטען מוטה.

ער האט גענומען נאכטראכטען אלע זיינע געדאנקען פון נעכ־טען, אלעס, וואס ער האט געהערט און געזעהען און געזוכט צו ציהען א ריכטיגען שלום.

די קעלנערין, אליין א געפאלענע פראסטיטוטקע, האט געקענט האבען דעם נידעריגען געדאנק, ווען זי האט דערהערט, אז נור איי־נער פון די זיהן האט גע׳ירש׳ענט די ירושה. אבער פערדעכטיגען דען ניט דיזע נידעריגע בעשעפענישען יעדע אנשטענדיגע פרוי גאר אהן א שום גרונד? זיי בשימפפען און בעליידיגען אימער יעדע פרוי, וועמעס ריינקייט איז זיי ווי א דארן אין די אויגען. יעדעס מאל, ווען מען לויבט אין זייער געגענווארט אן אנשטענדיגע פרוי, ווערען זיי אויפגעקאכטע, ווי מען וואלט זיי בעליידיגען, און שטענדיג רופען זיי דערביי אוים: „יא, אייערע פערהייראטהע פרויען, מיר קענען זיי גוט, נישקשה, זיי זיינען פיינע סחורה. זיי האבען נאך מעהר געליעבטע, ווי מיר. זיי פערשטעלען זיך נור, וייל זיי קענען גוט בעטריגען. אבער מיר קענען זיי.“

אין אן אנדער פאל וואלט ער ניט געשענקט קיין שום אויפ־מערקזאמקייט צו דעם, וואס אזא בעשעפעניש האט געזאגט איבער זיין ארימע, גוטע, איינפאכע, עהרליכע מוטער. אבער די אייפער־זוכט האט איהם נאכאנאנד געגעסען און זיין קאפ צומישט. און ער האט גענומען זוכען אין זיין אייגענעם הארצען, אין זיין מוח, צי האט ניט זיין לעבעדיגע פאנטאזיע, געטריבען פון אייפערזוכט און קנאה צו זיין ברודער, איהם אונטערגעזאגט די אלע שרעקליכע זא־כען, פון וועלכע ער האט זיך געמוטשעט די לעצטע פאר טעג?

מאדאם ראזעמיללי, הגם זי איז געווען עטוואס בעשרענקט, האט דאך געהאט דעם אינסטינקט פון א פרוי. און איהר איז דער דאזיגער געדאנק ניט איינגעפאלען, אז ניט, וואלט זי ניט געטרונ־קען פאר דעם אנדענקען פון דעם פערשטארבענעם מארעכאל. זי וואלט עס זיכער ניט געטהאן, ווען זי זאל האבען דעם קלענסטען פערדאכט. און איצט האט ער שוין מעהר ניט געצווייפעלט, אז זיין אונצופריעדענהייט מיט זשאן׳ס פלוצימדיגען גליק און אויך

זיין גרויסע ליעבע צו דער מוטער האָבען איהם צו די דאָזיגע צווייפעל געטריבען.

ווען ער איז געקומען צו דעם דאָזיגען שלוס, האָט ער זיך געפרעהט, ווי ער וואָלט אויפגעטהאָן עפּעס א גוטע זאַך און האָט זיך פאַרגענומען פון היינט אָן צו זיין גוט און פריינדליך צו דער גאַנצער וועלט. אָנהויבען וועט ער מיט'ן פאָטער, וועמעס נארישע רייד, וועמעס אויפפאַלענדע אונוויסענהייט האָבען איהם שטענדיג געערגערט.

ער איז געקומען אהיים אין צייט צום פריהשטיק און האָט פרעהליך געמאַכט די גאַנצע פאמיליע מיט זיין קלוגשאַפט און גוטען מוטה.

די מוטער האָט געזאָגט צו איהם א גליקליכע:

— מיין קליינער פיער, דו ווייסט גאָר אליין ניט ווי אמוזאנט און גייסטרייך דו ביזט, ווען דו ווילסט נור.

און ער האָט גערעדט, דערצעהלט, געשילדערט זייערע בעקאַנטע אזוי, אז זיי האָבען אלע געמוזט לאַכען. אלע זיינע וויצען האָבען זיך מייסטענס בעצויגען אויף בעזירע'ן און אויך טהיילווייז אויף מאדאם ראָזעמילי. אבער אויף א מילדען אופן, אהן כעס. און ער האָט געטראַכט, בעת ער האָט אויף זיין ברודער געקוקט: „נו, פערטהיידיג זי, וואָס שווייגסטו, דו נאַר איינער! ניט קוקענדיג אויף דיין גאַנצען רייכטהום, קען איך דיך אימער פערשטופען אין א ווינקעל, איך זאָל זיך נור וועלען געבען די מיה.“

ווען זיי האָבען געהאַלטען אין טרינקען קאַפע, האָט ער געזאָגט צום פאָטער:

— דארפסט היינט די „פערל“?

— ניין, מיין זוהן.

— קען איך א ביסעל ארויספאָהרען מיט זשאַן־די באַרד?

— יא, וויפיעל דו ווילסט.

ער האָט זיך געקויפט א גוטען ציגאַר אין דער ערשטער טאַבאַק־קראַם, וואָס ער איז פערבייגעגאַנגען, און גוט אויפגעלייגט איז ער אוועק צום ברעג.

ער האָט א קוק געטהאָן אויפ'ן קלאָרען הימעל, וועלכער האָט געלויכטען אין זיין העלער בלויקייט.

דער מאַטראָז פאַפּאַגריס, מיט דעם צונאָמען זשאַן־די באַרד,

איז געלעגען אויפ'ן שיף און געשלאָפען. עס איז געוועזן זיין פליכט צו האַלטען די שיף בערייט צו יעדער צייט, אויב מען איז נור ניט ארויסגעפאָהרען אין דער פריה פישען.

— שטעה אויף אַלטער, מיר פאָהרען ארויס צוזאמען! — האָט אויסגערופען פּיער.

ער איז ארונטער די אייזערנע טרעפּ און אריינגעשפרונגען אין שיף.

— אויף וועלכען זייט בלאָזט דער ווינד? — האָט ער גע־פרעגט.

— פון מזרח, הערר פיער. פון דאָרט פיהלט זיך א קאַלטער ווינד.

—נא, אלזא, מיר פאָהרען.

און זיי האָבען זיך גענומען ריהרען פון ברעג.

דער שוואכער ווינד, וואָס האָט אין די גאסען געבלאָזען, האָט זיך אויפ'ן וואסער גאָר ניט געפיהלט און די „פערל" האָט געמאכט דעם איינדרוק, ווי זי וואָלט געהאַט איהר אייגענעם לעבען, ווי זי וואָלט זיך בעוועגט ווי יענע שיפען, וואָס ווערען געטריבען פון עפּעס א געהיימניספאָלער, אינעווענינגסטער קראַפט.

פיער האָט גענומען דעם רודער אין האנד; מיט א ציגאַר אין מויל, די פיס אויסגעצויגען, די אויגען פארזשמורעט פאר דער בלענדענדיגער זון, האָט ער געקוקט אויף די כוואַליעס, ווי זיי האָ־בען זיך געבראָכען און ווידער אויסגעוואקסען.

ווען זיי זיינען ארויס אין אָפענעם ים, איז דער ווינד שטאַר־קער געוואָרען, און האָט א וועה געטהאָן דעם דאָקטאָר אין פּנים און אויף די הענד, ווי א קאַלטע לאַסקע. ער האָט טיעף, מיט א פולער ברוסט, איינגעאָטהעמט אין זיך די קאַלטע לופט און די „פערל", פון ווינד געטריבען, האָט גענומען געהן שנעלער.

דאָס וואסער האָט געשוימט און געקלאָפּט אין שיפעל, וועלכע האָט זיך פּלוצים אָבגעלייגט אָן א זייט און איז מיט דער גרעסטער שנעלקייט די כוואַליע אריבער.

ביי יעדער כוואַליע, וואָס האָט זיי געטראָפען קורץ און שנעל איינע נאָך דער אנדערער, האָט די „פערל" געקראָגען א שטאַרקען שטויס פונ'ם שפּיץ ביז צום רודער, וועלכער האָט געציטערט אין פיער'ס הענד. און ווען דער ווינד האָט זיך א יאָג געטהאָן און גע־

בלאָזען א פּאָר סעקונדען נאָכאַנאַנד, האָבען זיך די כוואַליעס אויפגעהויבען אַזוי הויך, ווי זיי וואָלטען וועלען דאָס שיפעל פער־שלינגען. א ליוווערפּולער קוילען־דאַמפּפער איז געלעגען פּאַראַנ־קערט און געוואַרט, דאָס וואַסער זאָל נידעריגער ווערען. זיי זיי־נען איהם פאַרבייגעפאָהרען; דאַן האָבען זיי זיך אַוועקגעלאָזען פאַרביי אַלע איבעריגע שיפען, וואָס זיינען געלעגען איינס נאָכ'ן אַנדערען אין איין לאַנגער רייהע און זיינען אַוועק ווייטער אין ים אַרוים.

דריי שטונדען נאָכאַנאַנד האָט זיך פּיער אַזוי אַרומגעטראָגען אַהין און אַהער איבער'ן טאַנצענדיגען ים, רוהיג, צופריעדען און גליקליך, פּיהרענדיג דאָס דאָזיגע זאַך פון האַלץ און לייווענד, וועל־כע האָט געפאָלגט דער בעריהרונג פון זיין האַנד, ווי א געלערענטע, פלינקע בעשעפעניש.

ער האָט געטרוימט פון זיין צוקונפט, וועלכע וועט אודאי זיין א שעהנע, פונ'ם לעבען, וועלכען עס איז נויטיג קלוג איינצוריכ־טען. מאָרגען נאָך וועט ער זיין ברודער בעטען, ער זאָל איהם ליי־העון פופצעהן הונדערט פראַנק, כדי ער זאָל זיך גלייך קענען בעזע־צען אין דער שעהנער וואָהנונג אויפ'ן בולוואַר פראַנץ דער ערשטער.

דער מאַטראָז האָט פּלוצים געזאָגט:

— עס ווערט נעבעלדיג, הערר פּיער. מיר מוזען זיך אומ־קעהרען.

פּיער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזעהן פון ווייטען א גרויען, טיעפען שאָטען, וועלכער האָט דעם הימעל פערשטעלט און דעם ים בעדעקט, און וועלכער האָט זיך געטראָגען אַנטקעגען זיי, ווי אַן אָבגעריסענער וואָלקען. זיי האָבען זיך אומגעקעהרט, און מיט'ן ווינד אין רוקען האָבען זיי זי זיך געלאָזט שווימען צוריק צום ברעג, פון דער נעבעלדיגער וואַנד געפאָלגט, וועלכע איז אַלץ נעהענטער צו זיי צוגעקומען. און ווי זי האָט די „פּערל" בעריהרט און זי אין א געדיכטען נעבעלדיגען שלייער איינגעוויקעלט, איז אַן אייזיגע קעלט איבער פּיער'ס גליעדער אַריבער, און א גערוך פון רויך און שימעל, דער בעזונדערער גערוך פונ'ם ים נעבעל, האָט איהם א זעץ געטהאָן אין נאָז, און ער האָט צוגעמאַכט דעם מויל, כדי ניט איינצואָטהעמען אין זיך די קאַלטע פייכטקייט.

ווען די שיפעל האָט זיך אָבגעשטעלט אויף איהר געוועהנליכען

אָרט ביים ברעג, איז שוין די גאנצע שטאָדט געווען איינגעוויקעלט אין א גערדיכטען נעבעלדיגען שלייער, וועלכער האָט אלעס ארום בענעצט ווי א רעגען און וועלכער האָט זיך געטראָגען אין דער לופ־טען איבער די הייזער און די גאסען, ווי א שטראָמענדער פלוס.

פיער האָט זיך צוריקגעקעהרט אהיים. הענד און פיס זיינען ביי איהם געווען פערגליווערט פון קעלט און ער האָט זיך א וואַרף געטהאָן אויפ'ן בעט, כדי צו שלאָפען ביז'ן עסען. ווען ער איז שפּעטער אין עס־צימער אריין, האָט די מומער געזאָגט צו זשאן'ען:

— די גלעזערנע גאלערעע וועט זיין גרויסארטיג. מיר וועלען דאָרט אריינשטעלען בלומען, דו וועסט זעהן. איך וועל שוין זעהן, אַז זיי זאָלען בליהען און זאָלען אימער בענייט ווערען. ווען דו וועסט אויפנעהמען געסט, וועט דיין הויז אויסזעהן, ווי אין די מעשה'לעך פון טויזענד און איין נאכט.

— וועגען וואָס רעדט איהר דאָ? — האָט געפרעגט דער דאָק־טאָר.

— וועגען דער פראכטפאָלער וואָהנונג, וועלכע איך האָב גע־דינגען פאר זשאן'ען. דאָס איז אַן אמת'ער וואונדער. א הויז מיט אַן אריינגאַנג פון צוויי גאסען. עס בעשטעהט פון א סאלאָן, א גלע־זערנער גאלערעע און א קליינעם, רונדען עס־צימער. א רייצענדע וואָהנונג פאר א יונגען מאַן.

פיער איז געוואָרען בלייך. דער כעס האָט איהם גענומען שטיקען.

— וואו געפינט זי זיך? — האָט ער געפרעגט.

— אויפ'ן בולוואר פראנץ דעם ערשטען.

ער האָט שוין מעהר ניט געצווייפעלט און איז געוואָרען אזוי אויפגעבראכט, אז ער האָט שיער ניט א געשריי געטהאָן: „דאָס איז שוין אָבער צופיעל! מוז ער דען האָבען אלעס, אלעס?"

די מוטער האָט געשטראהלט פאר פרייד און ניט אויפגעהערט צו רעדען:

— און דאן שטעל זיך פאָר, איך האָב עס געקראָגען פאר צוויי טויזענד אכט הונדערט פראנק. עס האָט געזאָלט קאָסטען דריי טויזענד, אָבער איך האָב עס געקראָגען מיט צוויי הונדערט פראנק ביליגער, ווייל איך האָב געמאכט א קאָנטראקט אויף דריי יאָהר. ווען ער וועט אויסגעהן, קען דער קאָנטראקט בענייט ווערען ווידער

אויף דריי יאָהר. עס איז א פראַקטפאָלע וואָהנונג פאר דיין ברודער. אַן אדוואָקאַט דאַרף נור האָבען אַן אַנשטענדיגע וואָהנונג, דאַן איז שוין זיין קאַריערע פערזיכערט. דאָס ציהט צו די מענשען, פערפיהרט זיי, מאַכט זיי צו האָבען צוטרויען. און דאַן פערשטעהט מען גלייך, אַז א מענש, וואָס וואָהנט אין אזא וואָהנונג, וועט זיך לאָזען גוט בעצאָהלען פאר זיין ארבייט.

זי האָט א מאָמענט געשוויגען און דאַן ווייטער גערעדט:

— מיר מוזען געפינען עטוואָס עהנליכעס פאר דיר אויך. נאַטירליך, עטוואָס איינפאַכער, ווייל דו קענסט אזא וואָהנונג ניט האָבען, דו האָסט ניט מיט וואָס, אָבער דאָך מוז עס אויך זיין שעהן. איך בין איבערצייגט, אַז דאָס וועט דיר א סך ארויסהעלפען.

פיער האָט געענטפערט פון אויבען אראָב:

— איך וועל שוין מיין שטעדטעל בעשטעהן. איך וועל מיר דורכברעכען א וועג דורך מיין ארבייט און מיין וויסען.

די מוטער האָט פאָרטגעזעצט:

— יאַ, געוויס. אָבער איך בין זיכער, אַז א שעהנע וואָהנונג וואָלט דיר געווען א גרויסע שטיצע.

אין מיטען עסען האָט ער פּלוצים געפרעגט:

— ווי אזוי זייט איהר אייגענטליך געקומען צו מארעכאַל'ן?

דער אַלטער ראָלאַנד האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און א ווייַלע נאָכגעטראַכט:

— —וואַרט אקאָרשט, איך געדענק שוין ניט אויף זיכער. עס איז שוין א מעשה פון אזוי פיעל יאָהרען. יאַ, יאַ, איך האָב מיך דערמאָנט, די מאַמאַ איז מיט איהם בעקאַנט געוואָרען אין געשעפט. ניט אמת, לואיזע? ער האָט עפּעס בעשטעלט. און דערנאָך איז ער ווידער געקומען עטליכע מאָל. ער איז געווען אונזער קונד איידער ער איז געוואָרען אונזער פריינד.

פיער האָט געגעסען בעבלאָך, ער האָט זיי אויפגעהויבען איינציגווייז אויפ'ן גאָפּעל, ווי ער וואָלט זיי מיט א שפּיז דורכגעשטאָכען, און געזאָגט:

— ווען זייט איהר מיט איהם בעקאַנט געוואָרען?

ראָלאַנד האָט ווידער א ווייַלע געטראַכט, האָט זיך אָבער ניט געקענט דערמאָנען, און ער האָט געפרעגט ביי זיין פרוי:

— זאג נור, לואיזע, אין וואס פאר א יאהר איז דאס געווען? דו מוזט אודאי וויסען, דו האסט דאך אזא גוטען זכרון. ווארט אקארשט, דאס איז געווען — דאס איז געווען אין פינף און פופ־ציגסטען אדער אין זעקס און פופציגסטען יאהר. דערמאן זיך אקארשט, דו מוזט עס דאך בעסער וויסען, ווי איך.

זי האט אויך א ווייל געטראכט, דאן האט זי געזאגט רוהיג און זיכער:

— דאס איז געווען אין יאהר אכט און פופציג. פיער איז דאן אלט געווען דריי יאהר. איך בין גאנץ זיכער, אז איך האב קיין מעות ניט, ווייל עס איז געווען אין דעם יאהר, ווען דאס קינד האט געהאט סקארלעט פיבער. און מארעכאל, וועלכען מיר האבען דאן נאך זעהר ווייניג געקענט, איז אונז געווען א גרויסע שטיצע.

ראלאנד האט אויסגערופען:

— יא, טאקע אמת, אמת! — ער האט זיך דאן געהאלטען אנטקעגען אונז, ווי אן אייגענער מענש, מיר וואלטען גאר אהן איהם ניט געקענט אויסקומען. ווען די מאמע האט ניט געקענט מעהר אויסהאלטען פאר מיעדקייט, און איך בין געווען פערנומען אין קראם, איז ער געלאפען אין אפטייק נאך דיין מעדיצין און גע־מהאן אלעס, וואס ער האט נור געקענט; און ווען דו ביזט געזונד געווארען, האסטו געזאלט זעהען, ווי ער האט זיך געפרעהט, ווי ער האט דיך געקושט און געהאלזט. פון יענעם טאג אן זיינען מיר געווארען שטארקע פריינד.

און פלוצים האט א געדאנק אין פיער'ס מוח א בליץ געטהאן און זיין נשמה אויף שטיקלאך צוריסען: „וויבאלד, אז ער האט צו־ערשט מיך דערקענט, איז געווען גוט צו מיר, האט מיך ליעב גע־האט, מיך געקושט, וויבאלד, אז איך בין געווען דער גרונד, וואס האט איהם צוזאמענגעפיהרט מיט מיינע עלטערען, מיט וועלכע ער איז דערנאך אזוי שטארק בעפריינדעט געווארען, טו ווי קומט עס וואס ער האט זיין גאנץ פערמעגען אבגעזאגט פאר מיין ברודער, און מיר גארנישט?"

ער האט שוין מעהר גארניט געפרעגט, ער איז געבליבען זי־צען פערטראכט פאר זיך מיט פינסטערע בליקען. א נייע אונרוהיג־קייט איז אויף איהם אנגעפאלען און מורא'דיגע געדאנקען האבען אויף דאס ניי גענומען עגבערען זיין מוח.

ער האָט זיך פריה פון טיש אויפגעהויבען און איז ווידער איבער די גאסען אוועק. זיי זיינען געלעגען אין א טיעפען נעבעל. ארום איז געווען שטאָק פינסטער און אונאנגענעהם. א שווערער געדוך האָט זיך געטראָגען אין דער לופט. נעבעלדיגע וואָלקענס האָבען זיך געטראָגען פארביי די גאז־לאנטערנעס און זיי פון צייט צו צייט אויף אן אויגענבליק פערשטעלט. די טראָטואַרען זיינען געווען גליטשיג, ווי אין א קאַלטער נאכט נאָך א רעגען און שווערע גערוכען האָבען זיך געצויגען פון אינעווענינ פון די הייזער, א געשטאַנק פון די קעלערען, פון רינשטאָקען, פון שמוציגע קיכען האָט די לופט אָנגעפילט און זיך מיט דעם פייכטען נעבעל אויסגעמישט.

פיער האָט אָנגעבויגען דעם רוקען און אריינגערוקט די הענד אין די קעשענעס. אָבער אזוי ווי עס איז געווען צו קאַלט, האָט ער ניט געוואָלט בלייבען אין דרויסען און ער איז אוועק צו מאַראווסקא׳ן.

דער אלטער אפטייקער איז געזעסען ביים שיין פון דעם איינציגען גאזברענער און געשלאָפען. ווען ער האָט דערזעהן פיער׳ן, ווען ער האָט געליעבט, ווי א געטרייער הונד, האָט ער אָבגעשאָקעלט פון זיך דעם שלאָף, געבראכט צוויי גלעזער און א פלאש שנאַפס.

— נו — האָט געפרעגט דער דאָקטאָר — וואָס הערט זיך עפעס מיט אייער ליקער?

דער פאָליאק האָט דערצעהלט, אז דריי פון די הויפט קאָפעהייזער פון שטאָדט האָבען זיך אָנגענומען צו פערקויפען זיין משקה און אז ביידע צייטונגען, „דער לייכט־טורם“ און „דער טעלעגראף פון האווער“, האָבען איהם צוגעזאָגט צו געבען א רעקלאמע. עס פערשטעהט זיך, אז ער וועט דערפאר געבען זייערע רעדאקטערע פערשיעדענע ארטיקלען פון זיין אפטייק פריי.

נאָך א לאנגען שווייגען האָט מאראווסקא געפרעגט, אויב זשאן האָט שוין געקראָגען דאָס געלד פון דער ירושה. דאן האָט ער געשטעלט עטליכע אלגעמיינע פראגען. אוים ליעבע צו פיער׳ן איז ער געווען אויפגעבראכט, וואָס דער צווייטער ברודער, און ניט פיער, האָט געקראָגען די ירושה. און פיער׳ן האָט זיך געדאכט, אז ער

פערשטעהט זיינע געדאַנקען. ער האָט זיך אָנגעשטויסען און געלע־זען אין דעם אַלטען'ס אויגען, אינ'ם איינגעהאַלטענעם טאָן פון זיין שטימע, אין די ווערטער, וועלכע האָבען זיך איהם אויף די ליפען געריסען און וועלכע ער האָט ניט ארויסגעזאָגט, ווייל ער איז געווען צו־פאַרזיכטיג און צו־איינגעהאַלטען.

ער האָט ניט געצווייפעלט מעהר אין דעם, אַז דער אַלטער האָט געטראַכט: „איהר האָט איהם ניט געדאַרפט לאָזען אָננעהמען די ירושה, ווייל מען וועט צוליעב דעם בערייידען אייער מוטער". און אפשר האָט ער גאָר געטראַכט, אַז זשאַן איז מאַרעכאַל'ס זוהן. און ווי אַזוי זאָל ער עס ניט דענקען? איז דען די זאַך אויפ'ן ערש־טען בליק ניט געווען אַזוי איינפאַך, אַזוי פשוט, אַזוי זיכער? האָט ער אַליין, פיער, דער אייגענער זוהן, ניט געקעמפפט דאגעגען מיט אַלע זיינע קרעפטען? האָט ער אַליין ניט געזוכט צו פערטויבען דעם פערשטאַנד און געקעמפפט געגען דעם דאָזיגען פערדאַכט?

און פלוצים האָט זיך איהם ווידער פערוואָלט זיין אַליין, זיך אריינטראַכטען אין דער זאַך, עהרליך, גענוי, אָהן אַלע הינטערשטע געדאַנקען, און דאַן ביי זיך אַליין פעסטשטעלען אַזוי, צי אַזוי. און דער דאָזיגער פערלאַנג איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער איז גלייך אויפגעשטאַנען, ניט האָבענדיג אפילו אויסגעטרונקען זיין שנאַפס, האָט אַ דריק געטהאָן די האַנד דעם צושראַקענעם אַפטייקער און איז פערשוואונדען אין דעם נעבעל פון דער גאַס.

און ער האָט זיך נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל געפרעגט: „פאַר וואָס האָט מאַרעכאַל איבערגעלאָזען זיין גאַנצען פערמעגען פאַר זשאַן'ען?"

איצט האָט ער די דאָזיגע פראַגע זיך געשטעלט שוין ניט אויס קנאה, ניט אויס אייפערזוכט, נור אויס שרעק, אויס ציטערניש פאַר דעם געדאַנק, אַז זשאַן, אַז זיין ברודער, איז דער זוהן פון יע־נעם מאַן.

ניין, ער גלויבט עס ניט. ער טאָר אפילו ניט שטעלען אַזאַ שענדליכע פראַגע. ער מוז איינמאָל פאַר אַלע מאָל אוועקטרייבען פון זיך דיזען פערדאַכט. ער מוז אָבער זיין איבערצייגט, אַז דאָס איז פאַלש. ער מוז האָבען געוויסהייט, קלאַרקייט. ער מוז צוריק־קריגען זיין רוהיג האַרץ, דען די מוטער האָט ער ליעבער געהאַט, ווי אַלעם אויף דער וועלט.

און אזוי וואנדערענדיג אין דער נאכט אריין, האָט ער אָנגע־שטרענגט זיין געדעכעניש, זיין פערשטאנד, כדי זיך אלעס צו דער־מאָנען, אלעם געגוי אָבוועגען און דעם אמת דערגעהן. און, אויס־געפונען דעם אמת, וועט ער מעהר קיינמאָל ניט צולאָזען צו זיך דעם מיאוסע'ן געדאנק.

ער האָט צו זיך געזאָגט: „לאָמיך פריהער אונטערזוכען די פאקטען. לאָמיך זיך דערמאָנען אָן אלעס, וואָס איך וויים פון איהם, פון זיין בענעהמען זיך צו מיין ברודער און צו מיר, און דאן וועל איך אפשר אויסגעפינען, פאר וואָס ער האָט פאָרגעצויגען זשאן'ען. ער האָט געקענט זשאן'ען פון זיין געבורט אָן? אָבער מיך האָט ער נאָך פריהער פאר איהם געקענט. וואָלט ער מיין מו־טער ליעב געהאט נור ווי א פריינד, וואָלט ער מיך ליעבער געהאט, ווייל צוליעב מיר, צוליעב מיין קראנקהייט, איז ער געוואָרען דער נאָהענטער פריינד פון מיינע עלטערען. עס איז, אלזא, לאָגיש, אז ער זאָל צו מיר פיהלען א שטארקערע צונייגונג, סיידען ער האָט מיין ברודער ליעב געקראָגען שפעטער, ווען ער האָט איהם געזעהן אויפ־וואקסענדיג.

מיט פערצווייפעלטער אנשטרענגונג האָט ער איצט גענומען זוכען אין זיין געדעכעניש דאָס בילד פון מארעכאל'ן. אין די פרי־הערדיגע יאָהרען, אין פאריז, האָט ער איהם אָפט פאר די אויגען געזעהן.

ער האָט געפיהלט, אז דאָס געהן, דער בעוועגען זיך שמערט זיינע געדאנקען און פערשלייערט זיין זכרון. ער האָט אויך גע־פיהלט, אז כדי צו קענען ווארפען א שארפען בליק אויף דער פער־גאנגענהייט און זיך קלאָר מאכען די פאסירונגען, וועלכע ער האָט גיט געוואוסט און ניט געקענט, מוז ער זיך געפינען אויף עפעס א רוהיגען, אן איינזאמען פלאץ. און ער האָט זיך בעשלאָסען ווידער צו געהן צום ברעג, וואו ער איז געזעסען מיט א פאָר טעג צוריק.

ווען ער איז צוגעקומען נעהענטער צום ברעג, האָט ער דער־הערט פון וויימען, פון אָפענעם ים, א יאָמערענדען, דומפפען געשריי, ווי דער ברומען פון א בול, נור נאָך לענגער און העכער. דאָס איז געוועזן דער ברומען פון א טרובע, דער סיגנאל פון א שיף, וועלכע האָט פערבלאָנדזשעט אינ'ם נעבעל.

א שוידער איז איהם איבער'ן לייב אריבער, און דאָס הארץ

האָט איהם פערקוועטשט. יענער פערצווייפעלטער יאָמער האָט גע־פונען אן אָבקלאַנג אין זיין נשמה און אין זיינע נערווען, אזוי ווי ער וואָלט דעם דאָזיגען יאָמער ארויסגעלאָזען. עטוואס ווייטער אוועק האָט אויף דעם סיגנאל געענטפערט אן אנדער שיף מיט אן עהנלי־כען ברומען, און עס האָט זיך גאנץ נאָהענט ביים ברעג דערהערט א לאַנגער, הערצרייסענדער פייף פון דער האפען־טרובע.

פיער איז מיט שנעלע טריט געגאנגען צום האפען דאמם, ניט טראכטענדיג וועגען קיין זאך, און זיך נור צוגעהערט צו די טרויעריגע, יאָמערענדע קולות, וועלכע האבען אָנגעפילט די ארומיגע פינסטערניש.

ווען ער איז צוגעקומען צו זיין פלאץ, האָט ער זיך געזעצט און פערמאכט די אויגען, אום ניט צו זעהען די עלעקטרישע לאַמפען, פערשלייערטע פון נעבעל, וועלכע מאכען מעגליך, אז מען זאָל אונ־טערשיידען דעם האפען ביי דער נאכט. ער האָט זיך אומגעקעהרט מיט א זייט, אָנגעשפאַרט די עלענבויגענס אויף א שטיין און בע־האַלטען דעם פנים איןביידע הענד.

הגם ער האָט דעם נאָמען מיט זיינע ליפען ניט ארויסגע־רעדט, האָט אין זיינע געדאנקען נאָכאנאנד געקלונגען איין איינציג וואָרט: „מאַרעכאַל! מאַרעכאַל!" אקוראט, ווי ער וואָלט וועלען זיין שאָטען ארויסרופען. און פלוצים האָט אין דער ארומיגער פינס־טערניש א שוועב געטהאָן פאר זיינע געשלאָסענע אויגען דער גע־שטאַלט פון דעם מאַן, פונקט אזוי, ווי ער האָט איהם א מאָל גע־קענט. ער איז געווען א מאַן פון א יאָהר זעכציג מיט א וויים־שפי־ציגע באָרד און גרויסע ווייסע ברעמען. ער איז ניט געווען הויך און ניט נידעריג, האָט אויסגעזעהען פריינדליך, זיינע גרויע אויגען האָבען געקוקט ווייך, ער האָט זיך געהאַלטען איינפאך, און אין אַל־געמיין געמאכט דעם איינדרוק פון א ליעבען מענשען. פיער'ן און זשאַן'ען פלעגט ער רופען: „מיינע ליעבע קינדער". און ער האָט קיינמאָל ניט ארויסגעוויזען מעהר פריינדליכקייט צו איינעם פון זיי, ווען זיי זיינען ביידע צוזאמען געווען ביי איהם צום עסען.

און מיט דעם אויסדויער פון א הונד, וועלכער זוכט א פּליאַד, האָט פיער זיך גענומען דערמאָנען אָן אַלע ווערטער, בעוועגונגען, בעטאָנונגען און בליקען פון דעם מאַן, וועלכער איז שוין פון דער וועלט אוועק. ביסלעכווייז האָט ער זיך גאַנץ גענוי דערמאָנט, ווי

ער פלעגט איהם און זיין ברודער אויפנעהמען אין זיין וואהנונג אויף דער ריו טראנשע.

יצוויי דיענסטען, עלטערע פרויען, וואס זיינען פון שטענדיג אן געוועהנט צו רופען די צוויי ברידער „הערר פיער" און „הערר זשאן", בעדיענען דארט. מארעכאל שטרעקט ארויס זיי אנטקעגען זיינע ביידע הענד, איינעם די רעכטע, דעם צווייטען — די לינקע. — אה ליעבע קינדער — זאגט ער — האט איהר געהערט פון אייערע עלטערען? מיר שרייבען זיי ניט.

מען רעדט שטיל און אינטים פון געוועהנליכע זאכען. דער דאזיגער מענש צייכענט זיך ניט אויס מיט קיינע בעזונדערע מעלות. א גאנץ געוועהנליכער מענש. ער איז אבער זעהר ליעבענסווירדיג און רייצענד. ער איז געוועזן צו זיי אן אמת'ער גוטער פריינד, איינער פון יענע גוטע פריינד, פון וועלכע מען דענקט געוועהנליך זעלטען, ווייל מען איז תמיד זיכער אין זיי.

פיער האט זיך דערמאנט, ווי אפט יענער האט איהם ארויסגעוויזען זיין פריינדשאפט. א מאל, בעת ער איז געוועזן אין א נויט, האט מארעכאל, וועלכער האט געוואוסט, אז אלס סטודענט האט ער, פיער, קנאפ געלד געהאט צו פערלעבען, איהם אנגעבאטען און געבארגט א צוויי הונדערט פראנק, וועלכע ניט דער האט געמאהנט און ניט דער אנדערער האט אבגעגעבען. דאס בעווייזט, אז מארעכאל האט איהם ליעב געהאט, האט זיך אימער מיט איהם אינטערעסירט, ווען ער האט איהם אנגעבאטען צו העלפען, בעת ער, פיער, איז אין א נויט געווען. הייגט ווארום האט ער איבערגעלאזען זשאן'ען זיין גאנץ פערמעגען? ניין, צו דעם אינגערען ברודער האט ער קיינמאל מעהר ליעבע ניט ארויסגעוויזען, ווי צו דעם עלטערען. ער האט זיך קיינמאל ניט אינטערעסירט מעהר מיט איינעם, ווי מיט דם אנדערען. אויב אזוי, הייגט ווי קומט עס פארט, וואס ער האט זשאן'ען איבערגעלאזט אלצדינג און איהם גארניט? עס מוז דאך עפעס זיין א פאר וואס?....

וואס מעהר ער האט געטראכט וועגען דעם, אלץ מעהר האט ער זיך דערמאנט אן זיינע פערגאנגענע יאהרען און אלץ מעהר האט ער זיך געוואונדערט, וואס מארעכאל האט אזוי געהאנדעלט.

און א נאנגענדער שמערץ האט איהם אנגעכאפט, אזוי, דאס זיין הארץ האט געפלאטערט, ווי א פלאג אינ'ם ווינד. עס האט

זיך איהם אויסגעוויזען, ווי די ספּרוזשינעס פון זיין הארצען וואָל־טען געפּלאַצט, און דאָס בלוט וואָלט דאָרט זיך צוגאָסען פריי אין גרויסע קאָכעדיגע שטראָמען.

ער האָט געשטאַמעלט, ווין אין א חלום:

„איך מוז עס וויסען, מיין גאָט, איך מוז עס וויסען"....

ער האָט געפּרובט ארויסרופען אין זיין געדעכנים דעם מאַ־רעכאַל פון גאָר, גאָר אמאָל, פון יענער צייט, בעת זיינע עלטערען האָבען געוואוינט אין פאַריז. קיין דייטליכען בילד פון יענעם מאַ־רעכאַל האָט ער אָבער אין זיין געדעכנים ניט געפונען. מעהר פון אַלצדינג האָט ער זיך געוואָלט דערמאָנען, אויב מאַרעכאַל האָט געהאַט בלאָנדע, ברוינע אָדער שווארצע האָר. אָבער ער האָט זיך ניט געקענט דערמאָנען. דאָס אויסזעהן פון דעם דאָזיגען מאַן, ווי ער איז געווען אין די לעצטע יאָהרען, דאָס אויסזעהן פון דעם גרייז מאַרעכאַל, האָט מיט זיך אין גאַנצען פערשטעלט דעם אויס־זעהן פון דעם אמאָליגען מאַרעכאַל. און דאך האָט פיער זיך דער־מאָנט, אז ער, מאַרעכאַל, איז א מאָל שלאַנקער געווען, אז ער האָט א ווייכע האנד געהאַט, אז ער האָט זעהר אָפט בלומען געבראַכט, יא, כמעט אלע מאָל, ווען ער איז צו זיי אהיים געקומען, אזוי, דאָס זיין פאָטער האָט איהם א סך מאָל אויסגערעדט דערפאַר:

— ווידער א בוקעט? אָבער דאָס איז דאָך א משוגעת, מיין פריינד! — האָט זיין פאָטער איהם, מאַרעכאַל'ען, א סך מאָל גע־זאָגט — די בלומען וועלען איך נאָך א מאָל בדלות שטעלען!

מאַרעכאַל האָט איהם דאַן געענטפערט:

— אָה, רעדט ניט פון דעם. דאָס פערשאַפט מיר פערגנע־גיגען.

פלוצים האָט אָבגעהילכט אין זיין געדעכנים די שטימע פון זיין מוטער, אזוי קלאָר, אזוי דייטליך, דאָס עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אזוי ווי זי וואָלט הינטער איהם גערעדט: „איך דאנק אייך, ליעבער פריינד." הפנים די דאָזיגע דריי ווערטער האָט זי אָפט געזאָגט, ווען זיי האָבען זיך אזוי טיעף איינגעקריצט אין איהר זוהן'ס געדעכנים.

מאַרעכאַל, אַלזאָ, האָט געבראַכט בלומען. ער, דער רייכער מאַן, דער דזשענטעלמאַן, דער קונה, האָט בלומען געבראַכט דער

פשוט'ער קרעמערין, די פרוי פון דעם בעשיידענעם גאָלד־אַר־בייטער.

האָט ער זי געליעבט?

ווי אַזוי וואָלט ער זיך בעפריינדעט מיט דעם גאָלד־אַרבייטער, ווען ער וואָלט זיין פרוי ניט ליעב געהאַט? ער איז געווען קלוג און פיין געבילדעט. מיט פיער'ן האָט ער אָפט וועגען ווערק און דיכ־טער גערעדט. ער האָט געאורטהיילט די שריפטשטעלער ניט ווי א קינסטלער, נור ווי א בעגייסטערטער ליעבהאָבער. דער דאָקטאָר האָט אָפט חוזק געמאַכט פון זיין איבערטריבענער בעגייסטערונג. היינט ערשט איז איהם קלאָר געוואָרען, אז דער דאָזיגער סענטימענ־טאַלער מענש וואָלט קיינמאָל ניט געקענט ווערען דער פריינד פון אַזאַ פּראָזאאישען מענשען, ווי זיין פאָטער איז געווען, פאר ווען דאָס וואָרט פּאָעזיע האָט געהייסען פּוסטע נאַרישקייט.

אַלזאָ, דער דאָזיגער מארעכאַל, דער דאָזיגער יונגער, פרייער דייכער מאַן, איז מסתמא איינמאָל צופעליג אריינגעקומען אין קראָם, און די יונגע, שעהנע קרעמערין האָט אויף איהם אַן איינדרוק געמאַכט. ער האָט עטוואָס געקויפט, איז נאָך א מאָל געקומען, האָט מיט איהר גערעדט איינמאָל, א צווייטען מאָל, א דריטען מאָל, גע־רעדט און געגעבען איהר צו לייזען און אויף אַזאַ אופן זיך בעקענט מיט איהר נעהענטער, בעפריינדעט זיך, אָנגעהויבען צו בעזוכען איהר הויז, געשמייכעלט צו איהר און דעם מאַן איהרען די האַנד גע־דריקט.

און דערנאָך, דערנאָך! אָה, מיין גאָט, דערנאָך!

ער האָט דאָס ערשטע קינד געליעבט און געבאַלעוועט, דאָס קינד פון דעם יובעליר, ביז דאָס צווייטע איז געבאָרען געוואָרען. דערנאָך האָט ער זיין געהיימניס פערבונדען ביז דער לעצטער מי־נוט פון זיין לעבען. אָבער איצט, ווען זיין קבר איז געשלאָסען, ווען זיין קערפּער איז צופאַלען, זיין נאָמען איז אויסגעשטראָכען אויף דעם ליסט פון די לעבעדיגע, ווען ער איז פערשוואונדען, פער־שוואונדען אויף אייביג, ווען ער דאַרף פאר קיינעם זיך ניט שרעק־קען, פאר קיינעם מעהר קיין מורא ניט האָבען, ווען ער דאַרף קיינעם מעהר ניט שאַנעווען, האָט ער דעם צווייטען קינד זיין גאַנץ פערמעגען אָבגעזאָגט. וואָרום? ער איז דאָך געווען א קלוגער מענש. ער האָט דאָך געדאַרפט פערשטעהן, אַז ווען ער טהוט עס,

יועט מען גלייך נעהמען דענקען, אז זשאן איז זיין זוהן. דאן בע־שמוצט ער דעם נאמען און די עהרע פון א פרוי. ווי וואלט ער עס געקענט טהאן, ווען זשאן וואלט טאקע באמת ניט געוועו זיין זוהן?

און פלוצים האט דורכגעבליצט אין זיין געדעכנים א שארפע, פירכטערליכע עראינערונג: מארעכאל איז געוועו בלאנד, ווי זשאן. ער האט זיך דערמאנט אן א קליין מיניאטור־בילד, וואס ער האט א מאל געזעהען אויף דעם קאמין ביי זיי אין הויז און וועלכעס איז דערנאך מיט א מאל פערשוואונדען. וואו איז עס אהינגעקומען? פערלארען אדער בעהאלטען? אך, ווען ער וואלט געקענט אויף דעם איצט נור איין קוק טהאן! אפשר האט עס זיין מוטער ערגעץ־וואו בעהאלטען, וואו מען בעהאלט ליעבעס־אנדענקונגען....

ביי דעם דאזיגען געדאנק איז ער אזוי פערצווייפעלט געווא־רען, דאס ער האט גענומען הויך אויפ'ן קול קרעכצען. און פלוצים האט דורכ'ן נעבעל זיך דער האפען אפגערופען מיט ווילדע קולות, אזוי ווי ער וואלט געענטפערט אויף פיער'ס פערצווייפעלטע קרעכ־צען. דאס געבריל פון די דאמפפ־שיפען, וואס האט געקלונגען, ווי ארויסגעריסען זיך פון אן איבערנאטירליכער חיה רעה, שטארקער, ווי דער דונער, א ווילדער, מורא'דיגער געשריי, וואס האט די שטי־מען פונ'ם ווינד און די כוואליעס אריבערגעשריען, האט זיך גע־טראגען דורך דער דונקעלהייט איבער דעם פינסטערען ים, וועלכער איז געלעגען פערבארגען אונטער דעם נעבעל־שלייער.

אויף די דאזיגע געשרייען האבען זיך באלד אפגערופען אנדע־רע, ווייט אדער נאהענט, און די נאכט האט א ציטער געטהאן פון די דאזיגע מורא'דיגע געשרייען, וועלכע די גרויסע, בלינדע דאמפפ־שיפען האבען ארויסגעלאזט.

דערנאך איז מיט א מאל שטיל געווארען.

פיער האט די אויגען געעפענט און זיך ארומגעקוקט פער־וואונדערט, אזוי ווי פון א שווערען חלום ערוואכט

—איך בין משוגע — האט ער א טראכט געטהאן — איך פערדעכטיג מיין מוטער.

און געפיהלען פון ליעבע און צערטליכקייט, פון חרטה, גע־בעט און פערצווייפלונג האבען אין זיין נשמה ערוואכט. זיין מו־טער, די, וועלכע ער האט געקענט, ווי אזוי קען מען גאר אזא פרוי פערדעכטיגען! איז דען דאס גאנצע לעבען פון דער דאזיגער ריינער,

עהרליכער, איינפאכער פרוי ניט געלעגען פאר איהם אזוי קלאר, ווי א העלער טאג? ווער עס האט זי געזעהען און געקענט, האט זי גע־מוזט האלטען העכער פון וועלכעז־עס־איז פערדאכט. און ער, דער אייגענער זוהן, צווייפעלט אין איהר. אך, ווען ער וואלט זי אין דעם דאזיגען מאמענט אין זייגע ארעמס ארייננעהמען, ווי וואלט ער זי געהאלזט און געקושט! אוויף די קניע וואלט ער זיך פאר איהר אוועקגעשטעלט און אום פערצייהונג ביי איהר געבעטען. זי זאל האבען זיין פאטער בעטראגען, זי זיין פאטער! ער איז געווען א בראווער, עהרליכער, אויסגעצייכענטער מענש, א גוטער געשעפטס־מאן ,אבער מעהר ווי זיין קראם האט איהם קיימאל גארניט אינטע־רעסירט. עס איז נור א וואונדער, ווי אזוי די דאזיגע פרוי, וואס איז, קענטיג, א מאל געווען זעהר שעהן, וועלכע האט געהאט אזא צארטע, ליעבע־דורשטיגע, ווייכע זעלע, האט געקאנט חתונה הא־בען מיט א מאן, וועלכער איז געווען אזוי דער היפוך פון איהר....

אבער דאס איז גאנץ פשוט: ער איז געווען א פערמעגליכער מאן, האבען איהרע עלטערען מסתמא געהאלטען, אז עס איז א גו־טער שידוך פאר איהר, זייער יונגער טאכטער, און אזוי האבען זיי חתונה געהאט. דערנאך האבען זיי געעפענט א קראם אין די מאנט־מארטר, און די יונגע פרוי איז געווארען א געשעפטס־פרוי. די נייע געמיינזאמע געשעפטס־אינטערעסען האבען אויסגעפילט זייער לע־בען. זי האט נור געטראכט פון א פערמעגען צו מאכען און געאר־בייט דאפיר. און אזוי איז איהר לעבען געפלאסען יאהר איין, יאהר אויס, רוהיג, עהרענהאפט, אהן ליידענשאפט.

אהן ליידענשאפט? קען עס איבערהויפט געמאהלט זיין, אז א פרוי זאל קיינמאל ניט ליעבען? א יונגע, שעהנע פרוי, וועלכע וואהנט אין פאריז, לעזט ביכער, אפלאדירט שוישפיעלערינען, וואס שטארבען אויף דער ביהנע פון ליעבעס־ליידענשאפט? קען עס מעג־ליך זיין, אז זי זאל אויסלעבען אלע איהרע יאהרען און אין איהר הארצען זאל קיינמאל, קיינמאל ניט האבען געברענט דאס ליעבעס־פייעריל? אויף אנאנדער פרוי וואלט ער עס ניט געגלויבט. הייגט ווארום זאל ער אויף זיין מוטער יא גלויבען?

זי האט אודאי אויך געליעבט, ווי אנדערע. פאר וואס זאל זי עפעס זיין אנדערש, ווי די איבעריגע, ווען זי איז אפילו געווען זיין מוטער?

זי איז געווען יונג, מיט אַלע שוואַכקייטען, וואָס לויערען אין די הערצער פון יונגע מענשען. פערברענגענדיג איהר לעבען אין דער קראַם נעבען א געוועהנליכען מענשען, וואָס האָט תמיד גערעדט נור פון געשעפט און געשעפט, האָט זי געטרוימט פון לבנה־שיין, רייזען און קושען אין א דונקעלער נאַכט. און שפּעטער האָט א מאַן אין איהר לעבען אריינגעטראָטען, ווי דער ליעבהאָבער אין די ראָמאַנען, וואָס זי האָט געלעזען, און האָט גערעדט ,ווי אזעלכע רעדען.

זי האָט געליעבט. פאַר וואָס ניט? זי, זיין מוטער? אָבער מוז מען זיין בלינד און נאַריש ניט צו זעהן דעם אמת, ווייל עס האַנדעלט זיך וועגען די אייגענע מוטער?

האָט זי זיך איהם אָפּגעגעבען? נו ,אודאי. קיין אנדערע געליעבטע, ווי עס שיינט, האָט ער ניט געהאַט. ווען ער איז ווייט געווען פון איהר און ווען זי איז געוואָרען אַלט, איז ער איהר טריי געבליבען. נו, אודאי, ער האָט דאָך דעם זוהן פון דער דאָזיגער פרוי, זייערביידענס זוהן, זיין גאַנץ פערמעגען איבערגעלאָזען.

און פיער איז אויפגעשטאַנען און אזא כעס האָט איהם געשטיקט, דאָס ער וואָלט אימיצען, דאַכט זיך, דער'הרג'עט. ער האָט אויסגעשטרעקט דעם אָרעם, געעפענט דעם פויסט און געפיהלט, אימיצען אָנצוכאַפּען, צו שטיקען, צו דערווערגען. ווענען? אַלעמען. זיין פאָטער, זיין ברודער, דעם טוידטען, זיין מוטער.

ער איז אוועק. האָט אהיים געוואָלט געהן. וואָס זאָל ער טהאָן?

ווען ער איז פערבייגעגאַנגען דעם טהורעם נעבען דעם סיגנאַל־מאַסט, האָט דער גרילציגער געשריי פון דעם סיגנאַל־האָרן איהם אין פּנים א הילך געטהאָן. ער האָט זיך אזוי דערשראָקען, דאָס ער איז שיער ניט אנידערגעפאַלען און אָבגעשפּרונגען צו דער גראַניטענער פאַרענצע. דאָרט האָט ער זיך אוועקגעזעצט געבראָכען, אָהן קרעפטען פאַר אויפרעגונג.

דער דאַמפּפער, וועלכער האָט זיך צוערשט אָנגערופען אויף דעם סיגנאַל, איז שוין אריין אין האַפען.

פיער האָט זיך א קעהר געטהאָן און דערזעהן דורכ'ן נעבעל זיין רויטען שיין. דאַן האָט זיך זיין גרויסער, שוואַרצער שאָטען אָבגעצייכענט צווישען דיביידע האַפענס אונטער דעם ליכט פון די עלעקטרישע שיין־וואָרפערס. הינטער איהם האָט זיך דערהערט די

הייזעריגע שטימע פון דעם וועכטער, אמאָליגען שיפס־קאַפּיטאַן:
— סאנטא לוציא.
— פון וואנען?
— איטאַליען.
— האפען?
— נעאפּאל.
און פיער'ן האָט זיך אויסגעוויזען, אזוי ווי ער וואָלט מיט א מאָל דערזעהען פאר זיך דעם בארג וועזאוויוס, ווי ער שפּיט מיט פייער, וועהרענד אונטען, צו די פיס פונ'ם וואולקען אין די אָראנזש־גאָרטענס פון סאָרענט אָדער קאסטעלעמא, פליהען ארום פייער־פליגעלאך.

ווי אָפט האָט ער געטרוימט פון די דאָזיגע בעקאַנטע נעמען, אקוראט ווי ער וואָלט די דאָזיגע געגענדען גוט געקענט. אָה, ווען ער וואָלט געקענט אוועק גלייך, עס מאכט ניט וואוהין, אוועק און ניט צוריקקעהרען זיך מעהר; ניט שרייבען, ניט לאָזען פון זיך הער־רען, וואו ער איז אהינגעקומען, וואָס פון איהם איז געוואָרען. אָבער ניין, ער מוז געהן אהיים און לעגען זיך שלאָפען. אהיים וועט ער ניט געהן. ניין, ניין. ער וועט ווארטען ביז טאָג. ער האָט נאָך געוואָלט הערען די געשרייען, וואָס דער סיגנאל־האָרן האָט ארויס־געלאָזט.
ער האָט זיך אויפגעהויבען און גענומען לויפען הין און צוריק, ווי דער וואך־אָפיציער אויפ'ן דעק פון א שיף.

א צווייטע שיף איז אָנגעקומען הינטער דעם ערשטען, גרויס און געהיימניספול, אן ענגלישע שיף, וואָס האָט זיך צוריקגעקעהרט פון אינדיען. דאן זיינען אָנגעקומען נאָך אַנדערע שיפען, איינס נאָכ'ן אַנדערען. זיי אַלע זיינען ארויסגעשוואומען פונ'ם דונקעלען נעבעל.

די פייכטקייט האָט איהם דורכגענומען, דאן איז ער אוועק צו דער שטאָדט צו. ער איז געווען אזוי דורכגעפראָרען, דאָס ער איז אריין אין מאטראָזען־שענק און אויסגעטרונקען א גלאָז גראָג. און ווען די שאַרפע, הייסע פליסיגקייט האָט איהם דעם גומען און האלז בענעצט, האָט ער דערפיהלט אין זיך ווידער די האָפנונג.
אפשר האָט ער א טעות. ער האָט זיך געקאָנט און געוואוסט, ווי לייכט ער קען זיך איינשמועסען די גרעסטע נארישקייטען. ער

האט זיכער א טעות. ער האט אויסגעארבייט א בעשולדיגונגס־אקט, ווי א פראקוראר, געגען אן אונשולדיגען, וועלכען מען קען תמיד גע־פינען שולדיג, ווען מען לייגט זיך אפ אויף דעם. ווען ער וועט זיך אויסשלאפען, וועט ער גאנץ אנדערש דענקען. ער איז געקומען אהיים, האט זיך געלייגט אין בעט, צונויפגענומען אלע קרעפטען, אום איינצושלאפען, און איז צום סוף איינגעשלאפען.

5.

אבער דער דאקטאר האט לאנג ניט געשלאפען: א שעה אדער צוויי אין גאנצען. און אפילו די קורצע צייט האט ער אויך ניט גע־שלאפען רוהיג. חלומות האבען איהם פערפאלגט. ווען ער האט אין דעם דונקעלען, ווארימען, צוגעשלאסענעם צימער אויפגע־וואכט, האט ער דערפיהלט, נאך איידער ער האט זיך אין גאנצען אטשוכעט, יענע שמערצליכע קלעמעניש, יענע שווערקייט אויפ'ן הארצען, מיט וועלכע ער איז איינגעשלאפען. אזוי ווי די פערצווייפלונג האט זיך אין זיין פלייש איינגעגעסען, בעת ער האט געשלאפען, און איהם געפייניגט און די כוחות פון איהם ארויסגעזויגט. מיט א מאל האט ער זיך קלאר דערמאנט אן אלצדינג, און ער האט זיך אויפגעזעצט אויפ'ן בעט.

איצט האט ער זיך לאנגזאם גענומען איבערלעגען. ארייננגע־טראכט זיך אין די אלע געדאנקען, וואס האבען איהם נעכטען ביים האפען געפייניגט אונטער די ווילדע געשרייען פון דעם סיגנאל־הארן. און וואס מעהר ער האט זיך אין דעם ארייננגעטראכט, אלץ וויינינגער האט ער געצווייפעלט. ער האט זיך געפיהלט פון זיין פערשטאנד מיט געוואלד געשלעפט, ווי פון א האנד, וואס שלעפט אונז מיט געוואלד צו עפעס מורא'דיגעס, וואס טרייסעלט אונז אויף אין גאנצען.

ער האט דערפיהלט דורשט, איהם איז געווארען הייס, זיין הארץ האט געקלאפט. ער איז אויפגעשטאנען, אום די פענסטער צו עפענען און צו אטהעמען א ביסעל פרישע לופט. און אזוי ווי ער איז געשטאנען, האט ער געהערט דורך די וואנד א לייכט גערויש.

זשאן האט געשלאפען רוהיג און שטיל געכראפעט. ער האט געשלאפען! יא, איהם האט גארניט געפייניגט. א מאן, וואס האט

זייער מוטער געקאַנט, האָט איהם איבערגעלאָזען זיין גאַנץ פער־
מעגען, און ער האָט זיך צוגענומען דאָס געלד און ניט געשטעלט זיך
קיינע פראַגען. דאָס איז ביי איהם אויסגעקומען א גאַנץ געוועהנ־
ליכע זאַך.

ער האָט געשלאָפען מיט דעם שלאָף פון רייכע און זאַטע, ניט
געוואוסט, אַז זיין ברודער'ס הארץ ווערט צוריסען פון צער און
יסורים. און א כעס האָט זיך אָנגעצונדען אין איהם געגען דעם דאָ־
זיגען רוהיגען, זעלבסט־צופריעדענעם שלאָפער דאָרט הינטער דעם
וואַנד.

נאָך נעכטען וואָלט ער אין די טיר אָנגעקלאַפּט, אריינגעגאַנ־
גען, וואָלט זיך אויפ'ן בעט געזעצט און צו איהם, זיין ברודער, גע־
זאָגט: „זשאַן, דו דארפסט ניט די ירושה אָננעהמען, ווייל זי קען
ווארפען א חשד אויף די עהרע פון אונזער מוטער."

אָבער היינט זיינען זיינע ליפּען געווען פערזיגעלט, היינט
האָט ער שוין צו זשאַן'ען ניט געקענט אזוי רעדען, ווייל ער האָט
איהם שוין ניט געהאַלטען מעהר פאַר זיין פאָטער'ס זוהן. איצט
האָט ער געמוזט די שמאַך, וואָס ער האָט ענטדעקט, אין זיין זעעלע
אליין טראָגען, דעם פלעק, וואָס ער האָט געפונען, פאַר יעדען פרעמ־
דען אויג פערבאָרגען און בעמיהען זיך, אַז קיינער, קיינער, אפילו
ניט זיין ברודער, זאָל עפּעס דערפון וויסען.

ער האָט לענגער ניט געקענט פערבלייבען אינ'ם צימער. ער
האָט געפיהלט, אַז ער ווערט דאָרט דערשטיקט. און אזוי ווי ער
איז זעהר דורשטיג געווען, האָט ער אָנגעצונדען א ליכט און איז
אוועק אין קיך נאָך א גלאָז פרישע וואסער.

ער איז ארונטערגעגאַנגען די ביידע שטאָק. און אַז ער האָט
זיך דערנאָך צוריקגעקעהרט מיט אַן אָנגעפילטער פלאַש, האָט ער
זיך געזעצט אין איין העמד אויף די טרעפּ און אין איין אָטהעם גע־
נומען טרינקען פון דער פלאַש.

אָנגעטרונקען זיך, איז ער ווייטער געבליבען זיצען אויף דעם
אייגענעם אָרט. די שטילקייט פונ'ם הויז האָט איהם געשטיקט און
ביסלעכווייז האָט ער אָנגעהויבען צו פערנעהמען דעם מינדסטען
גערויש.

צוערשט האָט ער געהערט דעם גאַנג פונ'ם זייגער אינ'ם עס־
צימער, זיין טיק־טאַק, וואָס איז מיט יעדער רגע, דאכט זיך, גע־

ווארען אלץ שטארקער און שטארקער. דערנאך האט ער פערנומען ווידער א כראפען, דאס כראפען פון אלטע לייט, קורץ, שווער, טרוקען, מסתמא האט עס זיין פאטער אזוי געכראפעט. דער גע־דאנק, אז די ביידע מענשען, וואס האבען דארט געשלאפען, פאטער און זוהן, זיינען זיך פרעמד, האט איהם גענומען מוטשען. פרעמדע זיינען זיי איינער דעם אנדערען, גארניט פערבינדעט זיי, און זיי האבען עס ניט געוואוסט. זיי האבען גערעדט צערטליך איינער מיט'ן אנדערען, האבען זיך געקושט, געלאכט און געפרעהט זיך איבער די אייגענע זאכען, אקוראט ווי דאס זעלביגע בלוט וואלט אין זייערע אדערען געפלאסען. און דאך זיינען צוויי מענשען, וואס זיינען געבארען געווארען אויף צוויי בעזונדערע עקען וועלט ניט פרעמדער איינער דעם אנדערען, ווי דער דאזיגער פאטער און דער דאזיגער זוהן. א ליגען האלט צונויף די דאזיגע ליעבע. מיינען זיי, אז זיי ליעבען זיך. א ליגען האט געשאפען די דאזיגע פאטער־ליעבע, א ליגען האט געשאפען די דאזיגע ליעבע פונ'ם זוהן, א ליגען, וואס מוז פערבלייבען א סוד, פון וועלכען קיינער טאר ניט וויסען און וועט ניט וויסען, אויסער איהם, דעם ריכטיגען זוהן....

טאמער אבער איז עס א טעות, פארט א טעות? ווי אזוי אבער געפינט מען עס אוים? ווען עס וואלט כאטש געווען עפעס אן עהנליכקייט, א האר עהנליכקייט, צווישען זיין פאטער און זשאן'ען.... איינע פון יענע פאמיליען־שטריכען, וואס געהען אי־בער פון זיידען צום אייניקעל, וועלכע ווייזען אן אויף דעם שטאם! פאר איהם, דעם דאקטאר, וואלט איין קלייניגקייט גענוג געווען, אום דאס אויסצוגעפינען. די פארמע פון דער נאז, קינבאק, דער בליק פון די אויגען, די פארמע פון די צייהן, דער קאליר פון די האר.... אך, נאך וועניגער, א בעוועגונג, עפעס א מינע, עפעס א סימן, נאך וועלכען דאס געאיבטע אויג זאל זעהן אן עהנליכקייט....

ער האט אין די געדאנקען געזוכט א וועלכע־ניט־איז עהנליכ־קייט, און ניט געפונען, האט זיך ניט געקענט דערמאנען אן דער מינדעסטער עהנליכקייט. אבער אפשר האט ער זיך ניט גוט צוגע־קוקט... ביז אהער האט ער דאך קיין גרונד ניט געהאט צו צוקוקען זיך שטארק צו זשאן'ען.

ער איז אויפגעשטאנען, אום צו געהן צוריק אין זיין צימער, איז געגאנגען לאנגזאם איבער די טרעפ טיעף פערטהאן אין זיך. ווען ער

איז פערבייגעגאנגען זיין ברודער׳ס צימער, האט ער זיך אבגעשטעלט און אויסגעשטרעקט די האנד, אום די טיהר צו עפענען. א וואונש האט זיך אין איהם ערוועקט, א שטארקער, אונווידערשטעהליכער וואונש, ארייננצוגעהן אין זשאן׳ס צימער און אנקוקען איהם לאנג, לאנג, איצט, בעת ער שלאפט, בעת די שטריכען אויף זיין פנים רוהען. אזוי וועט ער אפשר דעם סוד אויף זיין פיזיאנאמיע אויסגעפינען, און אויב עס איז דא די מינדעסטע עהנליכקייט, וועט ער זי געוויס איצט בעמערקען.

אבער וואס פאר א תירוץ זאגט מען זשאן׳ען, ווען ער וועט זיך אויפכאפען און איהם פלוצים דערזעהן פאר זיך?

ער איז געבליבען שטעהן, די פינגער אויפ׳ן טיר־קליאמקע צוגויפגעדריקט, און האט געטראכט וועגען א תירוץ.

פלוצים האט ער זיך דערמאנט, אז מיט א וואך צוריק האט ער זיין ברודער געליהען א פלעשעל לודאנום, אום צו שטילען זיין צייהןוועהטאג. ער קען זאגען, אז די צייהן טהוען איהם וועה און איז געקומען נאך דעם לודאנום.

און ער איז אריינגעגאנגען אין צימער און האט זיך צוגעגנב׳עט צום בעט אויף די שפיץ־פינגער ווי א גנב.

זשאן איז געלעגען מיט אן אפענעם מויל און האט געשלאפען געשמאק. אויפ׳ן ווייסען קיסען האט זיך אבגעצייכענט די בלאנדע בארד און האר. ער האט זיך ניט אויפגעכאפט. אבער ער האט אויפגעהערט צו כראפען.

פיער האט זיך איבערגעבויגט איבער איהם און איהם בעטראכט מיט גיעריגע אויגען. ניין, דער דאזיגער יונגער־מאן איז גארניט עהנליך געווען צו ראלאנד׳ען. און צום צווייטען מאל האט ער זיך דערמאנט אן מארעכאל׳ס פערשוואונדענעם מיניאטורבילד. ער מוז עס געפינען. דעמאלט וועט איהם דאס זיין פערענטפערט.

זיין ברודער האט זיך א ריהר געטהאן. אפשר האט ער געפיהלט זיין געגענווארט, אדער אפשר האט דער שיין פונ׳ם ליכט געוועקט זיינע אויגען־לעדלאך. דאן האט דער דאקטאר זיך אויף די שפיץ־פינגער ארויסגעגנב׳עט פון צימער, צוגעמאכט שטיל די טיר, איז אריין צו זיך, האט זיך אבער שלאפען ניט געלייגט.

די צייט האט זיך געצויגען, ווי פון פעך. לאנגזאם איז אנגע־

קומען דער טאָג, זעהר לאַנגזאַם. דער זייגער אין דער קיך האָט, ווי א גרויסער טהורם־זייגער, ארויסגעהילכט די שטונדען איינע נאָך דער אַנדערער. דער קלאַנג האָט זיך געטראָגען ארויף די טרעפּ, איז אריינגעדרונגען אין די צימערען דורך די ווענד און טירען און איז פערשוואונדען געוואָרען אין די אויערען פון די שלאָפענדיגע.

פּיער האָט זיך בעוועגט איבער'ן צימער הין און צוריק, פון'ם בעט צו פענסטער און פון'ם פענסטער צום בעט. וואָס זאָל ער טהאָן? ער האָט געפיהלט, אז ער מוז בלייבען אליין מיט זיינע געדאַנקען, לכל הפּחות א טאָג־צוויי, ביז ער וועט א ביסעל קומען צו זיך, ביז ער וועט פיעל־וועניג זיך צוגעוועהנען צו דעם מורא'דיגען סוד, וואָס ער האָט אויסגעפונען.

אזוי גיך, ווי עס איז געוואָרען טאָג, האָט ער זיך איינגעוואַשען און אָנגעטהאָן. דער נעבעל איז פערשוואונדען, דאָס וועטער איז געווען זעהר שעהן. אזוי ווי דער דאַמפּפער נאָך טרואוויל האָט פערלאָזען דעם האַפען ערשט אום ניין, האָט דער דאָקטאָר בעשלאָסען, אז ער וועט פריהער זיין מוטער זעהן.

ער האָט אָבגעוואַרט ביז דער צייט, ווען זי פלעגט געוועהנליך אויפשטעהן, דערנאָך איז ער ארונטער. זיין הארץ האָט אזוי געקלאַפּט, בעת ער איז צו דער טיר צוגעגאַנגען, דאָס ער האָט זיך געמוזט אָבשטעלען, אום דעם אָטהעם אָבצוציהען. די האַנד, וואָס ער האָט אויף די קליאַמקע געלייגט, איז געווען שלאַף און האָט געציטערט, ער איז כמעט ניט אימשטאַנד געווען די טיר צו עפענען. ער האָט אָנגעקלאַפּט. זיין מוטער'ס שטימע האָט זיך דערהערט:

— ווער איז דאָרט?

— איך, פּיער.

— וואָס ווילסטו?

— דיר אדיע זאָגען, ווייל איך וויל היינט דעם טאָג פערברענגען אין טרואוויל מיט פריינד.

— איך בין נאָך אינ'ם בעט.

— גוט. אלזאָ, ווען איך וועל קומען ביינאַכט צוריק, וועל איך דיר מיין קוש אָבגעבען.

ער האָט געהאָפט, אז ער וועט קענען אוועקגעהן, ניט זעהענדיג זי, ניט דארפענדיג איהר געבען דעם פאַלשען קוש.

אָבער זי האָט געענטפערט:

— ווארט א ווײלע. איך עפען גלײך.

ער האט דערהערט איהרע בארפוסע פיס איבער דער פאדלאגע. דאן דעם קלונג פונ'ם שלאס און איהר קול:

— ווארט נאך א ווײלינקע, איך וועל זיך נור אינ'ם בעט לעגען.

ער האט ווידער דערהערט איהרע בארפוסע פיס און דערנאך:

— קענסט ארײנגעהן!

ער איז ארײנגעגאנגען. זי איז געזעסען אינ'ם בעט, ווערהענד ראלאנד, מיט א נאכט־מיצעל אויף'ן קאפ, איז געלעגען נעבען איהר מיט'ן פנים צו דער וואנד, און האט רוהיג געשלאפען. איהם אויפ־וועקען פון זײן שלאף איז געווען ניט קײן לײכטע ארבײט. מען האט איהם געמוזט טרײסלען און שלעפען און רײסען, ביז ער האט זיך אויפגעכאפט.

פיער האט זיך אײנגעגעסען מיט די אויגען אין זײן מוטער'ס פנים. עס האט זיך איהם מיט א מאל אויסגעוויזען אקוראט ווי ער וואלט זי ביז היינט נאך קײנמאל ניט געזעהען.

זי האט צו איהם אויסגעשטעלט די באקען. ער האט זי צוויי מאל געקושט. דערנאך האט ער זיך געזעצט אויף א נידעריגען שטוהל.

— דו האסט נעכטען אבגעמאכט מיט דײנע פרײנד אויסצו־פאהרען הײנט?

—יא, נעכטען בײנאכט.

— וועסט זײן צוריק צו סאפער?

—איך ווײס ניט. יעדענפאלס ווארט ניט אויף מיר.

ער האט זי בעטראכט מיט פערוואונדערטער נײגיעריגקײט. איז דאס געווען טאקע זײן מוטער, די דאזיגע פרוי? דער דאזיגער פנים, וואס ער האט פון קינדווײז אן געקענט, זײט זײנע אויגען האבען זיך אויסגעלערענט צו קוקען, דער דאזיגער שמײ־כעל, דער דאזיגער גוט־בעקאנטער קול, — זי אין גאנצען האט זיך איהם מיט א מאל אויסגעוויזען אזוי נײ, אזוי אנדערש, ווי פריהער. ער האט איצט פערשטאנען, אז ער האט זיך אין איהר, וועלכע ער האט אזוי געליעבט, נאך קײנמאל ריכטיג ניט אײנגעקוקט. און דאך איז זי עס געווען, ער האט געקענט יעדען מינדעסטען קנײטשעלע פון איהר פנים. אבער די אײנצעלהײטען פון איהרע געזיכטס־ציגע

האָט ער איצט געזעהן, ווי צום ערשטען מאָל. די אונרוהיגע אויפ־מערקזאַמקייט, מיט וועלכער ער האָט דעם ליעבען פּנים איצט אונ־טערזוכט, האָט איהם געמאַכט זעהן גאָר אַ נייַ געזיכט.

ער האָט זיך אויפגעהויבען, אום אוועקצוגעהן. דאַן אָבער האָט ער זיך פּלוצים אָנגערופען:

— זאָג נור, מיר דאַכט זיך, אַז מיר האָבען אַ מאָל ערגעץ גע־האַט אַ קליין בילד פון מאַרעכאַל.

זי האָט ניט געענטפערט גלייך, אַזוי ווי זי וואָלט זיך מיישב געווען, וואָס איהם צו ענטפערען, אָדער אפשר האָט זיך עס איהם נור אויסגעוויזען. דאַן האָט זי געזאָגט:

— געוויס.

— וואו איז דאָס בילד אַהינגעקומען?

זי האָט ווידער געענטפערט ניט אַזוי שנעל, ווי זי האָט גע־קענט:

— דאָס בילד.... ווארט נור... זיכער ווייס איך ניט. אפשר אין מיין שרייב־טיש.

— זיי אַזוי גוט און טהו אַ זוך...

— יאָ, איך וועל אַ זוך טהאָן. אויף וואָס דאַרפסטו עס?

— ניט פאַר מיר. מיר איז איינגעפאַלען, אַז מען האָט עס געדאַרפט זשאַן'ען געבען. עס וואָלט איהם, איך דענק, פערגעניגען פערשאַפט.

— יאָ, דו ביזט גערעכט. דאָס איז אַ גוטע אידעע. איך וועל עס אויפזוכען, באַלד ווי איך וועל אויפשטעהן.

און ער איז אוועק.

עס איז געווען אַ העלער זוניגער טאָג. די מענשען אויף די גאַסען האָבען געשיינט צו זיין גוט אויפגעלעגט, די געשעפטסלייט, וואָס זיינען צו זייערע געשעפטען געגאַנגען, די בעאַמטע, וואָס האָ־בען צו זייערע ביוראָס געאיילט, די מיידלאַך, וועלכע זיינען צו זיי־ערע קראָמען געלאָפען. מאַנכע פון זיי האָבען שטיל, אונטער דער נאָז, ליעדלאַך געברומט, פרעהליך אויפגעלייגט אין דעם דאַזיגען שעהנעם, זוניגען טאָג.

אויף דעם דאַמפּפער נאָך טרומוויל זיינען שוין די פּאַסאַזשי־רען אַרויף. פיער האָט זיך געזעצט פון הינטען אויף אַ הילצער־נעם באַנק.

ער האָט זיך געפרעגט:

„איז מיין מוטער צומישט געוואָרען, בעת איך האָב ביי איהר זיך נאָכגעפרעגט אויף דאָס בילד? האָט זי עס פערלאָרען אָדער בע־האַלטען? ווייסט זי, אָדער ווייסט זי ניט, וואו דאָס איז? אויב זי האָט עס בעהאַלטען, פאר וואָס האָט זי עס בעהאַלטען?

און טראכטענדיג אזוי ווייטער, איז ער געקומען צום שלוס, אז דאָס בילד — פון דעם פריינד, צי פון דעם געליעבטען — איז אזוי לאַנג געשטאַנען פון אויבען אויף, ביז עס איז געוואָרען גע־פעהרליך. דערנאָך האָט זי עס בעהאַלטען.

פיער האָט זיך איצט דערמאָנט, אז עס איז שוין א גאַנץ לאַנגע צייט זייט דאָס בילד איז פערשוואונדען, נאָך איידער זיי האָבען פערלאָזען פאַריז, ארום יענער צייט, ווען ביי זשאַן׳ען האָט די באָרד אָנגעהויבען צו שפּראָצען, די באָרד, וואָס האָט איהם אזוי עהנליך געמאכט צו דעם בלאָנדען מאַן, וועלכער האָט געשמייכעלט אויף דעם קליין בילדעלע.

די בעוועגונג פון דעם אָבפאָהרענדען דאמפּפער האָט איהם די געדאנקען צושלאָגען. ער האָט זיך אויפגעהויבען און אויפ׳ן ים גענומען קוקען.

דער קליינער דאמפּפער האָט זיך פערקירעוועט לינקס און זיך אוועקגעטראָגען מיט א רוישען און סאָפּען צו א פונקט, וואָס האָט זיך פון ווייטען געזעהען אין דעם אין־דער־פריהמאָרגען נעבעל. דאָ און דאָרט איז אונבעוועגליך געלעגען דאָס רויטע זעגעל פון א שווע־רען פישער־שיף, וואָס האָט ארויסגעשטעקט פונ׳ם וואסער, ווי א גרויסער פעלז.

אין א קנאַפּער שטונדע איז דער דאמפּפער אָנגעקומען אין טרואוויל, אזוי ווי גראָד אין דער צייט האָט זיך דער עולם גע־באָדען, איז פיער אוועק צום ברעג.

פון ווייטען האָט דער ברעג אויסגעזעהען, ווי א לאַנגער, לאַנ־גער גאָרטען, אויסגעזעצט מיט קאָלירטע בלומען. אויפ׳ן געלען זאמד, פון דעם האַפען ביז צו דעם שווארצען פעלז, האָבען געגלאנצט און זיך אויסגעמישט פערשיעדענע פארבען און קאָלירען פון זונען־שירמען, היט און קליידער. און דאָס אונבעשטימטע, נאָהענטע, צי ווייטע, גערויש פון די שטימען אין דער קלאָרער לופט, די קולות, די געשרייען פון די קינדער, וואָס מען האָט געבאָדען, דאָס העלע

לאכען פון די פרויען, דאס אלצדינג האט זיך אויסגעמישט מיט דעם הויכען פונ'ם ווינד, וועלכען מען האט, עס האט זיך אויסגעדראכט, איינגעאטהמט און זיך צוזאמען מיט'ן ליארם.

פיער האט זיך ארומגעדרעהט צווישען די מענשען, עלענד, פערלארען, ווייט, ווייט פון זיי, אקוראט ווי מען וואלט איהם הונ־דערט מיילען אויפ'ן ים פון א שיף ארונטערגעווארפען. ער האט גע־הערט, ניט צוהערענדיג זיך, ווערטער ארויסגערעדטע. ער האט גע־זעהען, ניט צוקוקענדיג זיך, ווי די הערען און די דאמען ריידען און שמייכלען איינע מיט די אנדערע.

און פלוצים, אזוי ווי ער וואלט זיך אויפגעכאפט פון א טיעפען שלאף, האט ער זיי אלעמען קלאר בעמערקט. און א האס צו זיי אלעמען האט זיך אין איהם אנגעכאפט, ווייל זיי האבען געשיינט צו זיין גליקליך און צופריעדען.

איצט האט ער זיך פלוצים גענומען צוקוקען צו די מענשען ארום איהם מיט נייע געדאנקען. די דאזיגע אלע פערשיעדען־פארביגע טואלעטען, וואס האבען דעם זאמד בעדעקט, ווי בלומען־בוקעטען, די דאזיגע שעהנע שטאפען, די העלע זונען־שירמען, די גראציעזע, איינגעשנורטע טאליעס, אלע יענע ערפינדונגען פון דער מאדע, פון די קליינצינקע שיכעלאך ביז צום עקסטראוואגאנטען הוט, דער גאנצער פערפיהרונגס־כשוף, וואס איז געלעגען אין דער בעוועגונג, אין דער שטימע, אין דעם שמייכעל, קורץ, די קאקעטעריי, וואס האט זיך ביי דעם ברעג ים פריי צולאזט, האבען זיך איהם פלוצים אויסגעוויזען ווי איין גרויסע בלום, וואס מיט איהר דופט האט גע־דארפט וועקען אין מענער די תאוה... אלע די דאזיגע אויסגעפוצטע ־אמען האבען געזוכט צו געפעלען, צו פערפיהרען, ארייננכאפען אי־מיצען אין זייער נעץ. זיי האבען זיך געמאכט שעהן פאר די מע־נער, פאר אלע מענער, נור ניט פאר דעם איינגענעם מאן, וועלכען זי דארף שוין ניט זוכען ארייננצוכאפען. זי האט זיך געמאכט שעהן פאר דעם ליעבהאבער פון היינט און פאר דעם, וואס וועט מארגען איהר ליעבהאבער זיין, פאר דעם אונבעקאנטען מאן, וואס זי וועט טרעפען, וועלכען זי האט זיך אפשר שוין אנגעמערקט און ווארט אויף איהם.

און אלע די דאזיגע מענער, וואס זיינען געזעסען נעבען זיי, וועלכע האבען געקוקט זיי אין די אויגען אריין און גערעדט צו זיי

— זיי אלע האָבען זיך געיאָגט נאָך זיי אָהן אָטהעם, געזוכט זיי צו פאַנגען, ווען אין דער אמת'ען האָט זיי דאָס גאָרניט געדאַרפט קאָס־טען קיין בעזונדערע מיה.... קורץ, דער דאָזיגער ווייטער ברעג איז געווען ניט מעהר ווי א מארק פון ליעבע, וואו מאַנכע האָבען זיך פערקויפט און אנדערע האָבען זיך אוועקגעשענקט, וואו די האָבען זיך פערשאכערט און יענע האָבען נור פערשפּראָכען. אומעטום איז דאָס אייגענע אין דער גאַנצער וועלט. און אלע מאָל איז אזוי גע־ווען — האָט פיער געטראַכט.

זיין מוטער איז נור געווען אזוי ווי די אַנדערע. ווי די אנדע־רע? ניין, עס זיינען געווען אויסנאַהמען — א סך, א סך אויס־נאהמען. די, וואָס ער האָט דאָ ארום זיך געזעהן, די רייכע, די פער־ריקטע, די ליעבעס־יעגעריננס, האָבען געהערט צו דער עלעגאַנטער, גאַלאַנטער וועלט. דאָ, צווישען די דאָזיגע פרויען לעדיג־געהער־קעס, האָט מען ניט געזעהן קיין איינע פון יענער גרויסער מאַסע אונשולדיגע פרויען, וואָס זיינען פערנומען אין דער היים מיט זייערווירטשאַפט און זייערע קינדער.

דער ים האָט געשטיגען און ביסלעכווייז פערטריבען די מענ־שען. גאַנצע גרופּפּעס האָבען זיך שנעל אויפגעהויבען און זיינען אנטלאָפען מיט זייערע שטוהלען, וואו דער געלער פלוס מיט א ווייסען שוים פון אויבען האָט גענומען קריכען פונ'ם ים איבער'ן געלען זאמד. אויף די ברעטער פון דעם פּראָמענאַדען־וועג, וואָס לויפט פון איין ברעג ים צום אנדערען, האָבען זיך איצט געטראָגען איינער געגען אנדערען צוויי ברייטע שטראָמען פון עלעגאַנטע מענ־שען, האָבען זיך בעגעגענט און אויסגעמישט. די דאָזיגע מעננגע האָט פיער'ן נערוועז געמאַכט. ער איז אנטלאָפען און אוועק אין שטאָדט. דאָרט האָט ער אין א שענק זיין פריהשטיק געגעסען.

אז ער האָט זיין קאַפע אויסגעטרונקען, האָט ער אויסגעצויגען זיינע פיס אויף צוויי שטוהלען אונטער א בוים פאַר דער טיר. און אזוי ווי ער האָט די נאַכט פריהער ווענינ געשלאָפען, האָט ער איינ־געדרעמעלט.

אזוי האָט ער א פּאָר שטונדען גערוהט. דערנאָך האָט ער זיך מיט א מאָל א כאַפּ געטהאָן, אז שוין צייט צו געהן צום דאַמפּפער, א היים צו פאָהרען. און ער איז אוועק. ער האָט געוואָלט זיין אין דער היים, געוואָלט וויסען, אויב זיין מוטער האָט דאָס בילד געפו־

נען, אויב זי וועט אליין דאס איהם זאגען אדער ער וועט זי דארפען פרעגען וועגען דעם. ווען זי וועט אליין דאס איהם ניט זאגען, ווען ער וועט זי מוזען דערמאנען וועגען דעם, דאן האט זי זיכער אן אורזאך צו בעהאלטען דאס בילד.

אבער אז ער איז ווידער אין זיין צימער געזעסען, האט ער זיך א היבשע צייט מיישב געווען, צי זאל ער ארונטערגעהן עסען. ער האט צו שטארק געליטען. זיין פערוואונדעטע הארץ האט נאך קיין צייט ניט געהאט צו בערוהיגען זיך. צום סוף אבער איז ער פארט ארונטערגעגאנגען און איז אין עס־צימער אריין גראד אין דער צייט, ווען די אנדערע האבען ערשט זיך צום טיש געזעצט.

די פנים'ער ביי די איבעריגע האבען פרעהליך געשיינט און ראלאנד האט געררעדט:

— נו, וואס האט איהר עפעס איינגעהאנדעלט? איך וויל אבער גארניט זעהען, ביז אלצדינג איז ניט אויפ'ן ארט.

זיין ווייב האט געענטפערט:

— אה, ביסלעכווייז וועלען מיר די זאכען איינקויפען. מען מאר ניט כאפען. די מעבעל איז שווער זיך אויסצוקלייבן.

זי האט דעם גאנצען טאג מיט זשאן'ען אין מעבעל־געשעפטען פערבראכט. זי האט געוואלט האבען רייכע שטאפען, וואס זאלען זיך גלייך אין די אויגען ווארפען. איהר זוהן, פערקעהרט, האט גע־וואלט דוקא וואס איינפאכערע. זי האט גע'טענה'עט, אז דער קליענט, וועלכער קומט צוגעהן צו אן אדוואקאט, מוז גלייך פיהלען, אז דער אדוואקאט איז רייך. זשאן אבער, וועלכער האט ארוים־געקוקט אויף עלעגאנטע און רייכע קליענטען, האט געוואלט אויס־נעהמען ביי זיי מיט זיין בעשיידענעם, איינפאכען, פיינעם גע־שמאק.

די דיסקוסיאן, וואס איז צווישען זיי אנגעגאנגען דעם גאנצען טאג, האט איצט ווידער זיך אנגעהויבען ביים עסען.

ראלאנד האט ניט געהאט קיין מיינונג. ער האט גע'טענה'ט:

— איך וויים גארניט. אז אלצדינג וועט שטעהן אויף אן ארט, וועל איך דאס אנקוקען.

זיין פרוי האט זיך דאן געווענדעט צו איהר עלטסטען זוהן:

— און וואס איז דיין מיינונג, פיער?

ער איז געווען אזוי נערוועז, דאָס עס האָט זיך איהם געגלוסט איהר צו ענטפערען מיט א גראָבען וואָרט. דאָך האָט ער געענט־פערט אין א טרוקענעם טאָן, פון וועלכען אָבער זיין אויפרעגונגנג האָט זיך געהערט:

— איך האלט מיט זשאן׳ען. איך בין פאר איינפאכקייט און געשמאק.

די מוטער האָט זיך אָבגערופען:

— אָבער פערגעס ניט, אז מיר וואָהנען אין א האנדעלס־שטאָדט, וואו אויף גוטען געשמאק פערשטעהט מען זיך אזוי ווענינ.

פיער האָט געענטפערט:

— דאָס מאכט ניט. דערפאר דען דארפען מיר אויך האָבען א גראָבען געשמאק? ווען מיינע לאנדסלייט זיינען דום אָדער ניט עהרליך, מוז איך דען אויך זיין אזוי ווי זיי? א פרוי וועט דאָך ניט פערפיהרען קיין ליעבעס־פערהעלטניסע מיט א פרעמדען מאן ניר דערפאר, ווייל איהרע שכנות האָבען ליעבהאָבער.

זשאן האָט זיך צולאכט:

— דו מאכסט אזעלכע פערגלייכונגען, ווי א מאָראל־פרעדיגער.

פיער האָט ניט געענטפערט. מוטער און ברודער האָבען ווייטער גערעדט וועגען שטאָפען און שטוהלען. ער האָט געקוקט אויף זיי ביידען, ווי ער האָט היינט אין דער פריה אויף זיין מוטער גע־קוקט, איידער ער איז געפאָהרען אין טרואוויל. ווי א פרעמדער האָט ער אויף זיי געקוקט. און עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אזוי ווי ער וואָלט זיך ווירקליך פלוצים אין א פרעמדער פאמיליע דערזעהען.

זיין פאָטער האָט זיך איהם אין די אויגען געוואָרפען. דער דאָזיגער דיקער, אומגעלומפערטער, זעלבסט־צופריעדענער מאן זאָל זיין פאָטער זיין? ניין, ניין, זשאן איז אפילו א האָר ניט געווען עהנליך צו איהם.

זיין פאמיליע! זייט צוויי טעג האָט א בייזע, פרעמדע האנד, די האנד פון א טוידטען, אלע באנדען, וואָס האָבען איהם ביז דע־מאָלט צוגעקניפט מיט די דאָזיגע פיער מענשען, איינס נאָכ׳ן אנדע־רען צוריסען. אוים, אלצדינג איז צושטערט. ער האָט שוין מעהר ניט געהאט קיין מוטער. ער האָט זי מעהר ניט געקענט ליעב הא־בען, ניט געקענט זי מעהר אכטען מיט דער הייליגער, צארטער ליע־

בע, מיט וועלכער א הארץ פון א זוהן דארף זיין מוטער אכטען. ער האט ניט געהאט מעהר קיין ברודער, ווייל דער דאזיגער ברודער איז געוועזן דער זוהן פון א פרעמדען. ער האט נור געהאט א פאטער, דעם דאזיגען דיקען מאן דארט, וועלכען ער האט ניט געקענט ליעב האבען, וויפיעל ער האט דאס ניט געוואלט און זיך ניט בעמיהט.

און פלוצים האט ער געפרעגט:

— זאג נור, מאמא, האסטו דאס בילד געפונען?

זי האט איהם אנגעקוקט פערוואונדערט:

— וואס פאר א בילד?

— פון מארעכאל.

— ניין. דאס הייסט, יא. געפונען האב איך עס ניט, אבער, מיר דאכט זיך, איך וויים, וואו עס ליגט.

— וואס? — האט ראלאנד א פרעג געטהאן.

פיער האט איהם ערקלערט:

— דאס קליינע בילד פון מארעכאל, וואס איז א מאל ביי אונז אין זאל געשטאנען ,בעת מיר האבען געוואהנט אין פאריז. מען האט עס געדארפט זשאן'ען געבען. איך מיין, אז עס וועט איהם פערגע־ניגען פערשאפען.

ראלאנד האט אויסגעשריען:

— נאטירליך! נאטירליך! איך געדענק גוט דאס בילד. איך האב עס ערשט לעצטע וואך געזעהען. די מאמע האט עס געפונען אינ'ם שרייב־טיש, בעת זי האט איהרע פאפירען איבערגעקוקט, דאנערשטאג אדער פרייטאג. געדענקסט, לואיזע? איך בין גע־שטאנען און זיך ראזירט און דו האסט עס ארויסגענומען פון א שופ־לאד און אוועקגעלייגט אויף א שטוהל נעבען דיר מיט א גאנצען פעקעל בריעף. א העלפט פון די בריעף האסטו פערברענט, דו גע־דענקסט? א מאדנע זאך, ווען איך וואלט געוועזן אבערגלייביג, וואלט איך געגלויבט, אז ניט אומזיסט האסטו געפונען מארעכאל'ס בילד צוויי אדער דריי טעג פאר זשאן'ס ירושה.

זיין ווייב האט געענטפערט גאנץ רוהיג:

—יא, יא, איך וויים, וואו עס ליגט. איך וועל שפעטער א זוך טהאן.

זי האט, אלזא, ווידער א ליגען געזאגט. זי האט א ליגען גע־זאגט אין דער פריה, בעת פיער האט ביי איהר זיך נאכגעפרעגט

אויפ'ן בילד, ווען זי האָט געענטפערט: „זיכער ווייס איך ניט. אפשר אין מיין שרייב־טיש."

זי האָט עס ביי זיך געהאַט, א פּאָר טעג ביי זיך ארומגעטראָ־גען, געקוקט אויף דעם, דערנאָך ווידער עס בעהאַלטען אין דעם געהיימען שופלאַד מיט די בריעף, מיט זיינע בריעף.

פּיער האָט געקוקט אויף זיין מוטער, וואָס האָט א ליגען גע־זאָגט. ער האָט געקוקט אויף איהר מיט דעם פערצווייפלונגס־צאָרן פון אן אבגענארטען זוהן, וועלכער פיהלט זיך בעטראָגען אין זיינע הייליגסטע געפיהלען, מיט דער אייפערזוכט פון א בלינדען מאַן, וואָס האָט ענדליך דעם שמייכלענדען בעטרוג ענטדעקט. ווען ער וואָלט ניט געווען איהר זוהן, ווען ער וואָלט איהר מאַן געווען, ביי די אָרעמס וואָלט ער זי אָנגעכאַפּט, ביי די שולטערן, ביי די האָר, צו דער ערד געוואָרפען, זי געשלאָגען, גע'ממית'ט, מיט די פיס זי געטופעט. ער אָבער מוז שווייגען, קיין וואָרט טאָר ער ניט זאָגען. ער טאָר ניט, ער טאָר ניט. איהם אליין האָט זי דאָך ניט בעטראָגען.

און דאָך האָט זי איהם בעטראָגען, בעטראָגען איהם אין זיין צערטליכקייט, אין זיין אכטונג צו איהר. זי האָט געמוזט אין זיינע אויגען זיין ריין, הייליג, ווי יעדע מוטער ביי איהר קינד. און ווען זיין צאָרן האָט זיך אַלץ מעהר צופלאַקערט, ווען ער האָט זיך כמעט אין האַס פערוואַנדעלט, איז עס נור געווען דערפאַר, ווייל עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז געגען איהם איז זיין מוטער כמעט מעהר שולדיג ווי געגען זיין פאָטער.

די ליעבע פון מאַן און פרוי איז א פרייוויליגער קאָנטראַקט, און ווער פון זייביידען האַלט איהם ניט, דער איז נור שולדיג אין אָבנאַרעריי. ווען אָבער די פרוי איז מוטער געוואָרען, דאַן האָט די נאַטור אויף איהר הייליגערע פליכטען ארויפגעלעגט, דערמיט וואָס זי האָט איהם אַנפערטרויט א נייעם געשלעכט ארויסצוברענגען. דאַן ווען די פרוי פאַלט, איז זי א פּייגע, אונווירדיגע, ניזערטרעכטי־גע בעשעפעניס.

— קוריז, וואָס מען זאָל ניט זאָגען — האָט פּלוצים זיך אָנגע־רופען דער אַלטער ראָלאַנד, אויסציהענדיג זיינע פיס אונטער'ן טיש, ווי ער האָט עס יעדען אָבענד געטהאָן, בעת ער האָט געטרונ־קען זיין גלאָז שנאַפּס — ער איז גאָרניט אַזוי נאַריש, גאָרניט צו

טהאָן, ווען מען האָט אַ שעהנעם איינקונפט. איך האָף, אַז זשאַן וועט אונז אָפט צו זיך איינלאַדען אויף אַ דינער. כאָפט עס דער טייפעל, ווען איך וועל אפילו דעם מאָגען פערדאַרבען.

דערנאָך האָט ער זיך אַ קעהר געטהאָן צו זיין פרוי:

— זוך אויף דאָס בילד, אַלטע. איך וויל עס אויך אָנקוקען נאָך אַ מאָל.

זי האָט זיך אויפגעהויבען, גענומען אַ ליכט און איז ארויס־געגאַנגען.

עס האָט קוים דריי מינוטען געדויערט, ביז זי האָט זיך צוריק־געקעהרט, אָבער פּיער'ן האָבען זיך די דאָזיגע דריי מינוטען אויסגע־וויזען גאַנץ לאַנג. זי האָט זיך צוריקגעקעהרט מיט אַ שמייכעל, האַלטענדיג אין דער האַנד אַ קליין, בעגולדעט רעמעל.

— דאָס איז עס — האָט זי געזאָגט — איך האָב עס גלייך גע־פונען.

דער דאָקטאָר האָט דער ערשטער אויסגעשטרעקט די האַנד נאָכ'ן בילד. ער האָט עס גענומען און מיט אַן אויסגעשטרעק־טען אָרעם האָט ער עס בעטראַכט פון ווייטען. און דערנאָך, ווען ער האָט דערפיהלט, אַז זיין מוטער קוקט אויף איהם, האָט ער לאַנג־זאַם אויפגעהויבען די אויגען אויף זיין ברודער, אום צו פערגלייכען. ער האָט שיער ניט אויסגעשריען: „זעה נור, דאָס איז דאָך זשאַן מיט די ביינער!" און ווען ער האָט אפילו די דאָזיגע מורא'דיגע ווערטער ניט געוואַגט ארויסצורעדען, האָט מען דאָך פון דעם, ווי אַזוי ער האָט געפיהרט די אויגען פונ'ם בילד צו זשאַן'ס פּנים און פון זשאַן'ס פּנים צום בילד, געקענט זיך אָנשטויסען, אַז דאָס טראַכט ער.

יאַ, יאַ, די אייגענע באָרד, דער זעלבער שטערען, עהנליכע גע־זיכטס־ציגען; דאָך אַזאַ שאַרפע עהנליכקייט, וואָס מען זאָל זיכער קענען זאָגען: „דאָס איז פאָטער און זוהן", איז ניט געווען צווישען זיי.

עס איז געווען נור אַן עהנליכקייט אין זייערע געזיכטער. אָבער אַ שטאַרקערען בעוויז האָט דאַן די מוטער אַליין וועגען דעם געגעבען... זי האָט זיך אויפגעהויבען, אומגעדרעהט זיך צו זיי מיט'ן רוקען און איז צו לאַנג פערנומען געווען ביים שראַנק מיט'ן אריינ־שטעלען אהין דעם צוקער און שנאַפּס.

זי האָט פערשטאַנען, אז ער ווייסט איהר סוד, אָדער וועניג־סטענס, ער שטויסט זיך אָן אויף איהם...

— גיב אקאָרשט אהער דאָס בילד — האָט ראָלאַנד זיך אָנגע־רופען.

פיער האָט עס איהם דערלאַנגט, און זיין פאָטער האָט זיך צו־גערוקט נעהענטער צום ליכט, צו קענען בעסער זעהען. דאַן האָט ער ארויסגערעדט גאַנץ ווייך און ווי פאַר זיך:

— אָרעמער קערל! אָט אזוי האָט ער אויסגעזעהן, ווען מיר האָבען זיך מיט איהם בעקענט. ווי די צייט לויפט! ער איז געווען א שעהנער יונג און האָט געהאַט אזעלכע שעהנע מאַניערען. ניט אזוי, לואיזע?

און אזוי ווי זיין ווייב האָט ניט געענטפערט, האָט ער גערעדט ווייטער:

— היינט וואָס פאַר א רוהיגען כאַראַקטער דער מאַן האָט גע־האַט! איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזעהן, ער זאָל זיין ווען שלעכט אויפגעלייגט. איצט איז נאָך איהם. גאָרנישט איז פון איהם פער־בליבען, אויסער... וואָס ער האָט זשאַן'ען איבערגעלאָזען. איין זאַך איז אָבער קלאָר, אז ער איז געווען און ביז זיין טוידט געבליבען א בראַווער און טרייער פריינד. אפילו אין זיינע לעצטע מינוטען האָט ער אונז ניט פערגעסען!...

איצט האָט זשאַן אויך די האַנד אויסגעשטרעקט, אום דאָס בילד אָנצוקוקען. א פאָאַר רגע'ס האָט ער עס בעטראַכט און דער־נאָך ארויסגערעדט מיט בעדויערען:

— איך דערקען איהם גאָרניט. פאַר מיר שטעהט ער נור מיט די ווייסע האָר. ווי אזוי ער האָט אויסגעזעהן, בעת ער איז אינ־גער געווען, קען איך זיך גאָרניט דערמאָנען.

און ער האָט דערלאַנגט דאָס בילד זיין מוטער. זי האָט גע־וואָרפען אויף דעם א שנעלען בליק און זיך אָנגערופען רוהיג:

— דאָס געהערט איצט דיר, מיין זוהן, וואָרים דו ביזט זיין יורש. מיר וועלען עס אויפהענגען ערגעץ ביי דיר אין דיין נייער וואָהנונג.

און ווען זיי זיינען דערנאָך אין זאַל אריין, האָט זי דאָס בילד צוועקגעשטעלט אויפ'ן קאַמין נעבען זייגער, וואו עס איז פריהער געשטאַנען.

ראָלאַנד האָט זיך אָנגעשטאָפּט זיין פּיפּקע. פּיער און זשאַן האָבען פערדרייכערט סיגארעטען. ווי אלע מאָל, בעת זיי האָבען גע־רויכערט נאָך סאפּער, איז איצט פּיער אויף ארומגעגאנגען איבער׳ן צימער הין און צוריק און זשאַן איז געזעסען, דעם קאָפּ אָבגעוואָר־פען אויף א פאָטעל, די פיס איבערגעלעגט איינע איבער דער אַנ־דערער און דער פאָטער איז געזעסען רייטענדיג אויף א שטוהל און האָט פון ווייטען געשפּייט אינ׳ם פּייער פונ׳ם קאַמין.

מאַדאַם ראָלאַנד איז געזעסען אויף א ניעדריגען שטוהל נעבען א קליינעם טישעל, אויף וועלכען א לאָמפּ איז געשטאַנען, און האָט ריזען אָבענד אָנגעהויבען א שטיקעל האַנד־ארבייט פאַר זשאַן׳ס נייע וואָהנונג. דאָס איז געווען א שווערע שטיקעל ארבייט, וועלכע האָט געפאָדערט איהר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. און דאָך האָט זי יעדע ווײלע אויפגעהויבען די אויגען פון דער ארבייט, אום א קוק צו טהאָן פער׳גנב׳עט אויף דעם קליינעם בילד, וואָס איז געשטאַנען נעבען זיי־גער אויפ׳ן קאַמין. און דער דאָקטאָר, וועלכער האָט געשפּרייזט אי־בער׳ן צימער מיט גרויסע טריט, מיט די הענד פערלייגט אויפ׳ן רו־קען, מיט דעם סיגארעט צווישען די ליפּען, האָט יעדעס מאָל גע־כאַפּט איהר בליק.

עס האָט אויסגעזעהען אזוי ווי זיי וואָלטען נאָכגעשפּיאָנירט איינער דעם אַנדערען, און א שמערצליך, אונערטרעגליך געפיהל האָט פּיער׳ן געמוטשעט. ער האָט ביי זיך געטראַכט מיט וועהטאָג און דאָך בעפריעדיגט: „זי מוז איצט גענוג ליידען, אויב זי שטויסט זיך אָן, אז איך וויים.“

און יעדעס מאָל, ווען ער איז פערבייגעגאַנגען דעם קאַמין, האָט ער זיך איינגעקוקט אין מארעכאַל׳ס בלאָנדען פּנים, אום וויי־זען, פון וואָס און פון וועמען ער טראַכט. און אזוי איז פערוואַנ־דעלט געוואָרען דאָס דאָזיגע קליינע מיניאַטור־בילד, גרויס ווי א לאַדאָן פון איין האַנד, אין א לעבעדיגען מענשען, אין א בייזען, מורא׳דיגען גייסט, וועלכער האָט פּלוצים אין דאָס דאָזיגע הויז, אין די דאָזיגע פאַמיליע זיך אריינגעריסען.

פּלוצים האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פונ׳ם טיר־גלעקעל. מאַדאַם ראָלאַנד האָט זיך א טרייסעל געטהאָן און דערמיט ארויס־געוויזען פאַר דעם דאָקטאָר איהר נערוועזיטעט.

דערנאָך האָט זי זיך אָנגערופען:

— עס איז הפּנים מאַדאַם ראַזעמיללי.

און איהרע אונרוהיגע אויגען האָבען זיך ווידער א קעהר געטהאָן צום בילד אויפ'ן קאַמין.

פּיער האָט בעמערקט, ווי אונרוהיג און צושראָקען זי איז, אָדער עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַמוועניגסטען אַזוי. די פרויען קאָנען בעמערקען און באַלד איז ביי זיי שוין דאָ א פערדאַכט. וועט יענע אַריינקומען און דערזעהן דאָס קליינע בילד, וועט זי, אפשר, בעמערקען די עהנליכקייט צווישען דעם דאָזיגען געזיכט און זשאַן'ס. דאַן וועט זי אַלצדינג פערשטעהן און בעגרייפען.

פּיער האָט אַנגסט געקראָגען, מורא'דיגען אַנגסט, טאָמער ענטדעקט יענע די דאָזיגע שאַנדע, און ווען די טיר האָט זיך געעפענט, האָט ער זיך אומגעדרעהט, גענומען דאָס קליינע בילד און עס פּעררוקט הינטער'ן זייגער, וואָס איז דאָרט געשטאַנען. קיינער, אויסער זיין מוטער, האָט עס ניט בעמערקט.

און ווען ער האָט דערנאָך איהרע אויגען געטראָפען, האָבען זיי זיך איהם אויסגעוויזען פערענדערט, שטאַר און צוטראָגען.

— גוטען אַבענד — האָט געזאָגט מאַדאַם ראַזעמיללי — איך בין געקומען ביי אייך טרינקען א גלאַז טהיי.

און בעת מען האָט זיך מיט איהר פערנומען, אויספרעגענדיג, וואָס זי מאַכט, ווי איהר געהט, איז פּיער אַרויסגעגאַנגען דורך די אָפען-געבליבענע טהיר.

דערנאָך, ווען ווען מען האָט זיך געכאַפּט, אַז ער איז אַוועק, האָבען זיך אַלע פערוואונדערט. און זשאַן, וועלכער האָט עס גע־האַלטען פאַר א בעליידיגונג געגען דער יונגער אַלמנה, האָט אונ־צופריעדען אַרויסגעמורמעלט:

— אַזא בער!

— דו דאַרפסט אויף איהם קיין פאַראיבעל ניט האָבען — האָט די מוטער זיך אָנגערופען —ער פיהלט זיך היינט מיעד פון זיין אויספאָהר נאָך טראַוויל.

— אָך — האָט זיך אַריינגעמישט ראָלאַנד — דערפאַר דאַרף מען נאָר אַרויסלויפען ווי א ווילדער?

מאַדאַם ראַזעמיללי האָט פּיער'ן געוואָלט פּערענטפּערען און זי האָט געזאָגט:

— גאָר ניט ווי אַ ווילדער. ער האָט אַפּשייד גענומען אויפ'ן ענגלישען שטייגער. אַזוי טהוט מען אין דער געזעלשאַפט אַלע מאָל, ווען מען וויל פאַר פריה אַוועקגעהן.

— אָה — האָט זשאַן געענטפּערט — אין דער געזעלשאַפט טהוט מען פיעלייכט אַזוי, אָבער ניט ביי זיך אין דער היים, אין דער אייגענער פאַמיליע. און מיין ברודער טהוט עס די לעצטע צייט גאַנץ אָפט.

.6

צוויי וואָכען זיינען אוועק און קיין שום נייעס האָט ביי די ראָ־לאַנדס ניט פּאַסירט. דער פאָטער האָט געכאַפּט פיש, זשאַן, מיט דער הילף פון זיין מוטער, האָבען איינגעריכט די הויז. פּיער איז געווען אימער אומעטיג און האָט זיך געוויזען נור צו די מאָהל־צייטען.

און איין אָבענד, אַז זיין פאָטער האָט איהם געפרעגט:

— זאָג נור, וואָס קוקסטו אויס אַזוי ברוגז? די לעצטע צייט זעה איך נור ביי דיר אַן אונצופריעדענע מינע! —

האָט דער דאָקטאָר געענטפּערט:

— ווייל דאָס לעבען איז מיר מיאוס.

דער אַלטער האָט איהם ניט פערשטאַנען און געזאָגט מיט פערדרוס:

— עפּעס אַ מאָדנע זאַך — זייט דאָס גליק מיט דער ירושה איז אונז צוגעפאַלען, זיינען אַלע אַזוי ווי אונגליקליך. אַקוראַט ווי אַן אונגליק וואָלט דאָ געטראָפען, אַזוי ווי מיר וואָלטען נאָך אימיצען געדאַרפט טרויערען.

פּיער האָט זיך אָנגערופען:

— איך טרויער טאַקע נאָך אימיצען.

— דו? נאָך וועמען?

— אָה, נאָך אימיצען, וואָס דו האָסט ניט געקענט און וועמען איך האָב זעהר ליעב געהאַט.

ראָלאַנד האָט געמיינט, עס האַנדעלט זיך וועגען עפּעס אַ פּער־

העלטעניש, וועגען עפּעס א מיידעל, וואָס זיין זוהן האָט ליעב געהאַט, און ער האָט געפרעגט:

— א פרוי?

— יא, א פרוי.

— טויט?

— ניין, ערגער: פערלאָרען...

— אה!

דער פאָטער האָט מעהר ניט געפרעגט, וואָרים ער האָט געהאַלטען, אז אין אזעלכע זאכען דאַרף א דריטער זיך ניט מישען.

די מוטער איז אויך דערביי געוועזען, בעת דער דאָזיגער געשפּרעך איז פאָרגעקומען, און זי האָט זיך געמאַכט, אזוי ווי זי האָט גאָרניט געהערט. זי האָט נור אויסגעזעהן זעהר בלייך. שוין א פּאָר מאָל האָט איהר מאַן בעמערקט, ווי זי איז געזונקען אין א שטוהל און קוים געאָטהעמט. דאַן האָט ער צו איהר געזאָגט:

— לואיזע, דו זעהסט אויס זעהר שלעכט. דו ארבייטסט מסתמא צופיעל ביי זשאַן'ען אין'ם הויז. אום גאָטעס ווילען, רוה זיך אויס. וואָס איילסטו זיך אזוי, ער איז דאָך רייך!

זי האָט געשאָקעלט דעם קאָפּ און ניט געענטפערט.

היינט איז זי געווען אזוי בלייך, דאָס ראָלאַנד האָט זיך א ביסעל דערשראָקען.

— אַלטע — האָט ער זיך אָנגערופען — אזוי קען ווייטער ניט געהן. דו מוזט זיך א ביסעל צוזעהן.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו זיין זוהן:

— דו זעהסט דאָך, אז דיין מוטער איז קראַנק, פאַר וואָס געפינסטו ניט אויס ,וואָס איהר פעהלט?

פּיער האָט געענטפערט:

— איך האָב גאָר ניט בעמערקט, אז איהר פעהלט עפּעס.

דאָ איז ראָלאַנד בייז געוואָרען:

— וואָס הייסט, דו האָסט ניט בעמערקט? יעדער זעהט דאָך דאָס. א שעהנער דאָקטאָר ביזטו ,ווען דו בעמערקסט אפילו ניט, אז דיין אייגענע מוטער איז קראַנק! אָט טהו א קוק אויף איהר.

מאַדאַם ראָלאַנד האָט ווידער געוואָלט אָפּציהען דעם אָטהעם און איז געוואָרען אזוי בלייך, דאָס איהר מאַן האָט אויסגעשריען:

— זעהר נור, עס איז איהר שלעכט.

— ניין, ניין — האָט זי געמורמעלט — עס איז גאָרניט. עס וועט באַלד פאַראיבערגעהן. עס איז גאָר ניט.

פיער איז צוגעגאַנגען צו איהר און האָט זי אָנגעקוקט.

— וואָס פעהלט דיר? — האָט ער געפרעגט.

— גאָרנישט, גאָרנישט — איך פערזיכער דיר, גאָרנישט.

ראָלאַנד איז אוועק, אום עסיג צו נעהמען. ער האָט זיך צו־ריקגעקעהרט און דערלאַנגט זיין זוהן די פלאַש.

— נאַ, העלף איהר. אונטערזוך כאָטש איהר הארץ.

ווען פיער האָט זיך צו איהר איינגעבויגט, אום איהר פולס צו פיהלען, האָט זי פלוצים אוועקגעריסען די האַנד צוריק אזוי האַס־טיג, דאָס זי האָט זיך אָנגעשלאָגען אָן א צווייטען שטוהל.

— לאָז מיך אונטערזוכען, ווען דו ביזט קראַנק — האָט ער גע־זאָגט אין א קאַלטען טאָן.

דאן האָט זי אויפגעהויבען איהר אָרעם און איהם אויסגע־שטרעקט צו פיער'ן. איהר הויט האָט געברענט. דאָס בלוט האָט פולסירט העפטיג אין די אָדערען. ער האָט ארויסגעמורמעלט:

— דו ביזט ערנסט קראַנק. דו מוזט עטוואָס נעהמען אויף צו בערוהיגען. איך וועל דיר עטוואָס פערשרייבען.

און אזוי ווי ער איז געזעסען, איבערגעבויגט איבער'ן פאַפּיר און געשריבען, האָט זיך דערהערט א שטיל, אונטערדריקט קרעכ־צען ,א זיפצען פון א קורצען, איינגעהאַלטענעם אָטהעם. ער האָט זיך אומגעדרעהט.

זי האָט געוויינט, דעם פּנים מיטביידע הענד פערדעקט

ראָלאַנד האָט פערצווייפעלט געפרעגט:

— לואיזע, לואיזע, וואָס פעהלט דיר? וואָס טהוט דיר וועה?

זי האָט ניט געענטפערט. א מורא'דיגער, טיעפער וועהטאָג האָט קאַנטיג, זי געמוטשעט.

איהר מאַן האָט געוואָלט איהרע הענד פון איהר פּנים אוועק־נעהמען. זי האָט זיך געוועהרט און געמורמעלט:

— ניין ,ניין, ניין.

ער האָט זיך א קעהר געטהאָן צו זיין זוהן:

— אָבער וואָס פעהלט איהר? איך האָב זי דאָך נאָך אזוי קיינמאָל ניט געזעהן.

— נערוועז — האָט פיער געענטפערט.

און עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, אזוי ווי אויפ'ן הארצען וואלט איהם לייכטער געווארען, בעת ער האט איהרע ליידען דער־זעהן, אזוי ווי איהר שמערץ וואלט זיין געפיהל בערוהיגט און די שולד פון זיין מוטער פערגרינגערט. און ער האט זי בעטראכט, ווי א ריכטער, וואס איז מיט זיין אורטהייל צופריעדען.

אבער פלוצלינג איז זי אויפגעשטאנען, צוגעלאפען צו דער טיר אזוי שנעל און מיט אזא העפטיגער בעוועגונג, דאס מען האט זי ניט געקענט צוריקהאלטען. זי איז אריינגעלאפען צו זיך אין צי־מער, און זיך פערשפארט.

ראלאנד און דער דאקטאר זיינען געבליבען שטעהן איינער נעגען אנדערען.

— וואס איז מיט איהר? — האט ראלאנד אויסגעשריען.

— א גאנץ איינפאכער נערוועזען אנפאל — האט דער זוהן געענטפערט — ביי פרויען אין מאמע'ס עלטער טרעפט עס אפט. יואהרשיינליך וועט זי נאך האבען נאך אזעלכע אנפאלען.

און זי האט ווירקליך געקראגען אנפאלען כמעט יעדען טאג. פיער'ס איין איינציג ווארט האט די דאזיגע אנפאלען ארויסגערו־פען. ער האט געפארשט אין איהר געזיכט, ווען דער אנפאל איז געווארען פאראיבער און מיט זיינע בליקען זי געמוטשעט.

ער האט אויך געליטען. געליטען ניט וועניגער ווי זי. האט זיך געמוטשעט, וואס ער קען זי מעהר ניט ליעבען, וואס ער קען זי מעהר ניט אכטען, האט זיך געמוטשעט און זי.

ווען ער האט די אפענע וואונד, וואס ער האט אויפגעריסען אין דעם הארצען פון דער דאזיגער פרוי, פון זיין מוטער, קלאר דערשפירט, ווען ער האט דערפיהלט, ווי עלענד, ווי אונגליקליך און פערצווייפעלט זי איז געוועזען, איז ער ארויסגעלאפען פון הויז און האט געוואנדערט איבער די גאסען פון דער שטאדט פון געוויסענס־ביסע געמאטערט און פון רחמנות צו איהר. ער איז אזוי פער־צווייפעלט געוועזען, וואס ער האט זי ליידען געמאכט, דאס ער האט חשק געהאט, אין ים אריינווארפען זיך, צו דערטרינקען זיך, כדי צו מאכען א סוף.

אך, ווי ער וואלט וועלען איהר פערצייהען. אבער ער האט עס ניט געקענט. ער איז ניט אימשטאנד געוועזען צו פערגעסען. ווען ער וואלט זי כאטש ניט געמאכט אזוי פיעל ליידען! ער האט

אָבער ניט געקענט; ער אַליין האָט אַזוי פיעל געליטען. צו די מאָהלצייטען האָט ער זיך צוריקגעקעהרט אַהיים ווייכער אויפגע־לייגט; אָבער אַזוי שנעל ווי ער האָט זי דערזעהן, אַזוי שנעל ווי ער האָט איהרע אויגען געטראָפען, וועלכע האָבען פריהער אַזוי אָפען און רוהיג געקוקט און איצט אַזוי אונרוהיג און פערצווייפעלט — האָט ער זי פערוואונדעט געגען זיין אייגענעם ווילען, וואָרים ער האָט ניט געקענט צוריקהאַלטען דאָס נידערטרעכטיג וואָרט, וואָס דאָס זיך פון זיינע ליפּען געריסען.

די שרעקליכע געהיימנים, פון וועלכע זיי ביידע האָבען נור געוואוסט, האָט איהם תמיד געהעצט געגען איהר. עס איז געווען א גיפט, וואָס האָט זיך אין זיינע אָדערען געטראָגען, וועלכער דאָט איהם געררייצט צו בייסען, ווי א משוגענער הונד.

קיינער און גאָרנישט האָט איהם איצט געשטערט זי נאָכאַנאַנד צו מוטשען, ווייל זשאַן האָט איצט כמעט תמיד די טעג פערבראַכט אין זיין נייער וואָהנונג, איז געקומען אַהיים ערשט פאַרנאַכט. ער האָט מאַנכעס מאָל בעמערקט א פערביטערטען טאָן און שאַרפע ווערטער ביין זיין ברודער און האָט עס ערקלערט דערמיט, וואָס פיער איז איהם מקנא. דערפאַר האָט ער א פּאָר מאָל געקליבען זיך אַרויסצוטרעטען געגען איהם, פּיער'ן, אין א שאַרפען טאָן און זאָגען איהם, וואָס ער דענקט פון איהם. אָבער אַזוי ווי ער איז אין דער היים איצט געווען זעלטען, האָט ער ניט געליטען אַזוי פון פּיער'ס גראָבקייטען, דערצו איז ער גלאַט געווען א רוהיגער מענש, איז ער געגען פּיער'ן ניט אַרויסגעטראָטען. און אויסער דעם, האָט דאָס געלד איהם אין גאַנצען בערוישט, און ער האָט נור געטראַכט פון זאַכען, וואָס זיינען איהם אַליין נוגע געווען. זיין מוח איז געווען מיט עפּעס פערנומען: וואָס פאַר אַן אַנצוג זיך מאַכען, וואָס פאַר אַ פעלצענע הוט, וואָס פאַר א וויזיט־קאַרטעל. און ער האָט געערדט נאָכאַנאַנד פון זיין הויז, וועגען די פּאָליצעס, וואָס מען דאַרף אַנשלאָגען אין דעם שראַנק פון זיין שלאָף־צימער פאַר די וועש, וועגען א קליידער־סטענדער אינ'ם פּאָרצימער און אַן עלעקטרישען סיגנאַל־אַפּאַראַט געגען גנבים.

מען האָט געהאַט אָבגערעדט, אַז צוליעב זיין חנוכת־הבית זאָל מען מאַכען אַן אַרויספּאָהר־פּאַרטיע אויף א וואָגען נאָך סען־זשאַין און דערנאָך זאָל מען ביי איהם טהיי טרינקען. ראָלאַנד איז געווען

מעהר פאר א שיף־פארטיע, אָבער מען איז ניט געווען זיכער מיט'ן וועטער, איז געבליבען ביים ערשטען אָפמאַך: ארויסצופאָהרען אויף א וואָגען.

א זייגער צעהן זיינען זיי ארויסגעפאָהרען, כדי צו קענען זיין פאר פריה צוריק ביי זשאַן'ען. די גרויסע, שטויביגע שאָסעע האָט זיך געצויגען דורך די נארמאנישע לאנדשאפט, וועלכע צוליעב די סך פאכט־הויפען, וואָס האָבען ארויסגעקוקט פון אהינטער ביי־מער, און צוליעב די גאָלדענע וועלען איבער די פעלדער, האָט אויס־געזעהען ווי א גרויסער, שעהנער פּארק.

אין'ם וואָגען, וואָס איז געשלעפּט געוואָרען פון צוויי דיקע פערד, זיינען געזעסען די פאמיליע ראָלאנד, פרוי ראָזעמיללי און קאַפּיטאַן בוזירע. זיי האָבען געשוויגען און ביי יעדען וואָלקען שטויב האָבען זיי צוגעמאכט די אויגען.

עס איז געווען אָפּשניט־צייט. די רייפע קאָרן־זאנגען האָבען געלויכטען מיט א גאָלד־בלאָנד'ען שיין, אזוי ווי זיי וואָלטען אנגע־טרונקען געווען מיט זונען־שטראהלען. דאָ און דאָרט האָבען זיך מענשען בעוועגט און געארבייט מיט לאנגע שנייד־מעסערס.

דערנאָך, אז זיי זיינען אָבגעפאָהרען די צוויי שעה, האָט דער וואָגען זיך פערקירעוועט לינקס, איז פערבייגעפאָהרען א ווינד־מיהל, וועלכע די פליגעל האָבען געדרעהט, אן אלטע, טרויעריגע, האלב־איינגעפאלענע געביידע, דאן איז דער וואָגען ארויפגעפאָה־רען אויף א שעהנעם, גרויסען הויף און האָט זיך אָבגעשטעלט פאר א נעטע הייזעל, א בעקאנטע גאַסט־הויז.

די בעלהבית'טע, וועלכע איז בעקאנט געווען אונטער'ן נאָ־מען „די שעהנע אלפאנסינע", האָט זיך בעוויזען אין דער טיר מיט א שמייכעל און געהאָלפען דיביידע דאמען ארונטערגעהן פונ'ם וואָגען.

אונטער א ביידעל, צווישען עפּעל־בוימער, זיינען געזעסען א פּאָר הערדען און האָבען געגעסען. זיי זיינען געווען טוריסטען, און אין הויז האָבען זיך געטראָגען שטימען, א לאכען און א קלינגען פון געשיר.

זיי האָבען זיך געזעצט אין א באַזונדערען צימער. דאָ האָט ראָלאנד פּלוצים בעמערקט אויף דער וואנד א נעץ פאר קרעבס־פאנגען.

— אה — האט ער אויסגעשריען — דא פאנגט מען קרעבסען.

— יא — האט געענטפערט בווירע — דא איז זאגאר דער הויפטפלאץ, וואו מען כאפט זיי. אויף דעם ברעג זיינען זיי פאראן זעהר פיעל.

— אפשר זאלען מיר געהן נאך'ן פריהשטיק פרובען מזל? — האט ראלאנד זיך אנגערופען.

און עס איז געבליבען, אז נאכמיטאג זאל מען געהן זוכען קרעבסען.

מען האט געגעסען וועניג, כדי דאס בלוט זאל אין קאפ ניט א קלאפ טהאן, ווען מען וועט דערנאך מיט די פיס אין וואסער שטעהן. און אויסער דעם האט מען דעם אפעטיט געוואלט לאזען פאר סאפער. זיי האבען בעשטעלט נאר א געהויבענעם סאפער פאר זעקס אוהר, ווען זיי וועלען זיך צוריקקעהרען.

ראלאנד האט ניט געקענט מעהר אויסהאלטען פאר אונגעדולד. די שעהנע אלפאנסינע האט זיי פערזארגט מיט נעצען. דערנאך האט זי געהאלפען די ביידע דאמען איבערצוטהאן זיך, כדי זיי זאלען זיך ניט פערנעצען. בעת דעם האט זי די גאנצע צייט געשמייכעלט. זי האט זיי געגעבען קליידלאך, וואלענע זאקען און זומענע שיך. די ערדען האבען אויסגעטהאן זי זאקען און געקויפט ביי דעם ארטיגען שוסטער הילצערנע פאנטאפעל.

דערנאך זיינען זיי אוועק מיט די נעצען אויף די שולטערן.

מאדאם ראזעמיללי האט אויסגעזעהען זעהר אנציהענד אין דעם דאזיגען אנצוג, ווי א יונגע פויערטע.

דאס קלייד, וואס אלפאנסינע האט איהר געבארגט, איז געלעגען אויף איהר אויסגעצייכענט און זי האט זיך אין איהם געפיהלט אזוי פריי, דאס זי האט געקענט לויפען און שפרינגען איבער די פעלזען. איהר קנעבעל האט זיך פון אונטער איהם ארויסגעזעהען און דער אונטערשטער, דינער טהייל פון די קורצע, קרעפטיגע פיס. זי האט געהאט א לייזע טאליע, כדי צו קענען זיך פריי בעוועגען, און האט געטראגען א גרויסע געלע שטרויענע הוט מיט זעהר ברייטע ראנדען, וואס האט צוגעגעבען א בעזונדערע לעבהאפטיגקייט איהר פנים.

זייט ער האט זיין ירושה בעקומען, האט זשאן זיך יעדען טאג

אַלץ געפרעגט, צי זאָל ער מיט איהר חתונה האָבען אָדער ניט. יעדעם מאָל, ווען ער האָט זי געזעהן, האָט ער חשק געהאַט, איהר זיך צו ערקלערען אין ליעבע. דערנאָך אָבער, ווען ער איז ווידער געבליבען אליין, האָט ער ביי זיך געטראַכט, אז ער האָט נאָך צייט, ער מוז זיך פריהער גוט איבערלעגען. איצט איז ער געווען רייכער פון איהר, ווייל זי האָט ניט געהאַט מעהר ווי ארום א צוועלף טויזענד פראַנק יעהרליכען איינקונפט. אמת, מען האָט געקענט ערוואַרטען, אז דאָס לאַנד־איינגענטהום, פון וועלכען זי האָט איהר איינקונפט געצויגען, וועט איהר א מאָל אריינברענגען א סך מעהר. אָבער אלץ איז זי ניט געווען אזוי רייך, ווי ער. דערפאַר אָבער איז זי אליין איהם שטאַרק געפעלען געווען.

היינט, ווען ער האָט זי דערזעהן אין דעם דאָזיגען אנצוג, איז זי איהם נאָך מעהר געפעלען געווען און ער האָט געטראַכט: „נא, מען מוז מאַכען א סוף. קיין בעסערע פרוי וועל איך ניט קריגען".

זיי זיינען געגאַנגען איבער א קליינעם טהאָל, וועלכער האָט זיך געצויגען פונ'ם דאָרף צום וואַסער. די פעלזען אויפ'ן עק טהאָל זיינען געווען ארום אכציג מעטער הויך איבער דעם ים־שפּיעגעל. צווישען די גרינע ברעגען, וואָס האָבען זיך רעכטס און לינקס געשלענגעלט, איז ערשיענען א גרויסער דריי־עקיגער וואַסער־שפּיגעל, וועלכער האָט געגלאַנצט אין דעם שיין פון דער זון, ווי מיט זילבער בעגאָסען, און א זעגעל אויף דעם, וואָס מען האָט קוים איהם ארויסגעזעהן, ווי א קליינער אינסעקט. דער העלער הימעל האָט זיך אויסגעמישט מיט'ן וואַסער, אזוי, דאָס מען האָט ניט געקענט דערקענען, וואו דער הימעל האָט אויפגעהערט און וואו דאָס וואַסער האָט זיך אָנגעהויבען.

זשאַן האָט געקוקט מיט אויפגערעגטע אויגען אויף דעם שעהנעם קנעבעל פון ראזעמיללי, אויף איהר קרעפּטיגען פּוס, אויף איהרע שטאַרקע היפּטען און אויף איהר גרויסען הוט, און דער געדאַנק וועגען ערקלערען זיך איהר איז אין איהם געוואָרען אלץ שטאַרקער און שטאַרקער. די רויהע לופט, אין וועלכער דער גערוך פון ים און דער דופט פון טהאָל און די לאַנקעס האָבען זיך געמישט, האָט איהם נאָך מעהר אויפגערעגט, אזוי, דאָס מיט יעדען טראָט, מיט יעדען בליק אויף דער יונגער פרוי, האָט ער אלץ מעהר חשק צו איהר געפיהלט. ער האָט ניט געוואָלט מעהר וואַרטען,

געוואָלט איהר זאָגען, אז ער ליעבט זי און בעט, זי זאָל מיט איהם חתונה האָבען. דאָרט, ביים וואסער, וועט ער קענען מיט איהר ריידען, ער וועט זוכען צו פערבלייבען אליין מיט איהר.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צום עק טהאָל, האָבען זיי דערזעהען א שמאָלען אויסגעטראָטענעם וועג, וואָס איז געלאָפען ארונטער צום ברעג ים צווישען הויכע פעלזיגע ווענד, וועלכע זיינען דאָ און דאָרט איינגעפאַלען און זיינען געלעגען אָנגעוואָרפען איינער אויפ׳ן אנ־דערען. ווי די חורבות פון אן אלטער פערזונקענער שטאָדט, וואָס איז א מאָל לעבען ים געשטאַנען, האָבען די דאָזיגע פעלזען־שטי־קער, וועלכע א וואולקאן האָט ארויסגעוואָרפען, אויסגעזעהן.

— דאָס איז וואונדערפול! — האָט געזאָגט ראָזעמיללי און זיך אָבגעשטעלט.

זשאַן איז צוגעגאַנגען צו איהר און מיט א ציטערענדער שטימע איהר זיין ארעם אָנגעבאָטען, כדי איהר צו העלפען געהן צווישען די דאָזיגע פעלזען בארג ארונטער.

זיי זיינען אוועק אין פאָראויס. בעזירע האָט א שטופ געטהאָן זיינע קורצע פיס און דערלאַנגט זיין קרומען ארעם מאַדאם ראָלאַנד, וועלכע איז פערציטערט געוואָרען, בעת זי האָט דערזעהען דעם מורא׳דיג־שווארצען אָבגרונד אונטען.

פיער און ראָלאַנד זיינען געגאַנגען פון הינטען, און דער דאָק־טאָר האָט געמוזט זיין פאָטער העלפען, וועמען עס האָט אזוי גע־שווינדעלט פאר די אויגען, דאָס ער האָט זיך יעדע ווייַלע א זעץ גע־טהאָן אָן א פעלז און אויף איהם געבליבען זיצען.

זשאַן און ראָזעמיללי האָבען באלד געלאָזען זיי אלעמען וויַיט אהינטער. און פלוצים האָבען זיי, נעבען א הילצערנעם באַנק, וואָס איז געשטאַנען אין מיטען וועג, אויף אָבצורוהען, בעמערקט א וואַ־סער־שטראָם, וועלכער האט ארויסגעשלאָגען פון א לאָך אין פעלז. דער דאָזיגער שטראָם האָט זיך פריהער געטראָגען פון אויבען גאַנץ שטיל און קליין און דערנאָך ארונטערגעשטירצט אין א וואסער־פאָל א פאָר פוס אונטער איהם. האָט זיך ארויסגעריסען פונ׳ם וואַ־סער־פאַל, אוועקגעטראָגען זיך איבער א פעלז און איז צום סוף פערשוואונדען צווישע די גראָז און פלאַנצען פונ׳ם טהאָל.

— איך, איך בין אזוי דורשט! — האָט ראָזעמיללי אויס־געשריען.

אָבער ווי אַזוי טרינקט זי זיך אָן? זי האָט געפּרובט קריגען וואַסער מיט דער הוילער האַנד, אָבער עס איז דורכגעלאָפען דורך די פינגער. זשאַן איז געפאַלען אויף אַ פּלאַן. ער האָט אוועק־געלייגט אַ שטיין אויפ'ן וועג, און זי האָט זיך דערויף אויף די קניע אַרונטערגעלאָזען, אום מיט די ליפּען דעם קוואַל צו קענען בעריהרען.

קליינע בלישצענדיגע טראָפּענס האָבען בעדעקט איהר הוט, איהרע האאר איהרע ברעמען, איהר טאַליע. און ווען זי האָט אַרויפ־געקוקט אַזוי צו זשאַן'ען, האָט ער זיך איינגעבויגען צו איהר און אַרויסגעפּליסטערט:

— אַך, איהר זייט אַזוי שעהן!

זי האָט געענטפערט אין אַזאַ טאָן, ווי מען בייזערט זיך אָן אויף אַ קינד:

— וועט איהר זיין שטיל?

דאָס זיינען געווען די ערשטע מעהר אָדער ווייניגער אינטימע ווערטער, וואָס זיי האָבען אַ מאָל איינער מיט'ן אַנדערען גערעדט.

זשאַן איז געוואָרען זעהר פערלעגען און האָט געזאָגט:

— קומט, איידער זיי דעריאָגען אונז.

ער האָט שוין געזעהן גאַנץ נאָהענט דעם רוקען פון קאַפּי־טאַן בעזירע, וועלכער איז הינטערוויילעכס אַרונטער פון פעלז, כדי מיט ביידע הענד צו אונטערהאַלטען מאַדאַם ראָלאַנד. און העכער, אַ ביסעל ווייטער, ראָלאַנד, וועלכער האָט זיך נאָך אַלץ גע־גליטשט אויפ'ן הינטען פון איין פעלז אויפ'ן אַנדערען, ווערענד פּיער איז געגאַנגען פאָראויס און האָט אַכטונג געגעבען, ווי ער קריכט.

דער וועג איז געוואָרען ברייטער און גלאַטער. ראָזעמילי און זשאַן האָבען אָנגעהויבען צו לויפען און באַלד זיינען זיי געווען ביים וואַסער.

ניט ווייט דאָרט איז געווען אַ גרויסער פלאַכער שטיק פּלאַץ, בעוואַקסען מיט ים־גראָז און פול מיט סאַזשעלקעס, גרעסערע און קלענערע, וואָס דער ים האָט איבערגעלאָזט, בעת ער האָט אָבגע־טראָטען פונ'ם ברעג.

זשאַן האָט פאַרקאַטשעט די הויזען איבער די קניע, אַרויפגע־

צויגען די ארבעל אויף די עלענבויגענס, געזאָגט: — מאַרש! — און איז אריינגעשפרונגען אין איינער פון די סאַזשעלקעס.

די יונגע פרוי איז איהם נאָכגעגאַנגען פּאָרזיכטיג, מיט ניט־דרייסטע טריט, ווייל אונטער איהרע פים זיינען די פלאַנצען געווען גליטשיג.

— איהר זעהט עפּעס? — האָט זי געפרעגט.

— יאָ. אייער געזיכט, וואָס שפּיגעלט זיך אינ׳ם וואסער.

— ווען איהר וועט נור דאָס זעהן, וועט איהר ניט פיעל פאַנגען.

ער האָט זיך אָנגערופען מיט א צערטליכען טאָן:

— אַך, דאָס וואָלט איך אָם ליעבסטען געוואָלט פאַנגען.

זי האָט זיך צולאַכט:

— פּרובט. דאַן וועט איהר ערשט יעהן, ווי עס וועט דורכ־רייסען אייער נעץ.

— אָבער... ווען איהר אליין זאָלט וועלען...

— איך וויל זעהן, ווי איהר וועט פאַנגען קרעבסען, עטוואָס אנדערש.... אין דיזען מאָמענט... ניט...

— —איהר זייט א שלעכטע. קומט, מיר וועלען געהן ווייטער. דאָ איז גאָר ניטאָ.

ער האָט איהר אָנגעבאָטען דעם אָרעם. זי האָט זיך אויף איהם אָנגעשפּאַרט. און פּלוצים האָט די ליעבע א פּאַק געטהאָן, ווינשע האָבען אין איהם ערוואַכט, ער האָט זי בעגעהרט, אַזוי ווי דאָס, וואָס האָט אין איהם גערדרעמעלט, האָט אין דער דאָזיגער רגע מיט א מאָל זיך אויפגעכאַפּט.

זיי זיינען צוגעקומען צו א טיעפערע סאַזשעלקע, וואָס האָט גע־פלאָסען דורך פּערבאָרגענע לעכער פון און צום ים. לאַנגע, פיינע, כאָדנע־קאָלירטע גראָזען, ראָזיגע און גרינע, ווי האָריגע פלאַנצען, האָבען זיך דאָרט בעוועגט אהין און אהער, אזוי ווי זיי וואָלטען דאָרט ארומגעשוואומען.

ראָזעמילי האָט אויסגעשריען:

— אָט! אָט! — איך זעה איינעם, א גאַנץ גרויסען. דאָרט, דאָרט, א גאַנץ גרויסען.

ער האָט אויך דערזעהן, און זיך א לאָז געטהאָן טיעפער אין וואסער אריין ביז׳ן גאַרטעל, אָבער דער קרעבס האָט זיך ארויס־

געדרעהט פונ'ם נעץ. זשאן האט זיך געיאגט נאך איהם, געוואלט איהם טרייבען ביז דעם פלאץ, וואו די גראז איז געווען נעדריכמער און איהם דארט כאפען. אבער פלוצים האט דער קרעבס א שפרונג געטהאן איבער'ן נעץ און איז פערשוואונדען אינ'ם וואסער.

די יונגע פרוי, וועלכע האט מיט דער גרעסטער אויפרעגונג צו־געקוקט צו די דאזיגע געיעג, האט אויסגעשריען:

— אך, ווי אונגעשיקט!

ער האט זיך בעליידיגט. און אהן איבערלייגונג האט ער א שליידער געטהאן דעם נעץ אויף א קופע ים־גראז. דערנאך, אז ער האט איהם וויעדער אויפגעהויבען, האט ער דארט דערזעהן דריי גרויסע דורכזיכטיגע קרעבסען.

מיט א מינע פון נצחון האט ער דעם נעץ אויסגעשטרעקט צו ראזעמילי'ן. זי אבער האט מורא געהאט צוצוריהרען זיך צו דעם, מורא געהאט פאר די שפיציגע שערעלאך, מיט וועלכע זייערע קעפ זיינען בעוואפענט געווען.

צום סוף אבער האט זי זיך דאך אנגענומען מוטה און אנגע־כאפט זיי פאר די שפיצען פון זייערע וואנסעלעך און זיי אריינגע־ווארפען איינער נאכ'ן אנדערען אין איהר קערבעלע, וואו עס איז געלעגען ים־גראז, אום די קרעבסען פריש צו האלטען. דערנאך האט זי אויסגעפונען א סאזשעלקע, וואס איז ניט געווען אזוי טיעף, איז מיט ניט־דרייסטע טריט אריין אהין, שווידערענדיג א ביסעל פאר קעלט, און אנגעהויבען אליין צו פאנגען. זי איז געווען געשיקט און שלאו, האט געהאט א לייכטע האנד און דעם אינסטינקט פון א יעגער, וועלכער איז נויטיג דערצו. כמעט ביי יעדען ווארף מיט'ן נעץ האט זי ארויסגעצויגען א פאר קרעבסען.

אבער זשאן האט איצט ניט געפאנגען. ער איז איהר נאכגע־גאנגען טריט נאך טריט, האט זיך געבויגט איבער איהר און גע־מאכט זיך אזוי ווי ער וואלט פערצווייפעלט געווען פון זיין אונגע־שיקטקייט און צוגעשטאנען צו איהר, זי זאל איהם לערנען, ווי אזוי מען דארף ריכטיג פאנגען.

— נו, לערענט מיך, ווי אזוי! — האט ער זי געבעטען.

און דערנאך, ווען זייערע ביידענס פנים'ער האבען זיך אבגע־שפיעגעלט אין קלארען וואסער איינער נעבען אנדערען, האט זשאן

געלאכט צום פנים נעבען איהם, וואס האט געקוקט אויף איהם פון אונטען ארויף, און געוואָרפען צו איהם מיט די שפּיצען פינגער איין קוש נאָכ'ן אנדערען.

— אך, ווי לאנגווייליג איהר זייט! — האט די יונגע פרוי זיך אָנגערופען — מיין פריינד, קיין צוויי זאכען טאר מען קיינ־מאל ניט טהאָן אויף איינמאָל.

— איך טהו נור איין זאך: איך ליעב אייך.

זי האט זיך א טרייסעל געטהאָן און ערנסט געזאָגט:

— וואס איז דער מעהר מיט אייך? וואס פאלט אייך איין? איהר ווייסט, וואס איהר רעדט?

— איך ווייס. איך האב אייך ליעב און ענדליך וואג איך עס אייך צו זאָגען.

איצט זיינען זיי געשטאנען אין דער געזאלצענער סאזשעלקע, ביז די קניע אינ'ם וואסער, מיט די נעצען אין די פייכטע הענד און האבען זיך געקוקט אין די אויגען אריין.

זי האט זיך אָנגערופען אין א ליעבענסווירדיגען טאָן, א ביסעלע ברוגז'לאך אפילו:

— ווי אונגעשיקט איהר זייט. האט איהר קיין בעסערע צייט ניט געפונען מיר דאס צו זאָגען, ווי איצט? אי, געהט, איהר שטערט מיר!

— זייט ניט בייז. לענגער קען איך ניט שווייגען. איך ליעב אייך שוין לאנג. היינט האט איהר מיך אזוי בערוישט, דאס איך האב לענגער זיך ניט געקענט איינהאלטען.

מיט א מאָל האט זי געזאָגט:

— קומט, מיר וועלען זיך זעצען אויפ'ן פעלז, און דארט וועלען מיר רוהיגער קענען ריידען.

זיי האבען ארויפגעקלעטערט אויף א הויכען פעלז. און דער־נאָך, ווען זיי זיינען אזוי געזעסען איינער נעבען אנדערען, די פיס ארונטערגעהאנגען, אונטער דעם שיין פון דער זון, האט זי זיך אָנ־גערופען:

— ליעבער פריינד, איהר זייט ניט קיין קינד און איך בין ניט קיין יונג מיידעלע. מיר ווייסעןביידע גענוי, וואס מיר ווילען. ווען איהר ערקלערט זיך מיר אין ליעבע, דארף איך, נאטירליך, פער־שטעהן, אז איהר ווילט מיט מיר חתונה האבען.

אויף אַזעלכע אָפענע רייד האָט ער זיך גאָרניט געריכט. ער האָט געענטפערט:

— געוויס.

— האָט איהר שוין וועגען דעם מיט אייערע עלטערן גערעדט?

— ניין. איך האָב פריהער געוואָלט וויסען, וואָס איהר אַליין דענקט פון דעם.

זי האָט איהם דערלאַנגט איהר האַנד, וואָס איז נאָך פייכט געווען, און אַז ער האָט זי שנעל אַ כאַפּ געטהאָן, האָט זי געזאָגט:

— איך בין צופריעדען. איך גלויב, אַז איהר זייט אַ גוטער, געטרייער מאַן. איך וואָלט אָבער וועלען, אַז אייערע עלטערן זאָלען אויך ניט זיין געגען אונזער שידוך.

— איהר מיינט, אַז מיין מוטער וואָלט אייך אַזוי ליעב געהאַט, ווען זי וואָלט ניט געדענקט, אַז איהר וואָלט געווען אַ פּאַסענדע פרוי פאַר מיר? — האָט ער געענטפערט.

— דאָס איז אמת. איך בין אַ ביסעלע צומישט.

זיי זיינען אַנשוויגען געוואָרען. און ער האָט זיך געוואונדערט, וואָס זי איז אַזוי רוהיג, אַזוי אויסגערעכענט. ער האָט זיך געריכט אויף אַ גאַנצע ליעבעס־קאָמעדיע, אַז זי וועט איהם פּרובען זאָגען „ניין“, מיינענדיג, נאַטירליך „יאָ“, מיט איין וואָרט, אַז זי וועט זיך מיט איהם פריהער אַ שפּיעל טהאָן, זיך לאָזען רייַדען און איינרייידען, און בעטען, ווי עס פיהרט זיך, געוועהנליך, אין אַזעלכע אַנגעלעגענהייטען, צום סוף גאָר אַזוי איינפאַך, אַזוי ניט־ראָמאַנטיש, און ער האָט זיך שוין געפיהלט געבונדען, ווי שוין בערהייראטה.

זיי זיינען געוועןביידע פערלעגען, וואָס דאָס איז אַזוי שנעל צווישען זיי פאָרגעקומען, פערלעגען און צוטראָגען, און האָבען ניט געוואוסט מעהר וואָס צו ריידען און וואָס צו טהאָן.

ראָלאַנד'ס קול האָט זיי ארויסגעהאָלפען פון דער דאָזיגער אונאַנגענעהמער לאַגע.

—קינדער, אהער! אהער! זעהט נור ,ווי בעזירע ליידיגט אוים דעם גאַנצען ים!

און אין דער אמת'ען האָט דער קאַפּיטאַן געהאַט אַ מאָדנעם מזל. שטעהענדיג אינ'ם וואַסער ביז'ן גאַרטעל, איז ער געקראָכען

פון איין סאזשעלקע אין די אנדערע, האט אויסגעזוכט מיט די אויגען די בעסטע שטעלען און לאנגזאם געווארפען זיין נעץ אויף די פערבארגענסטע הייהלען אונטער די ים־פלאנצען.

און די שעהנע, דורכזיכטיגע קרעבסען האבען זיך געצאפעלט אין זיינע הענד, ווען ער האט זיי א כאפ געטהאן, כדי זיי אריינצואווארפען אין זיין קערבעלע.

ראזעמיללי איז געווען בעגייסטערט, איז ניט אבגעטראטען פון איהם, האט איהם נאכגעטהאן, אזוי גוט, ווי זי האט געקענט, און האט כמעט פערגעסען אן דעם, וואס איז פארגעקומען צווישען איהר און זשאן'ען. זשאן האט ווידער אנגעהויבען צו זוכען מיט זיין נעץ אינ'ם וואסער.

פלוצים האט ראלאנד אויסגעשריען:

—זעהט נור, מאדאם ראלאנד קומט אויף!

זי איז פריהער געבליבען מיט פיער'ן אויפ'ן ברעג, ווארים ביידע האבען ניט געהאלטען פון דעם פערגעניגען צו קריכען אין וואסער און זוכען דארט קרעבסען. און דאך איז זיי שווער געווען צו בלייבען זיצען איינער נעבען אנדערען. זי האט מורא געהאט פאר איהם און ער האט אנגסט געהאט פאר איהר און פאר זיך אליין, אנגסט פאר זיין גרויזאמקייט, וועלכע ער האט ניט געקענט בעהערשען.

אבער זיי האבען זיך פארט געזעצט איינער נעבען אנדערען. זיי זיינען געזעסען אינ'ם זונען־שיין, וועלכער איז געמילדערט געווען פון דער ים־לופט, און האבען פערטראכט געקוקט אויף דעם וויימען, וואונדערבארען האריזאנט פון בלויקייט און זילבער־בלישצענדיגען וואסער.

זי האט ניט געוואגט צו רעדען מיט פיער'ן, מורא געהאט, טאמער וועט ער איהר ענטפערען מיט א גראבקייט. און ער האט גים געוואגט צו ריידען מיט זיין מוטער, ווייל ער האט געוואוסט, אז ער וועט מוזען מיט איהר גראב זיין.

ער האט מיט דעם שפיץ פון זיין שטאק געגראבען דעם זאמד, געשארט די שטיינדלאך אהער און אהין, געקלאפט איבער זיי און זיי פערשליידערט. און זי האט גענומען דריי־פיער שטיינדלאך אין דער האנד, און קוקענדיג פאר זיך צוטראגען, האט זי לאנגזאם און מעכאניש זיי געווארפען פון איין האנד אין די אנדערע. דער־

נאך האט איהר טרוימערישער בליק, וואס האט געבלאנדזשעט אין די ווייטקייט, זיך אבגעשטעלט אויף איהר זוהן זשאן, וועלכער האט דארט אין דער סאזשעלקע געפאנגען קרעבסען מיט ראזעמילי'ן. זי האט זיי נאכגעקוקטביידען, פערפאלגט זייער יעדער בעוועגונג און מיט איהר מוטער־אינסטינקט האט זי זיך אנגעשטויסען, אז זיי רעדען ניט וועגען א געוועהנליכע זאך. זי האט געזעהן, ווי זיי ביידע האבען זיך איינגעבויגט צום וואסער. זיי האבען זיך דערנאך אין די אויגען געקוקט און שפעטער, ווי זיי זיינען ארויפגעקראכען אויפ'ן פעלז און האבען זיך געזעצט רעדען.

זייערע געשטאלטען האבען זיר שארף אבגעצייכענט אין דעם ־אזיגען ווייטען רוים פון הימעל־ים און זאמד און האבען אויסגע־קוקט, ווי עפעס גרויסעס און סימבאלישעס.

פיער האט אויך געקוקט אויף זיי. און פלוצים האט ער א לאך געטהאן הייזעריג און טרוקען.

— וואס איז דער מעהר? — האט די מוטער געפרע.ט, ניט אומקוקענדיג זיך אויף איהם.

ער האט ווידער א לאך געטהאן און געענטפערט:

——— איך קוק זיך צו, ווי אזוי א פרוי כאפט אריין אין איהר נעץ א מאן, כדי זי זאל איהם דערנאך קענען בעטריגען.

זי האט זיך א צאפעל געטהאן, בעליידיגט און אויסער זיך פון זיין אונצוהערעניש. זי האט ארויסגערעדט:

— ווענמען מיינסטו?

— איך מיין זשאן'ען. עס איז זעהר קאמיש צו זעהן, ווי זיי זיצען דארט איינער נעבען אנדערען.

זי האט ארויסגעפליסטערט מיט א ציטערענדיגער שטימע:

— פיער, דו ביזט זעהר א שלעכטער מענש. די דאזיגע פרוי איז די אנשטענדיגקייט אליין. דיין ברודער דארף זיך ניט וויג־שען קיין בעסערע פרוי.

איצט האט ער זיך צולאכט נאך העכער, אבגעהאקט און בייז:

— כא־כא־כא! די אנשטענדיגקייט אליין! אלע פרויען זיי־נען די אנשטענדיגקייט אליין.... און אלע מענער ווערען פון זיי בעטראגען. כא־כא!

זי האט זיך אויפגעהויבען, ניט זאגענדיג איהם קיין ווארט, און איז שנעל אוועק מיט'ן ברעג צו די סאזשעלקעס צו, זייענדיג

אין געפאהר אויסצוגליטשען זיך, אריינפאלען אין איינע פון די גריבער, וואס זיינען פערבארגען געווען אונטער די גראז, און זיך ברעכען האלז און נאקען. זי איז כמעט געלאפען, האט גאר ניט בעמערקט, ווי זי איז אריין אין א סאזשעלקע, און האט נור גע־זעהען איהר אגדערען זוהן.

ווען זשאן האט זי דערזעהן, האט ער זיך אנגערופען:

— מאמא, דו ווילסט אויך אנפאנגען?

זי האט איהם ניט געענטפערט און גענומען איהם אונטער'ן ארעם, אזוי ווי זי וואלט איהם ווען זאגען: „ראטעווע מיך, פערטהיידיג מיך!"

ער האט בעמערקט ווי בלייך זי איז און געפרעגט שטארק פער־וואונדערט:

— וואס איז דיר מעהר מאמא, וואס דו ביזט אזוי בלייך?

זי האט געשטאמעלט:

— גאר נישט. איך האב זיך שיער ניט אויסגעגליטשט.

דאן האט זי זשאן אוועקגעפיהרט ווייטער, זי געהאלטען פאר א האנד און גענומען איהר ערקלערען, ווי אזוי מען פאנגט די קרעב־סען. אבער זי האט ניט געהערט, וואס ער רעדט. פלוצים האט ער זיך אבגערופען:

— טרעף, מאמא, וואס איך האב געטהאן...

— איך... איך קען ניט טרעפען.

— דאך טרעף!

— איך קען ניט. איך וויים ניט וואס צו טרעפען.

— איך האב געזאגט מאדאם ראזעמילי'ן, אז איך וואלט ווע־לען מיט איהר חתונה האבען. נו, וואס ועסטו אויף דעם זאגען?

זי האט ניט געענטפערט. אין'ם מוח האט איהר געמישט, זי איז געווען אזוי פערצווייפעלט, דאס זי האט קוים פערשטאנען, וואס ער האט צו איהר גערעדט. זי האט נור איבערגעפרעגט:

— חתונה האבען?

— יא. האב איך ניט ריכטיג געהאנדעלט? זי איז דאך אזא רייצענדע פרוי, ניט אזוי?

— יא, זי איז א וואוילע פרוי. דו האסט ריכטיג געטהאן.

— ביזטו, הייסט עס, איינפערשטאנען?

— יא, יא, מיין זוהן.

—דו זאָגסט עס אין אזא טאָן, מאמא. מען קען מיינען, אז דו ביזט ניט צופריעדען.

—איך בין זעהר צופריעדען, מיין זוהן.

— ווירקליך?

— יאָ, יאָ, מיין זוהן.

און אום עס איהם צו בעווייזען, האָט זי איהם ארומגענומען און איהם לאַנג געקושט מיט מוטערליכער צערטליכקייט אויף די באקען.

דערנאָך, ווען זי האָט זיך די אויגען אָבגעווישט. וועלכע זיינען פערצווייגען געוועזן פון טרערען, האָט זי דערזעהן דאָרט א קערפּער אויסגעצווייגען אויף'ן בויך, דעם פּנים אינ'ם זאמד אריינגעדריקט, ווי א בר מינן.... דאָס איז געוועזן איהר אנדערער זוהן, פּיער. ער האָט זיך דאָרט געמוטשעט.

זי איז אוועק מיט איהר זשאַנ'ען א שטיקעל ווייטער, נעהענ־טער צום ים, און זיי האָבען דאָרט לאַנג גערעדט פון דער חתונה.

די פלוט איז אָנגעקומען און זיי פערטריבען צו די איבעריגע. דערנאָך זיינען זיי אלע אוועק צוריק צום ברעג. מען האָט אויפגע־וועקט פּיער'ן, וועלכער האָט זיך פערשטעלט, כלומר'שט ער שלאָפט. דער סאפּער האָט געדויערט לאַנג. מען האָט פיעל געטרונקען.

7.

צוריקוועגס אהיים האָבען אלע מענער, אויסער זשאַן'ען, גע־שלאָפען אינ'ם וואגען. בעזירע און ראָלאנד האָבען יעדע ווייל זיך אָנגעקלאַפּט מיט די קעפּ אָן אימיצענס א שולטער, דאָ אויף דער זייט און באלד אויף דער אנדערער, עס האָט זיך געווענדעט, וועלכע זייט פונ'ם וואגען האָט זיך א שליידער געטהאָן. דערנאָך האָבען זיי זיך מיט א מאָל אויסגעגלייכט, אויפגעהערט צו כראָפּען, גע־עפענט די אויגען, ארויסגעמורמעלט: „וואָס פאר א שעהנע נאַכט!“ און באלד ווידער איינגעשלאָפען.

זיי זיינען געוועזן אזוי שלעפעריג, דאָס ווען זיי זיינען אָנגעקו־מען אין האווער, האָבען זיי זיך נאָך אלץ ניט געקענט אָטשוכען, און דער קאפּיטאַן האָט זיך אָבגעזאָגט פון צו געהן צו זשאַן'ען אויף

די נייע קוואַרטיר, וואו זיי האָבען געזאָלט טהיי טרינקען, ווי עס איז געווען פון פריהער אַבגערעדט, און ער איז אוועק אהיים. ——

דער יונגער אדוואָקאַט האָט היינט געדאַרפט צום ערשטען מאָל נעכטיגען אין זיין נייער וואָהנונג און איז געווען אמת גליקליך, וואָס ער וועט איצט קענען ווייזען זיין צוקינפטיגער פרוי די וואָה־נונג, אין וועלכע זי וועט גאָר באַלד דאַרפען אריינציהען.

דאָס דיענסטמיידעל האָט מען אוועקגעשיקט שלאָפען. מאַ־דאַם ראָלאַנד האָט אליין געוואָלט מאַכען דעם טהיי. ביז איצט האָט מען נאָך קיינעם אין הויז ניט אריינגעלאָזט, אויסער מאַדאַם ראָלאַנד, זשאַן'ען און די ארבייטער, וואָס האָבען דאָס הויז אין אָרדנונג געבראַכט. זיי האָבען אומיסטנע קיינעם פריהער ניט אריינגעלאָזט ,כדי צו קענען מעהר איבערראַשען, ווען אלצדינג וועט דאָרט זיין אין אָרדנונג.

זשאַן האָט זיי אלעמען געבעטען וואַרטען אינ'ם פאָרצימער. ער האָט געוואָלט פריהער אָנצינדען די לאָמפּען און די ליכט. גע־טהאָן דאָס, האָט ער א רוף געטהאָן: „אריין!" און געעפענט ברייט די טיר.

דער גלעזערנער קאָרידאָר איז געווען באַלויכטען פון א קאַנ־דעליאַבר און קאָלירטע ליכט, וואָס זיינען פערבאָרגען געווען צווי־שען פּאַלמען, גומ־בוימער און בלומען, אזוי, דאָס עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון א שעהנער טהעאַטער־דעקאָראַציאָן. א ווייל זיינען אלע געבליבען שטעהן איבערראַשט. ראָלאַנד, פערבלענדעט פון דעם לוקסוס, האָט שיער ניט גענומען אפּלאָדירען, ווי אין טהעאַטער.

דערנאָך זיינען זיי אריינגעגאַנגען אין דעם ערשטען קליינעם סאַלאָן. די ווענד דאָרט זיינען געווען בעגולדעט, אזוי ווי די שטוה־לען. דער גרויסער קאַבינעט, וואו זשאַן האָט געזאָלט אויפנעהמען זיינע קליענטען, איז געווען איינפאַך און האָט אויסגעזעהן ערוויס־אַרטיג.

זשאַן האָט זיך געזעצט אין דעם פאָטעל פאַר זיין שרייב־טיש, אויף וועלכען א מאַסע ביכער זיינען געשטאַנען און זיך אָנגערופען מיט אַן ערנסטער שטימע, א ביסעלע געקינצעלט:

— יא, מאַדאַם, דאָס געזעץ איז קלאָר און איינפאַך, און אָנ־נעהמענדיג די צושטימונג, וואָס איהר האָט מיר געגעבען, בין איך

גאנץ זיכער, אז די אנגעלעגנהייט, פון וועלכער מיר האבען גע־רעדט, וועט געקרוינט ווערען מיט א גליקליכער ענדע אין גאר א קורצער צייט.

ער האט אנגעקוקט מאדאם ראזעמילי. זי האט גענומען שמייכלען און זיך א קעהר געטהאן צו זשאן'ס מוטער. מאדאם ראלאנד האט גענומען איהר האנד און זי געדריקט.

זשאן איז געווען גליקליך און האט א שפרונג געטהאן, ווי א אינגעל א שטיפער. דערביי האט ער אויסגעשריען:

— וואס פאר א גוטע אקוסטיק דא איז. ווי דא קלינגט. אין דעם צימער איז א פערגעניגען צו ריידען. און ער האט גערעדט ווייטער:

— איהר הערדען פון דער דזשורי! ווען די נאטירליכע גע־פיהלען פון מענשליכקייט און מיטגעפיהל, וואס מיר אלע האבען צו די ליידען פון א מענשען, וועט אייך בעוועגען פרייצושפרעכען אט דעם דאזיגען אנגעקלאגטען, וואס מיר ערווארטען פון אייך, דאן וועלען מיר אפעלירען צו אייערע הערצער אלס פאטערס פון פא־מיליען און אלס מענער. אבער אויך אונזער זייט שטעהט אויף דאס רעכט, דאס געזעץ, און אונטער זיין שוץ וועלען מיר זיך שטעלען.

פיער האט בעטראכט די דאזיגע וואהנונג, וועלכע האט גע־דענט זיין זיינע, און דעם ברודער'ס שפאסען, וואס האבען זיך איהם אויסגעוויזען נאריש און באנאל, האבען איהם געערגערט.

מאדאם ראלאנד האט געעפענט די טיר רעכטס.

— דאס איז דאס שלאף־צימער — האט זי געזאגט.

זי האט איהר גאנצע מוטער־ליעבע אנגעווענדעט איינצוריכ־טען דאס דאזיגע צימער וואס שעהנער. די ווענד, די פארהאנגען, דאס בעט און די שטוהלען, די גאנצע איינריכטונג דארט האט גע־מאכט דעם איינדרוק פון עפעס רייצענד דארפישעס און גאלאנטעס.

אה, ווי שעהן! — האט מאדאם ראזעמיללי זיך אנגערופען, אריינקומענדיג אין דאס דאזיגע צימער, און איז געווארען ערנסט.

— עס געפעלט אייך? — האט זשאן געפרעגט.

— זעהר.

— ווען איהר וואלט געוואוסט, ווי דאס פרעהט מיך.

א רגע האבען זיי זיך אנגעקוקט מיט צערטליכען פערטרויען. אבער זי האט זיך דאך געפיהלט א ביסעלע אונבעקוועם, א ביי־

סעלע צומישט אין דעם דאָזיגן שלאָף־צימער, וואָס האָט געזאָלט ווערן אויך איהר שלאָף־צימער. ווען זי איז אריינגעקומען אהין, האָט זיך איהר גלייך אין די אויגן געוואָרפען דאָס ברייטע בעט, א ריכטיגע דאָפּעל־בעט, וואָס מאדאם ראָלאַנד האָט אויסגעקליבען, האָבענדיג הפנים אין זינען, אז איהר זוהן וועט אין גיכען חתונה האָבען.

דערנאָך, אז זיי זיינען צוריק אריין אין סאלאָן, האָט זשאַן פּלוצים געעפענט די טיר פונ'ם עס־צימער, און זיי האָבען דערזעהן א רונדען צימער, אויסגעפּוצט ווי א יאפּאנעזישע לאַנטערנע. מו־טער און זוהן האָבען פאר דאָס דאָזיגע עס צימער זייער גאַנצע פאַנ־טאַזיע אַנגעווענדעט. דאָ זיינען געשטאַנען שטיקער מעבעל פון באמבוס־האָלץ, וואזאָנען, זיידענע טיכער, מיט גאָלד אויסגענייהט. דא זיינען געהאנגען פעבער און שווערדען און מאסקען. ארום זיי־נען געשטאַנען און געלעגען אויסגעשטאָפּטע פייגעלאך, פערשיעדע־נע קליינינקייטען פון פּארצעליי, האָלץ, פּאַפּיר, עלפאנט־ביין, פּערל־מוטער און בראָנז. דאָס האָט אויסגעזעהען ניט ווייניג פּרעטענזיאָז און געשמאַקלאָז. אָבער דאָס דאָזיגע צימער איז אלעמען מעהר געפעלען געווען ווי די אַנדערע. זיי זיינען איינפאך ענטציקט גע־ווען פון איהם. נור איין פּיער האָט געמאכט א פּאָר איראָנישע בע־מערקונגען און זיין ברודער האָט זיך געפיהלט פון זיי טיעף בע־ליידיגט.

אויפ'ן טיש זיינען אויסגעשטעלט געווען פרוכטען און קאנדי־טערייען.

איינגענטליך האָט קיינער ניט געוואָלט עסען. מען האָט פער־זוכט די פּרוכטען, די קאַנדיטערייען אזוי זיך פון יוצא וועגען. דער־נאָך האָט ראזעמילי ערקלערט, אז זי איז שלעפעריג, און עס איז גע־בליבען, אז דער אלטער ראָלאַנד זאָל זי גלייך אָבפיהרען אהיים.

— זאָל איך קומען נאָך דיר? — האָט דער אלטער געפרעגט זיין פרוי, וועלכע האָט געוואָלט נאָך א מאָל דורכגעהן די וואָהנונג, כדי צו זעהן, אויב איהר זוהן פעהלט ניט נאָך עפּעס.

זי האָט א דריק געטהאָן די אקסלען. דערנאָך האָט זי גע־ענטפערט:

— ניין, דו געה דאָרט שלאָפען. איך וועל קומען מיט פּיער'ן.

ווי נור זיי זיינען אוועק, האָט זי אויסגעלאָשען די ליכט און פערשלאָסען דעם צוקער, די קאנדיטערייען און דעם שנאַפּס אין א

שראַנק און אָבגעגעבען זשאַן'ען דעם שליסעל. דערנאָך איז זי אריין אין שלאָף־צימער, געמאַכט דאָס בעט, אװעקגעשטעלט דאָרט אויף א טישעל פרישע װאַסער און א קוק געטהאָן, אויב דאָס פענסטער איז גוט צוגעמאַכט.

פיער און זשאַן זיינען געבליבען אין דעם קליינעם סאַלאָן; זשאַן נאָך אימער בעליידיגט פון זיין ברודער'ס פריהערדיגע בעמער־קונגען, און פיער ניט פערגינענדיג איהם זיין רייכע היים.

זיי זיינען ביידע געזעסען און האָבען גערויכערט. ביידע האָ־בען געשװיגען. פּלוצים האָט זיך פיער אויפגעהויבען און געזאָגט:

— צום טייפעל, די אלמנה האָט היינט אויסגעזעהן גאָר צוקראָ־כען. אזוינע אויספאַהרונגען װירקען אויף איהר גאָרניט גוט.

זשאַן האָט זיך אין גאַנצען אָנגעצונדען, װי עס טרעפט מיט גוטמוטהיגע מענשען, בעת מען האָט זיי שוין צו טיעף בעליידיגט.

ער איז געװען אזוי אויפגערעגט, דאָס ער האָט דעם אָטהעם ניט געקענט כאַפּען און ער האָט ארויסגעשטאַמעלט:

— איך פערװעהר דיר פון איצט אָן צו דערמאָנען דאָס װאָרט „אלמנה", װען דו װעסט ריידען פון מאַדאַם ראָזעמילי.

פיער האָט זיך א קעהר געטהאָן צו איהם און געענטפערט פון אויבען אראָב:

— װאָס איז עס פאַר א בעפעהלענדער טאָן? דו ביזט משוגע געװאָרען?

זשאַן איז אויפגעשפּרונגען:

— איך בין שוין גאָרניט משוגע. דיינע בעליידיגונגען װעל איך מעהר ניט דולדען.

פיער האָט זיך הויך צולאַכט:

— דו נעהמסט זיך עפּעס מיר צופיעל אָן פאַר מאַדאַם ראָ־זעמילי.

— יאָ, יאָ, איך נעהם זיך אָן פאַר איהר און װעל זיך אָננעהמען פאַר איהר. דו זאָלסט װיסען, אז זי װערט מיין פרוי.

פיער האָט זיך נאָך העכער צולאַכט.

— כאַ! כאַ! אויסגעצייכענט! איצט פערשטעה איך שוין, פאַר װאָס איך זאָל זי ניט רופען „אלמנה". אָבער עס איז זעהר קאָמיש דער אופן, װי אזוי דו האָסט מיר װעגען דעם מיטגעטהיילט.

— איך פערוועהר דיר אזוינע שפּאסען, דו הערסט? איך פער־וועהר דיר.

זשאַן איז געוועז בלייך, אויפגעבראכט פון דעם איראָנישע טאָן, מיט וועלכען זיין ברודער האָט גערעדט פון דער פרוי, וועלכע ער האָט ליעב געהאַט. זיין שטימע האָט געציטערט.

אָבער פּיער איז אויך געוואָרען אויסער זיך. אַלצדינג, וואָס ער האָט די לעצטע צייט אין זיך געשטיקט, דער אונמעכטיגער צאָרן, דער צוריקגעהאַלטענער האַס, די שטיקענדע עמפּערונג, דאָס אַלצ־דינג האָט איהם היים צום קאָפּ אַ זעץ געטהאָן, ווי אַ כוואַליע פון הייסען בלוט.

— דו וואַגסט דאָס! דו וואַגסט דאָס! איך היים דיר שווייגען, דו הערסט? שווייג! שווייג!

זשאַן, וואָס איז צוטומעלט געוואָרען פון דעם דאָזיגען אויס־ברוך, האָט אַ פּאָר רגע'ס געשוויגען, געזוכט אין די געדאַנקען ווער־טער, פראַזען, כדי דעם ברודער וואָס טיעפער צו בעליידיגען.

און ער האָט זיך אָנגערופען אין אַ מעהר רוהיגען טאָן, ציי־טענדיג די ווערטער, כדי דעם ברודער וואָס טיעפער צו טרעפען:

— איך האָב שוין לאַנג בעמערקט, אז דו ביזט מיר מקנא. פון דעם טאָג אָן, זייט דו האָסט אָנגעפאַנגען צו רופען מאַדאַם ראָזעמילי „אַלמנה“, ווייל דו האָסט געזעהן, אז דאָס בעליידיגט מיך.

פּיער האָט געענטפערט מיט זיין געוועהנליכען שפּאָט־ישען, שניידענדען לאַכען:

— כאַ! כאַ! כאַ! דיר מקנא זיין! איך דיר. וואָס? אפשר דיין שעהנעם פּנים, צי גאָר אפשר דיין גרויסען פערשטאַנד?

אָבער זשאַן האָט געפיהלט, אז זיינע ווערטער האָבען געטראָ־פען אין דעם ריכטיגען פערוועהטאָגטען פלאַץ אין זיין ברודער'ס הערצען און ער האָט ווידער אָנגעהויבען:

— יאָ, יאָ, דו ביזט מיר מקנא. אַלע מאָל האָסטו מיר מקנא געוועזן, פון קינדסווייז אָן. און איצט נאָך מעהר, ווען דו זעהסט, אז ראָזעמילי וויל מיך און נימ דיך.

פּיער איז פערטרייסעלט געוואָרען פון די דאָזיגע ווערטער.

— איך בין דיר מקנא אָט די דאָזיגע שטרויענע קוקלע! אָט דעם דאָזיגען קעמעל! אָט די דאָזיגע דיקע גאַנז!

— יאָ, יאָ, דו ביזט מיר מקנא — האָט זשאַן גערעדט — גע־

דענקסט, ווי דו האסט געזוכט ביי איהר אויסצונעמען דעמאלט. ווען מיר זיינען געפאהרען אויפ'ן שיף? וואס דו האסט דעמאלט גע־רערט? עס האט אבער דיר ניט געהאלפען. דו ביזט צופלאצט גע־ווארען פאר קנאה. און דערנאך, אז איך האב די ירושה בעקומען, ביזטו גאר משוגע געווארען. דו האסט מיך געהאסט. דו האסט עס אויף אלע אופנים ארויסגעוויזען. דו האסט אלעמען געמוטשעט און נאכאנאנד מיט גיפט געשפיעט.

פיער איז אזוי אויפגערעגט געווארען, דאס ער האט צונויפ־גערריקט די פויסטען און גענומען שרייען אויסער זיך, פיהלענדיג א חשק אנצוכאפען זיין ברודער ביים האלז און דערשטיקען איהם:

— שווייג! שווייג! פון דער ירושה זאלסטו ניט ריידען!

אבער זשאן האט גערערט:

— דו ביזט משוגע געווארען פאר קנאה. דו קענסט דאך קיין איין ווארט ניט זאגען צום פאטער און ניט צו דער מוטער, אז עס זאל זיך דיין קנאה ניט פיהלען. און איצט, אז איך בין רייך, וואלסטו אונז אלעמען דערפאר אומגעבראכט. די מוטער מא־טערסטו, אקוראט ווי זי וואלט געווען אין דעם שולדיג.

פיער איז אבגעטראטען ביז צום קאמין. דער מויל איז ביי איהם געווען אפען, די אויגען אויסגעגלאצט. ער האט דעם קאפ אין גאנצען פערלארען, בעוועלטיגט פון יענעם צארן, וואס טרייבט צו פערברעכען.

ער האט ארויסגערעדט מיט א הייזעריגען פערשטיקטען קול:

— שווייג! אה, שווייג!

— ניין, איך וועל ניט שווייגען. איך האב דיר שוין לאנג גע־וואלט זאגען, וואס איך דענק פון דיר. איצט האסטו מיך עס גע־צוואונגען צו טהאן און איך טהו עס. איך וועל דיר די גיפטיגע ציין אויסברעכען. איך וועל דיר שוין צווינגען מיך צו רעספעקטירען.

— דיך רעספעקטירען?

— יא, מיך!

— דיך, וואס צוליעב דיין געלד־גייציגקייט דארפען מיר זיך איצט שעהמען. דיך, וואס דו ביזט אונזער שאנד...

— וואס זאגסטו? זאג דאס נאך א מאל.

— איך זאג, אז מען נעהמט ניט אן קיין ירושה פון אימיצען, ווען מען וויל בלייבען פערדעכענט פאר א זוהן פון אנדערען.

זשאן איז געבליבען זיצען אונבעוועגליך. ער האט ניט פערשטאנען, וואס פיער האט גערעדט, הגם ער האט זיך אנגעשטויסען, אז עפעס מיינט ער.

— וואס זאגסטו? זאג דאס נאך א מאל — האט ער ארויסגעשטאמעלט.

— איך זאג נור דאס, וואס אלע ווייסען, פון וואס אלע רעדען אין דער שטיל, אז דו ביזט דער זוהן פון דעם מאן, וועלכער האט דיר די ירושה איבערגעלאזט. אן אנשטענדיגער מענש וועט ניט אננעהמען קיין ירושה, וואס וועט בעפלעקען זיין מוטער'ס נאמען.

— פיער! פיער! פיער! הער נור, וואס דו רעדסט!... דו... דו רעדסט דאס? דאס איז דאך אזא געמיינהייט!...

— יא, יא, איך, איך. שוין זייט א מאנאט, ווי דאס פערפאלגט מיך. ביינאכט קען איך ניט שלאפען און ביימאג בעהאלט איך זיך, ווי א פערוואונדעטע חיה. איך ווייס ניט מעהר, וואס איך רייד און וואס איך טהו. איך לייד אזוי. דאס מאכט מיך משוגע.

— פיער, שווייג, די מאמע איז אינ'ם צווייטען צימער. זי קען נאך דערהערען.

אבער פיער האט געמוזט זיין הארץ אויסרעדען. און ער האט גערעדט פון אלע זיינע ספקות, זיינע איבערלעגונגען, פון דעם קאמפף, וואס ער האט אנגעפיהרט געגען זיך אליין, פון דעם, ווי אזוי ער איז געקומען צו דעם דאזיגען געדאנק, פון דעם בילד, וואס איז ווידער פערשוואונדען געווארען.

ער האט גערעדט אין קורצע געהאקטע זאצען, כמעט אהן א צוזאמענהאנג, ווי א משוגענער.

עס האט געשיינט, אז ער האט אין גאנצען אן זיין מוטער און אן זשאן'ען פערגעסען. ער האט גערעדט, ווי צו זיך אליין, ווייל ער האט געמוזט רעדען, ווייל ער האט צופיעל געליטען, זיינע יסורים צו לאנג אין זיך געשטיקט. ווי געוועהנליך, האט ער איצט אויך געשפרייזט איבער'ן צימער הין און צוריק, די אויגען אויסגעגלאצט און געמאכט מיטביידע הענד. אין זיין קול האבען טרערען געקלונגען. ער האט גערעדט, אזוי ווי ער וואלט זיין וועהטאג און דעם וועהטאג פון זיין מוטער ארויסגעשליידערט אין די טויבע אונ־

זיכטבארע לופט, אין וועלכע זיינע ווערטער זיינען פערלארען גע־גאנגען.

זשאן איז געווען פערצווייפעלט. ער האט כמעט באלד גע־גלויבט זיין ברודער, וועמעס בלינדער צארן האט איהם אין דעם איבערצייגט. ער האט זיך אנגעשפארט אן דער טיר, הינטער וועל־כער זיין מוטער האט זיך געפונען, זיין מוטער, וואס — ווי איהם האט זיך אויסגעדרוקט — האט געמוזט אלצדינג הערען. קיין אנ־דער ארויסגאנג האט זי ניט געהאט, ווי סיידען דורך די טהיר. זיא איז ניט ארויסגעקומען, ווייל זי האט מסתמא ניט געוואגט.

פיער האט פלוצים א טופע געטהאן מיט'ן פוס און אויסגע־שריען:

— יא, איך וויים, איך בין א ווילדע חיה, אז איך האב דאס דיר געקענט זאגען!

און ער איז ארונטערגעלאפען פון די טרעפ אהן א הוט, א קלאפ טהוענדיג מיט דער טיר.

דער קלאנג פון דער טיר האט אויפגעוועקט זשאן'ען פון זיין צוטומעלטען צושטאנד. א פאר רגע'ס זיינען פאראיבער, וואס דאבען זיך פאר איהם געצויגען, ווי גאנצע שטונדען. ער האט גע־פיהלט, אז ער מוז עפעס טהאן, מוז זיך אויף עפעס ענטשליסען. אבער ער איז געווען צו שוואך און פייג, אום גלייך עפעס צו טהאן. ער איז געווען איינער פון יענע מענשען, וואס לעגען אלצדינג אב אויפ'ן נעקסטען טאג. און ווען ער האט דורכאויס געמוזט אויף עפעס זיך ענטשליסען, האט ער אינסטינקטיוו געזוכט צו געווינען לכל הפחות עטליכע סעקונדען.

אבער די טיעפע שטילקייט, וואס האט איהם ארומגערינגעלט, נאך פיער'ס געוואלדען, די שטילקייט, וועלכע האט זיך געטראגען פון די וועגד, פון די מעבעל, האט איהם אזוי פלוצים דערשראקען, דאס ער אליין האט אויך חשק געהאט צו אנטלויפען.

ער האט מיט געוואלד געצוואונגען זיין מוח אן ארבייט צו טהאן.

נאך קיינמאל אין זיין לעבען האט ער אירגענד וועלכע שווע־ריגקייטען געהאט. עס זיינען פאראן מענשען, וואס טראגען זיך דורכ'ן לעבען אזוי לייכט, ווי פלימענדעס וואסער. אין דער שוהלע האט ער פלייסיג געלערענט, כדי ניט בעשטראפט צו ווערען, האט

רוהיג געשטודירט, ווייל קיין אַנדער זאַך אויף דער וועלט האָט איהם ניט אַנגעריהרט. קיין זאַך אויף דער וועלט האָט זיך איהם ניט אויסגעוויזען קרום. אַלצדינג איז געווען גלייך און נאַטירליך, ווי עס בעדאַרף צו זיין. ער האָט ליעב געהאַט אָרדנונג און רוה. און מיט א מאָל אזא מעשה! ער האָט געפיהלט אזוי ווי איינער, וואָס פאַלט אין וואסער אריין און קען ניט שווימען.

פריהער האָט ער געפּרובט צווייפלען. אפשר האָט זיין ברו־דער אוים האַס און קנאה א ליגען געזאָגט?

אָבער אזוי נידערטרעכטיג אויסצוטראַכטען אויף די אייגענע מוטער אזא זאַך, קען פּיער ניט זיין. אויסער דעם, האָבען אין זשאַן'ס אויערען געהילכט מאַנכע פערצווייפעלטע טענער פון פּיער'ס שטימע, געוויסע ווערטער, פול וועהטאָג, וואָס האָבען געווירקט אויף איהם איבערצייגענד.

ער איז געווען צו נידערשלאָגען, אום זיך א ריהר צו טהאָן, זיין ווילען איז געווען געלעהמט. זיין טרויעריגקייט איז געוואָרען אונגערטרעגליך. און ער האָט געפיהלט, אז הינטער דער טיר האָט זיך זיין מוטער געפונען, און זי האָט אַלצדינג געהערט.

וואָס טהוט זי דאָרט? קיין ריהר, קיין אָטהעם, קיין זיפץ האָט זיך פון הינטער דער טיר ניט געהערט. איז זי אנטלאָפען? אָבער ווי אזוי? סיידען נור, ווען זי איז דורך דאָס פענסטער ארויסגע־שפּרונגען.

עס איז איהם געווען מורא'דיג פון דעם דאָזיגען געדאַנק, אזוי מורא'דיג, דאָס ער האָט די טיר מיט א געפּילדער א שטויס געטהאָן און אין דעם צימער אריינגעלאָפען.

עס האָט אויסגעזעהן לעדיג. נור איין ליכט, וואָס איז אויף דער קאָמאָד געשטאַנען, האָט עס בעלויכטען.

זשאַן איז צוגעלאָפען צום פענסטער. עס איז געווען צוגע־מאַכט. ער האָט זיך אומגעדרעהט, דורכגעזוכט די דונקעלע ווינקע־לאַך, מיט א צושראָקענעם בליק און האָט בעמערקט, אז די פאָר־האַנגען פונ'ם בעט זיינען צונויפגעצויגען. ער איז צוגעלאָפען און האָט זיי פונאַנדערגערוקט. זיין מוטער איז געלעגען אויפ'ן בעט, דעם פּנים מיט'ן קאָפּ אין קישען איינגעגראָבען.

ער האָט געמיינט, אז זי האָט זיך דערשטיקט, האָט ער זי אָנ־געכאַפּט ביי די שולטערען און געוואָלט זי אומדרעהען. אָבער זי

האָט דאָס קישען פון די ציין ניט אַרויסגעלאָזט, כדי צו פערשטיקען די געשרייען, וואָס האָבען זיך געריסען פון איהר נשמה.

ער האָט געזעהען, ווי זי ליידעט, ווי זי האָט איינגעשטעמט די צייהן אינ׳ם קישען, ווי זי וואַגט ניט צו קוקען אויף איהם, און זיין האַרץ, זיין איינפאַכע האַרץ, איז צוריסען געוואָרען פאַר רחמנות. ער איז ניט געווען איהר ריכטער, ער איז געווען אַ שוואַכער מענש און אַ צערטליכער זוהן. ער האָט שוין מעהר ניט געטראַכט פון דעם, וואָס יענער האָט איהם דערצעהלט. ער האָט נור געגלעט מיט זיינע הענד דעם קאַלטען קערפּער פון זיין מוטער, געפּרובט אַרויסרייסען דאָס קישען פון איהר מויל, האָט ניט געקענט. דאַן האָט ער געקושט איהר קלייד און געמורמעלט:

— מאַמע! מאַמע! איך בעט דיך!

מען האָט זי געקאָנט אַננעהמען פאַר טויט, ווען איבער איהרע גלידער וואָלט אַ שטיל ציטערן זיך ניט געטראָגען, ווי דאָס ציטערן פון אַן אָנגעצויגענער סטרונע. ער האָט ווייטער געמורמעלט:

— מאַמע! מאַמע! הער מיך אויס. עס איז ניט אמת. איך ווייס, אַז עס איז ניט אמת.

ספּאַזמען האָבען זי גענומען שטיקען. דערנאָך האָט זי גענומען פּלוצים וויינען אונטער׳ן קישען. דאַן האָט זי דאָס קישען אַרויסגעלאָזען און ער האָט זי אומגעדרעהט מיט׳ן פּנים צו זיך.

איהר פּנים איז געווען בלייך, אָהן אַ טראָפּען בלוט. און פון איהרע צוגעמאַכטע אויגען האָבען געקאַפּעט טרערען. ער האָט זי אַרומגענומען, געקושט איהרע אויגען לאַנגזאַם מיט לאַנגע פערצווייפלונגס-קושען, וואָס האָבען זיך מיט איהרע טרערען געמישט. דערביי האָט ער אַלץ גע׳טענה׳ט:

— מאַמע, מיין ליעבע מאַמע! איך ווייס דאָך, עס איז ניט אמת. ויין ניט, איך ווייס, אַז עס איז ניט אמת.

זי האָט זיך אויפגעהויבען, אויפגעזעצט זיך, אָנגעקוקט איהם מיט יענעם אָנגעשטרענגטען קוראַזש אין איהר בליק, וועלכען אונטער געוויסע אומשטענדען מוז מען האָבען, כדי זיך צו טויטען, און זי האָט געזאָגט:

— ניין, מיין קינד, דאָס איז אמת.

און געזאָגט עס, איז זי אַנשוויגען געוואָרען. ער האָט אויך

געשווייגען, שטעהענדיג נעבען איהר. זי האט אבגעצויגען דעם אטהעם. דערנאך האט זי זיך ווידער אנגענומען מיט מוטה און גערעדט ווייטער:

— עס איז אמת, מיין קינד. מיין לייקענען וועט דא ניט העל־פען. עס איז אמת. דו וואלסט מיר סיי־ווי־סיי ניט געגלויבט, ווען איך זאל אפילו לייקענען.

זי האט אויסגעזעהן ווי א משוגע. פאר שרעק האט ער זיך אויף די קניע נעבען בעט געווארפען און געפליסטערט:

— שווייג, מאמע, שווייג!

זי איז אויפגעשטאנען מיט א שרעקליכער ענערגיע און האט געזאגט ענטשלאסען:

— דאס איז אלעס, וואס איך קען דיר זאגען, מיין קינד. פער־בלייב געזונד!

און זי האט זיך א לאז געטהאן צו דער טיר.

ער האט זיך א ווארף געטהאן אויף איהר און זי ארומגענומען.

—מאמע — האט ער געמורמעלט — וואס ווילסטו טהאן? וואוהין געהסטו?

— איך ווייס ניט. ווי קען איך עס וויסען? איצט ווייס איך גאר נישט, גאר נישט, איך האב אלעס פערלארען, איך בין גאנץ אליין.

זי האט זיך בעפרייט פון זיינע ארעמס און געוואלט אנטלוי־פען. ער אבער האט זי ווידער ארומגעכאפט און איז ניט אימ־שטאנד געווען ארויסצוברענגען קיין אנדערע ווערטער ווי נור דאס איינע:

— מאמע! מאמע! מאמע!

עטליכע מאל נאכאנאנד.

און זי האט זיך געריסען פון זיינע ארעמס און גערעדט:

— ניין, ניין, איך בין שוין איצט מעהר ניט דיין מוטער, איך בין שוין דיר גאר נישט מעהר, גאר נישט, גאר נישט. דו האסט שוין מעהר ניט קיין פאטער, קיין מוטער, מיין קינד. פערבלייב געזונד!

ער האט פערשטאנען, אז ווען ער לאזט זי איצט אוועקגעהן, וועט ער זי שוין מעהר קיינמאל ניט זעהן. און ער האט זי אויפ־געהויבען און זי צוגעטראגען צו א פאטעל, האט זי מיט געוואלד

אוועקגעזעצט, ארונטערגעלאָזט זיך פאַר איהר אויף די קניע און זי פעסט ארומגעכאפּט מיט די אָרעמס:

— דו וועסט ניט אוועקגעהן, מאַמע. איך האָב דיך ליעב און דו וועסט בלייבען מיט מיר. אויף שטענדיג וועסטו בלייבען מיט מיר. דו געהערסט מיר.

זי האָט ארויסגעפּליסטערט מיט א מיעדער שטימע:

— ניין, ניין, מיין קינד, דאָס איז אונמעגליך. היינט ביינאכט וויינסטו און מאָרגען וועסטו מיך פונ'ם הויז ארויסטרייבען. דו וועסט עס מיר קיינמאָל ניט מוחל זיין.

ער האָט געענטפערט:

— איך? איך? דאן קענסטו מיך גאָר ניט!

און זיין קול האָט געקלונגען מיט אזא שטורמישער, אויפריכטיגער ליעבע, דאָס זי האָט א געשריי ארויסגעלאָזט, מיטביידע הענד זיין קאָפּ ארומגעכאפּט, צוגעצויגען איהם צו זיך מיט אן אימפּעט און ווי א משוגענע איהם גענומען קושען איבער'ן גאַנצען פּנים.

דערנאָך איז זי א ווײַלע געבליבען אונבעוועגליך. איהר באַק צו דער באַק פון איהר זוהן צוגעדריקט, און האָט געפיהלט דורך זיין באָרד, ווי ער ברענט אין גאַנצען. און זי האָט איהם איינגערוימט גאַנץ שטיל אויפ'ן אויער:

— ניין, זוהנעניו, מאָרגען וועסטו מיר ניט מוחל זיין. איצט דאכט זיך דיר אויס, דו נאַרסט זיך. היינט אָבענד האָסטו מיר מוחל געווען און דערמיט האָסטו מיר דאָס לעבען געראַטעוועט. אָבער דו דאַרפסט מיך מעהר ניט זעהן.

ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך:

— מאַמע, רייד ניט אזוי.

— מיין זוהן, איך מוז אוועק. איך וויים ניט, וואוהין. איך ווייס ניט, וואָס איך וועל טהאָן. אָבער אזוי מוז עס זיין. איך קען דיר ניט קוקען מעהר אין די אויגען. איך קען דיך מעהר ניט קושען. פערשטעהסטו דאָס ניט אליין?

איצט האָט ער איהר איינגערוימט אויפ'ן אויער:

— מיין טהייערע מאַמעניו, דו וועסט בלייבען! איך וויל עס און איך דאַרף דיך. דו מוזט מיר שווערען, אז דו וועסט מיך פאָלגען און טאָקי שוין.

— ניין, מיין קינד.

— אָה, מאַמע, דו מוזט. דו הערסט, דו מוזט!

— ניין, מיין קינד, דאָס איז אונמעגליך. איך וועל אייך אלע־מען דאָס לעבען פערביטערען. זייט פיער וואַכען איז דאָס לעבען אַ גיהנום. עס וועט ווייטער אזוי זיין, אויב איך געה ניט אוועק. איצט ביזטו גוט, ווייכהערציג, אָבער מאָרגען, איבערמאָרגען, ווען דו וועסט אָנקוקען מיך מיט אזוינע אויגען ווי פיער ווען דו וועסט זיך אַריינטראַכטען אין דעם. ניין, ניין, איך מוז אוועק.

— דו וועסט ניט אוועק, מאַמע. איך האָב נור דיך.

— אָבער, מיין זוהן, טהו נור א טראַכט: מיר קענען שוין ניט קוקען איינער דעם אַנדערען גלייך אין די אויגען אריין. איך דאַרף זיך פאַר שאַנד בעגראָבען.

— דאָס איז ניט אמת, מאַמע.

— עס איז אמת, אמת. אַך, איך האָב דיין ברודער'ס הארץ פערשטאַנען פון דעם ערשטען טאָג אָן. איך האָב געזעהען, ווי ער ליידעט, ווי ער קעמפּפט מיט זיך. ווען איך דערהער איצט זיינע טריט, רייסט מיר אָפּ אין הארצען. ווען איך דערהער זיין קול, פיהל איך ווי צום חלש'ען. דיך האָב איך נור געהאַט, דיך. איצט האָב איך דיך אויך ניט מעהר. אָה, מיין זשאַן, דענקסטו, אז איך קען אזוי לעבען ווייטער מיט די דאָזיגע געדאַנקען אין קאָפּ, מיט די דאָזיגע יסורים אין הארצען?

— דאָך, מאַמע, איך וועל דיך ליעב האָבען. דו וועסט פער־געסען.

— אונמעגליך דאָס צו פערגעסען, מיין זוהן. אונמעגליך.

— יא, יא, דו וועסט עס פערגעסען, דו וועסט עס פערגעסען.

— ווי וועל איך עס קענען פערגעסען, ווען דו און דיין ברודער וועלען עס קיינמאָל ניט קענען פערגעסען?

— איך וועל עס פערגעסען, איך שווער דיר. הער אויס, מאַ־מע: ווען דו געהסט אוועק, טרעט איך אריין אין מיליטער, געה אין קריעג און לאָז זיך דער'הרג'ענען.

די דאָזיגע קינדערשע דראָהונג האָט זי אזוי איבערגעשראָקען, דאָס זי האָט ארומגעכאַפּט זשאַן'ען און איהם גענומען לאָסצען מיט ליידענשאַפּטליכער צערטליכקייט. ער האָט גערעדט ווייטער:

— איך האָב דיך ליעב מעהר, ווי דו דענקסט, פיעל מעהר. נו,

זיי א קלוגינקע. פּרוב בלייבען א וואָך צייט. נור איין וואָך. דו וועסט עס מיר ניט אָפּזאָגען, מאַמע.

זי האָט אוועקגעלייגט בײדע הענד אויף זשאַן'ס שולטערען און געזאָגט:

— מיין קינד, מיר וועלען פּרובען פריהער זיך דורכרעדען רו־היג. ווען איך וואָלט פון דיין מויל נור איין מאָל געהערט דאָס, וואָס איך הער זייט פּיער וואַכען פון דיין ברודער, ווען איך וואָלט נור איינמאָל געזעהען אין דיינע אויגען דאָס, וואָס איך זעה אין פּיער'ס אויגען, ווען איך וואָלט נור דורך איין וואָרט, דורך איין בליק, דורך איין מינע בעמערקט ביי דיר האָס צו מיר, ווי איך האָב בעמערקט ביי דיין ברודער, דאַן וואָלט איך שוין לאַנג ניט געווען...

— מאַמע, איך שווער דיר...

— לאָז מיך אויסריידען. זייט פּיער וואַכען האָב איך אזוי געליטען, ווי מען ליידעט ניט אין גיהנום. פון דעם אויגענבליק אָן, ווען איך האָב זיך אָנגעשטויסען, אז דיין ברודער, מיין אנדערער זוהן, פערדעכטיגט מיך, האָב איך אזוי פיעל געליטען, אזוי פיעל, ווי איך קען עס דיר גאָר ניט אויסדריקען.

אין איהר קול האָט געקלונגען אזא וועהטאָג, דאָס ביי זשאַן'ען איז דאָס הארץ צוריסען געוואָרען און זיינע אויגען זיינען מיט טרערען פערלאָפען.

ער האָט זי געוואָלט קושען, זי אָבער האָט איהם אָבגעשטופּט פון זיך.

— לאָז מיך. הער ווייטער. טאָמער בלייב איך, וויל איך, דו זאָלסט אלעס וויסען, כדי דו זאָלסט מיך פערשטעהן. דו וועסט מיך ניט קענען פערשטײהן....

— רייד, מאַמע, רייד.

— אלזאָ, גוט. דאַן, וועניגסטענס, וועסטו וויסען דעם גאַנצען אמת. דו ווילסט, איך זאָל ניט אוועקגעהן, ניט אמת? אז דאָס זאָל זיין מעגליך, אז מיר זאָלען זיך קענען ווייטער זעהן און ריידען, דאַרפסטו מיך פערשטעהן, נור פערשטעהן. מוחל זיין איז ניט נויטיג. איך וויל, אז דו זאָלסט מיך פערשטעהן און זאָלסט מיך ניט האַלטען פאַר שולדיג. דו מוזט זיין שטאַרק, שטאַרקער ווי די אנדערע. דאָס ווען מען וועט דיר זאָגען, אז דו ביזט ניט ראָלאַנד'ס זוהן, זאָלסטו ניט רויט ווערען. איך האָב גענוג געליטען, איך האָב

צופיעל געליטען, איך קען ניט מעהר. ניין, ניין, איך קען ניט מעהר. און דאָס איז ניט זייט נעכטען, שוין זייט לאַנג, לאַנג. אָבער דאָס קענסטו ניט בעגרייפען. מיין זוהן, דו זאָלסט וויסען, אז איך בין דיין פאָטער מעהר געוועזן א פרוי, א ריכטיגע פרוי, ווי א געליעבטע; אז אין מיין הארצען שעהם איך זיך גאָר ניט, וואָס איך האָב איהם אזוי ליעב געהאַט און איך בעדויער דאָס ניט, און נאָך איצט האָב איך ליעב איהם, איהם, וועלכער איז טויט; אז איך וועל איהם אלע מאָל ליעב האָבען, אייביג, אז איך האָב נור איהם ליעב געהאַט, אז ער איז מיין גאַנצעס לעבענס-גליק, אלע מיינע האָפנונגען, מיין טרויסט, מיין אלעס, מיין אלעס געוועזען א לאַנגע, לאַנגע צייט. גאָט איז מיין עדות, מיין זוהן, אז ווען איך וואָלט איהם ניט געטראָפען, וואָלט איך קיינמאָל ניט געוואוסט פון איין גליקליכער מינוט אין מיין לעבען. איהם פערדאַנק איך אַלצדינג. אויף דער וועלט האב איך נור געהאַט איהם און אייך ביידען, דיך, און דיין ברודער, אָהן אייך וואָלט דאָס לעבען געווען אזוי פוסט, שוואַרץ, טויט ווי די נאַכט. איך וואָלט קיינמאָל ניט געליעבט, קיינמאָל ניט געהאַפט און קיינמאָל גאָר ניט פערלאַנגט. איך וואָלט נור געוויינט, וואָרים איך האָב פיעל געוויינט, מיין זוהן. יאָ, זייט מיר זיינען געקומען אהער, האָב איך נאָכאַנאַנד געוויינט. איך האָב זיך איהם אוועקגעשענקט מיט לייב און זעעל אויף אייביג, און בין געווען גליקליך, זעהר גליקליך. און מעהר ווי צעהן יאָהר בין איך זיין פרוי געווען, יאָ, זיין פרוי פאר גאָט, וואָס ער האָט אונז געשאַפען איינער פאר'ן אנדערען. דערנאָך האָב איך געגומען פיהלען, אז ער האָט מיך וועניגער ליעב. ער איז נאָך אַלץ געווען גוט צו מיר, אָבער איך בין שוין ניט געווען פאר איהם דאָס, וואָס פריהער. עס האָט זיך געענדיגט. אָה, ווי איך האָב געוויינט! דאָס לעבען איז אזוי בעטריגעריש, איין גרויסער בעטרוג. גאָר נישט בלייבט איבער. דאַן זיינען מיר אהער געקומען. אין יעדען בריעף האָט ער מיר געשריבען, אז ער קומט, ער קומט. איך האָב געוואַרט אויף איהם, ער איז אָבער ניט געקומען, איך האָב איהם מעהר ניט געזעהן. און איצט איז ער טויט. אָבער ער האָט אונז נאָך אַלץ ליעב געהאַט. דאָס האָט ער בעוויזען דורך דעם, וואָס ער האָט די ירושה דיר איבערגעלאָזט. איך וועל איהם ליעב האָבען ביז צו מיין לעצטען אָטהעמצוג. און דיך ליעב איך אזוי, וויל דו ביזט זיין קינד און פאר דיר

דארף איך זיך מיט איהם ניט שעהמען. ווען דו ווילסט, איך זאל בלייבען, מוזטו אנגעהמען, אז דו ביזט זיין זוהן און מיר מוזען א מאל ריידען פון איהם, און דו מוזט איהם פיעל־ווענינ ליעב האבען. ווען דו ווילסט עס ניט, ווען דו קענסט עס ניט, דאן, מיין קינד, זיי געזונד. דאן קענען מיר ניט זיין צוזאממען. איצטווארט איך אויף דיין ענטפער.

ער האט געענטפערט מיט א ווייכער שטימע:

——— בלייב, מאמע.

זי האט איהם צוגעדריקט צו זיך און ווידער אנגעהויבען צו וויינען. דאן האט זי זיך אנגערופען, דריקענדיג איהר באק צו זיינער:

— יא, אבער וואס וועט פון פיער'ן ווערען?

זשאן האט ארויסגעפליסטערט:

— מיר וועלען זעהן עפעס צו טהאן. מיט איהם קענסטו ניט וואהנען.

ביי דעם געדאנק וועגען דעם עלטערען זוהן האט איהר דאס הארץ פערקוועטשט:

— ניין, דאס קען איך ניט, איך קען ניט, איך קען ניט.

זי האט זיך א ווארף געטהאן צו איהם אויפ'ן ברוסט און פערצווייפעלט ארויסגעקרעכצט:

— ראטעווע מיך פון איהם, זוהנעניו, ראטעווע מיך! טהו עפעס, איך וויים ניט וואס. טראכט אוים עפעס. נור ראטעווע מיך.

— יא, מאמע, איך וועל פרובען עפעס אויסטראכטען.

— באלד, גלייך. פערלאז מיך ניט. איך האב אזוי מורא פאר איהם ,אזוי מורא.

— איך פערשפרעך דיר, מאמע, אז איך וועל זעהן עפעס צו טהאן וועגען דעם.

— אבער גלייך, גלייך! דו ווייסט גאר ניט, ווי איך פיהל, בעת איך דערזעה איהם.

דערנאך האט זי ארויסגעפליסטערט:

— איך וועל בלייבען ביי דיר אין הויז.

ער האט זיך געקווינקעלט ,א טראכט געטהאן וועגען דעם און

פערשטאַנען מיט זיין געזונדען פערשטאַנד, ווי געפעהרליך דאָס וואָלט געווען.

אָבער ער האָט געמוזט לאַנג ריידען, איהר ערקלערען און גע־זוכט זי צו בערוהיגען.

— נור היינט ביינאַכט — האָט זי געזאָגט — נור היינט ביי־נאַכט. דו וועסט ראָלאַנד'ען מאָרגען זאָגען, אז איך האָב זיך שלעכט געפיהלט.

— דאָס איז ניט מעגליך, מאַמע, ווארים פיער איז אין דער־היים. מאַמע, נו, מאַך זיך האַרץ. איך וועל שוין זעהן, אז אלצדינג זאָל זיין אין אָרדנונג. מאָרגען גאַנץ פריה וועל איך ביי איך זיין. קום, איך וועל דיך אָבפיהרען אהיים.

— איך וועל טהאָן, וואָס דו ווילסט — האָט זי זיך אונטער־געגעבען.

זי האָט געפּרובט זיך אויפהויבען, אָבער האָט ניט געקענט אויף די פיס איינשטעהן פאר שוואכקייט נאָך דער געוואַלדיגער אויפרעגונג.

דאַן האָט ער איהר געגעבען צוקער־וואסער צו טרינקען, שטאַר־קונגס־טראָפּענס צום שמעקען און מיט עסיג די שלייפען איהר גע־ריבען.

צום סוף האָט זי געקאָנט געהן און געגומען איהם אונטער'ן אָרעם.

ווען זיי זיינען פערבייגעגאַנגען דאָס ראַטההויז, האָט שוין דריי געשלאָגען. ער האָט זי צוגעפיהרט צו איהר הויז, אַ קוש גע־טהאָן זי און געזאָגט:

— גוט נאַכט, מאַמע. בערוהיג זיך.

מיט שנעלע טריט איז זי ארויף די שטומע טרעפּ, אריין אין איהר צימער, האָט זיך שנעל אויסגעטהאָן און האָט זיך אוועקגע־לעגט, מיט דער ערוואַכטער עראינערונג אָן דער אמאָליגער זיסער, פערבאָטענער ליעבע, נעבען ראָלאַנד'ען, וועלכער האָט גע־כראָפּעט.

אין דעם גאנצען הויז האָט נור איין פיער ניט געשלאָפען און ער האָט געהערט, ווי זי האָט זיך צוריקגעקעהרט.

.8

ווען זשאָן האָט זיך אין זיין וואָהנונג צוריקגעקעהרט, האָט ער זיך געוואָרפען אויף א זאָפע. ווארים דיזעלבע קומער און פערצווייפלונג, וואָס האָבען געמאַכט זיין ברודער ארומלויפען, ווי א געהעצטע חיה, האָבען אנדערש געווירקט אויף זיין רוהיגער נאַטור: זיי האָבען איהם צובראָכען אזוי, דאָס ער האָט אויף די פיס ניט געקענט איינשטעהן. ער האָט זיך געפיהלט אזוי מיעד, דאָס ער האָט מיט א פינגער ניט געקענט א ריהר טהאָן. ער האָט קיין כוח ניט געהאַט צו געהן צו זיין בעט, איז געווען פערצווייפעלט, געבראָכען פיזיש און גייסטיג. דער שטאָלץ און די ווירדע פון זיין קינדער־ליעבע האָט, אמת, אזוי ניט געליטען, ווי ביי פיער'ן. אָבער ער איז געווען גאַנץ דערשלאָגען פון דעם דאָזיגען אונערוואַרטעטען קלאַפּ. צום סוף, ווען זיין נשמה האָט זיך בערוהיגט, ווען זיינע געראַנקען זיינען ווידער קלאָר געוואָרען, האָט ער גענומען ארייינטראכטען זיך אין די לאַגע. ווען דער סוד פון זיין געבורט וואָלט פאר איהם ענטפּלעקט געוואָרען אויף אַן אַנדער אופן, וואָלט ער געווים געווען זעהר אויפגעבראכט און זעהר אונגליקליך. אָבער נאָך דעם קריעג מיט זיין ברודער, נאָך דער דאָזיגער העפטיגער ברוטאַלער ערקלעהרונג, וואָס האָט זיינע נערוועז צוטרייסעלט, האָט די מוטער'ס ריהרענדע ערקלערונג שפּעטער אין גאנצען זיין ענערגיע פון איהם אוועקגענומען, אזוי, דאָס ער האָט מעהר ניט געקאָנט זיין אויפגעבראַכט. איהר ערקלעהרונג האָט אזוי געווירקט אויף זיין מילדען כאראקטער, דאָס אלע פאָראורטהיילען און אלע רעגונגען פון דער נאַטירליכער מאָראל זיינען צו שוואַך געווען געגען דער ליעבע און רחמנות, וואָס זיין מוטער'ס ליידען האָבען אין זיין הארצען אויפגעוועקט. דערצו איז ער אויך ניט געווען דער מענש, וואָס זאָל פעהיג זיין אָנצופיהרען א קאמפף געגען וועמען־ניט־איז, בפרט נאָך געגען זיך אליין, געגען זיינע אייגענע געפיהלען. האָט ער זיך אונטערגעגעבען זיין שיקזאל. ער האָט געטראכט, אז סיי ווי סיי איז פארפאלען, פערמיידען קען ער עס ניט, מוז ער זיך אויף עפּעס

ענטשליסען. שוין גלייך מאָרגען מוז ער עפּעס טהאָן. מיט פּיער'ן קען ער ניט האָבען קיין נאָהענטע בעציהונגען מעהר. גו, איהם קען ער לייכט אויסמיידען, ווען ער וואָהנט איצט אין זיין בעזונדערע וואָהנונג. אָבער די מוטער קען אויך ניט בלייבען וואָהנען אונטער איין דאַך מיט פּיער'ן.

און לאַנג נאָך איז ער געזעסען אויפ'ן קישען און האָט ארומ־געטראַכט, געמכאַט פּלענער און מיט קיינעם פון זיי איז ער ניט גע־בליבען צופריעדען.

און פּלוצים איז איהם אויפ'ן זינען ארויף א געדאַנק, וואָס האָט איהם ווי א דונער געטראָפען. דאַרף אַן אנשטענדיגער מענש אָננעהמען א פערמעגען פון דעם סאָרט, צו וועלכען זיינס געהערט?

פריהער האָט ער זיך געענטפערט: „ניין" און בעשלאָסען עס צו אָרימע אָבצוגעבען. דאָס איז אפילו שווער צו טהאָן, אָבער מען מוז עס טהאָן. ער וועט זיין מעבעל פערקויפען, וועט ארבייטען ווי אלע אנדערע אדוואָקאַטען אָנפאַנגער. דער דאָזיגער שעהנער, העל־דישער ענטשלוס האָט איהם שטאַרק געמאַכט. ער האָט זיך אויפ־געהויבען און צוגעדריקט דעם שטערען צו די שויבען. ער איז גע־ווען אָרים, וועט ווידער זיין אָרים, און ער וועט ניט שטאַרבען דערפון, וועט גאַנץ זיין.

זיינע אויגען זיינען געפאַלען אויף די גאַז־לאַנטערנע, וואָס האָט אַנטקעגען אויף דער אנדערער זייט געברענט.

מיט א מאָל האָט ער דערזעהן א פרוי, וועלכע איז מיט שנעלע טריט פערבייגעגאַנגען, און ער האָט זיך שנעל דערמאָנט אָן ראָ־זעמילי. דאַן איז איהם אויך מיט א מאָל קלאָר געוואָרען, אז ווען ער זאָל אזוי טהאָן, דאָס הייסט, ווען ער זאָל זיין ירושה צוטהיילען צווישען אָרימע לייט, וועלען דערפון ליידען זיינע בעציהונגען צו ראָזעמילי. ער וועט זיך מוזען אָבזאָגען פון חתונה צו האָבען מיט איהר, וועט זיך מוזען אָבזאָגען פון זיין גליק. און קען ער איבער־הויפּט אזוי האַנדלען איצט, ווען ער פיהלט זיך פערפליכטעט געגען איהר? אמת, ווען ער זאָל אפילו זיין אָרים, וועט זי אויך מיט איהם חתונה האָבען. אָבער האָט ער א רעכט איהר אָנצומוטהען אזא אָפּפער? וועט ניט זיין גלייכער, אז דערווייל זאָל ער די ירושה איינהאַלטען, נור שפּעטער, ווען ער וועט זיך שוין האָבען ארויפגע־ארבייט, זאָל ער די ירושה צווישען אָרימע לייט צוטהיילען?

און אין זיין נשמה, אין וועלכער דער עגאאיזם האט זיך בע־האלטען אונטער א מאסקע פון אנשטענדיגקייט, האבען געקעמפפט פערשיעדענע אינטערעסען איינס געגען דאס אנדערע.

ער האט געזוכט תירוצים, ווי אזוי איבערצוצייגען זיין איינגע־בארענע עהרליכקייט, אז ער מעג אננעהמען די דאזיגע ירושה. ער האט זיך צוואנציג מאל געזאגט: „וויבאלד אז איך בין דער זוהן פון דעם מאן, איז נאטירליך, אז איך זאל זיין ירושה אננעהמען.“ אבער דער דאזיגער ארגומענט האט בשום אופן ניט געקענט פערטויבען דאס „ניין“, וואס זיין געוויסען האט אין דער שטיל אויף דעם גע־געבען.

און מיט א מאל איז איהם איינגעפאלען: „אויב איך בין ניט דער זוהן פון דעם, וועלכען איך האב פאר מיין פאטער געהאלטען, האב איך קיין רעכט ניט עפעס פון איהם אנצונעהמען צי ביי זיין לעבען, צי נאך זיין טויט. דאס וואלט געווען ניט אנשטענדיג. דאס וואלט געהייסען, אז איך בע׳גנב׳ע מיין ברודער.“

און דער דאזיגער געדאנק האט געווארפען א גאנץ נייע ליכט אויף די גאנצע אנגעלעגענהייט. עס איז איהם לייכטער געווארען. זיין געוויסען האט זיך בערוהיגט. ער האט זיך צוריקגעקעהרט צום פענסטער.

„יא“, האט ער געטראכט, „איך וועל זיך אבזאגען פון ראָ־לאנד׳ס ירושה. זי וועט געהערען אין גאנצען צו פיער׳ן, ווייל איך בין ניט דער זוהן פון זיין פאטער. דאס איז גאנץ ריכטיג. נו, איז ניט אזוי אויך ריכטיג, אז איך זאל אננעהמען די ירושה פון מיין פאטער?“

און אזוי ווי עס איז איהם קלאר, געווען, אז פון ראלאנד׳ס ירושה וועט ער זיך מוזען אבזאגען אין גאנצען, האט ער צו זיך מעהר קיין טענות ניט געקענט האבען, למאי ער נעהמט אן מארעכאל׳ס ירושה, ווארים ווען ער זאל זיך אבזאגען פון ביידע ירושות, וועט ער בליי־בען אן ארימאן.

נאכדעם, אז ער איז דורכגעקומען מיט זיך וועגען די דאזיגע צארטע אנגעלעגענהייט, האט ער ווידער גענומען טראכטען וועגען פיער׳ן, אויב עס איז מעגליך, ער זאל בלייבען ווייטער וואהנען מיט דער מוטער אונטער איין דאך. ער האט קיין פראקטישען ענטפער אויף דעם ניט געקענט געפינען. מיט א מאל האט ער דערהערט א

פייף פון א דאמפף־שיף און דאס האט איהם אויף עפעס א פלאן ארויפגעבראכט.

ער האט זיך אויסגעצויגען אויפ'ן בעט אזוי ווי ער איז געווען אנגעטהאן און ביז טאג געטרוימט וועגען דעם דאזיגען פלאן.

א זייגער ניין איז ער ארויסגעגאנגען, כדי צו זעהן, אויב זיין פלאן קען אויסגעפיהרט ווערען, האט בעזוכט א פאר פלעצער און איז דערנאך אוועק צו זיין מוטער אהיים. זי האט געווארט אויף איהם אין איהר צימער, אין וועלכען זי איז געזעסען פערשפארט.

— ווען דו וואלסט ניט געקומען, וואלט איך קיינמאל ניט גע־וואגט ארויסצוגעהן פון מיין צימער — האט זי געזאגט.

דא האט זיך דערהערט ראלאנד'ס קול אויף די טרעפ:

— פאר וואס דערלאנגט מען ניט עסען?

קיינער האט ניט געענטפערט, און ער האט גענומען שרייען העכער:

— יאזעפינע! וואו זייט איהר?

די שטימע פון דער דיענסט האט איהם געענטפערט פון ערגעץ א צימער:

— דא בין איך. וואס ווילט איהר?

— וואו איז די מאדאם?

— זי איז אויבען מיט הערר זשאן.

דאן האט ער נאך העכער א רוף געטהאן:

— לואיזע!

און ארויפגעקוקט צום אויבערשטען שטאק.

מאדאם ראלאנד האט האלב געעפענט די טיר און געענטפערט:

— וואס ווילסטו, מיין פריינד?

— ווען מען היינט עפעס עסען?

— אט גלייך, מיין פריינד. מיר קומען ארונטער.

און זי מיט זשאן'ען זיינען גלייך ארונטערגעגאנגען.

ווען ראלאנד האט דערזעהן דעם יונגענמאן, האט ער געזאגט:

— דו ביזט שוין דא ווידער? דיר איז לאנגווייליג אין דיין נייער וואהנונג?

— ניין, פאטער, נור איך האב געדארפט עפעס ריידען מיט דער מוטער.

דערביי האט זשאן איהם די האנד דערלאנגט. און ווען ער

האט דעם פּאטערליכען האנד־דרוק פון דעם אלטען אויף זיינע פינגער דערפיהלט, איז ער אזוי געריהרט געוואָרען, אקוראט ווי ביי א זעגענען זיך אויף אייביג.

די מוטער האָט געפרעגט:

— איז פיער נאָך ניט ארונטערגעקומען?

ראָלאנד האָט געענטפערט:

— ניין. תמיד קומט ער ארונטער שפּעטער ווי אלע. מיר וועלען אָבער אויף איהם ניט ווארטען. מיר זעצען זיך גלייך צום טיש.

אָבער זי האָט זיך א קעהר געטהאָן צו זשאן'ען:

— רוף איהם ארונטער, זשאן. עס פערדריסט איהם, ווען מען ווארט ניט אויף איהם.

— גוט, מאמע.

און דער יונגערמאן איז ארויסגעגאנגען.

ווען ער איז אויף די טרעפּ געגאנגען, האָט דאָס הארץ אין זיין ברוסט זיך געצאפּעלט, אקוראט ווי ער וואָלט צו א דועל געגאנגען מיט זיין ביטערסטען געגנער.

אז ער האָט אין די טיר אָנגעקלאַפּט, האָט פיער געענטפערט:

— אריין!

ער איז אריינגעגאנגען.

פיער איז געזעסען, צום טיש צוגעבויגט, און האָט געשריעבען.

— גוט מאָרגען! — האָט זשאן געזאָגט.

פיער האָט זיך אויפגעהויבען:

— גוט מאָרגען!

זיי האָבען זיך דערלאנגט די הענד, אזוי ווי גאָר נישט וואָלט פּאָרגעקומען.

— וואָרום געהסטו ניט עסען?

— איך בין זעהר פערנומען.

פיער'ס קול האָט געציטערט, און דער צומישטער בליק פון זיינע אויגען האָט, דאכט זיך, געפרעגט זיין אינגערען ברודער, וואָס ער זאָל טהאָן.

— געה, מען ווארט דאָרט אויף דיר.

— אזוי... איז דען די מוטער אונטען?

— יא, זי האָט עס מיך געשיקט דיך רופען.

— אזוי? איך קום גלייך.

ארונטערגעקומען און צוגעקומען צו דער טיר פונ'ם עס־צי־מער, האט פיער זיך דערפיהלט שטארק אונבעקוועם און זיך א ווײלע געקווײנקעלט אריינצוגעהן. דאן האט ער מיט איין שטויס געעפענט די טיר און איז אין דאס עס־צימער אריינגעטראטען. דארט האט ער געטראפען זיין מוטער און פאטער ביים טיש איינער געגען אנדערען.

ער איז צוגעגאנגען צו זיין מוטער, די אויגען ארונטערגעלאזט, האט זיך איינגעבויגען און צו איהר דעם שטערען אויסגעשטעלט, ווי ער האט עס געטהאן די לעצטע צייט. (פריהער פלעגט ער זי קושען אויףביידע באקען).

ער האט געפיהלט אויף זיין הויט די בעריהרונג פון איהרע ליפען, אבער ניט איהר קוש. און נאך דער דאזיגער כלומר'שטדיגער צערטליכקייט, האט ער אויפגעהויבען דעם קאפ מיט א קלאפענדי־גען הארצען.

און ער האט געטראכט:

„וואס האבען זיי גערעדט, אז איך בין אוועק?"

זשאן איז געוועזן בעזונדערס צערטליך צו זיין מוטער, האט זיך בעמיהט, זי זאל עסען, טרינקען און נאכאנאנד זי גערופען: „ליעבע מאמע". דא האט פיער פערשטאנען, אז זיי האבען ביידע געוויינט, אבער וואס זיי האבען געטראכט, האט ער ניט געקענט טרעפען. האט זשאן געהאלטען זיין מוטער פאר שולדיג, אדער איהם פאר א שופט?

און ווידער האט איהר גענומען מוטשען, פאר וואס ער האט דאס שרעקליכע געכטען דערצעהלט זשאן'ען. דאס האט איהם אזוי געמוטשעט, דאס ער האט ניט געוואגט דעם מויל צו עפענען, צו ריידען.

עס האט זיך איהם געוואלט אנטלויפען פון דארט, דאס דאזיגע הויז צו פערלאזען, וועלכע איז שוין ניט געוועזן מעהר זיינס; די דאזיגע מענשען, וואס האבען איהם ניט געקענט מעהר ליעבען. ער וואלט אנטלאפען גלייך, קיין אונטערשיעד וואוהין, ווארים ער האט געפיהלט, אז צווישען זיי און איהם האט זיך אלצדינג געענדיגט. ניט ער האט געקענט לענגער בלייבען מיט זיי, און ניט זיי מיט

איהם. שוין זיין געגענוואַרט אַליין וועט זיי מוטשען, און זייער געגענוואַרט איהם.

זשאַן האָט דערצעהלט און געפּלוידערט מיט ראָלאַנד'ען. פּיער האָט ניט געוואָלט זיך איינהערען. און דאָך האָט ער געהערט, וואָס זיין ברודער רעדט און געפיהלט אין זיינע ווערטער, אַז ער רעדט עס צוליעב איהם מיט אַ בעשטימטער אַבזיכט.

זשאַן האָט גערעדט:

— לאַטריינגען וועט זיין דאָס שעהנסטע שיף. נעכסטען מאָנאַט וועט עס מאַכען זיין ערשטע רייזע.

ראָלאַנד האָט זיך געוואונדערט:

— שוין? און איך האָב געמיינט, אַז דעם זומער וועט עס נאָך ניט זיין פאַרטיג.

— מען האָט זיך געסטאַרעט, אַז עס זאָל פאַרטיג ווערען פאַר הערבסט. איך בין היינט אין דער פריה געווען אין דעם קאַנטאָר פון דער שיף־געזעלשאַפט און האָב גערעדט מיט איינעם פון די דירעקטאָרען.

— אַזוי? מיט וועמען?

— מיט הערר מאַרשאַנד.

— אָה, דו קענסט איהם?

— יאַ, איך האָב איהם געראַרפט זעהן וועגען עפּעס.

— אויב דו קענסט איהם, וויל איך דיך בעטען, דו זאָלסט זעהן, אַז איך זאָל קענען בעקוקען דאָס שיף, ווען עס וועט אין האַפען אַריינקומען. ווּעסטו עס טהאָן פאַר מיר?

— געוויס, דאָס איז זעהר לייכט.

זשאַן האָט אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט און דאַן האָט ער גערעדט ווייטער:

— איבריגענס, לעבט מען אויף די גרויסע טראַנס־אַטלאַנטישע דאַמפּפערס זעהר אַנגענעהם. איין האַלב יאָהר איז מען אין צוויי וואונדערפולע שטעדט, ניו יאָרק און האַווער; די איבריגע צייט אויפ'ן ים מיט זעהר נעטטע מענשען. מען קען זאָגאַר אויף די שיפען מאַכען זעהר אַנגענעהמע בעקאַנטשאַפטען, וועלכע קומען שפּעטער צוניץ. שטעל זיך נור פאָר, דער קאַפּיטאַן קען, ווען ער זאָל איינשפּאָרען קויהלען, האָבען אַ יעהרליכען איינקונפט פון פינף און צוואַנציג טויזענד פראַנק, אויב ניט מעהר.

ראָלאַנד האָט אויסגעשריען:

— אזוי?

און א פייף געטהאָן, כדי אויסצודריקען זיין הויכע אכטונג פאר אזא סומע און פאר דעם קאַפּיטאַן.

זשאַן האָט ווייטער גערעדט:

— דער פּראָוויאַנט־מייסטער קען האָבען ביז א צעהן טויזענד פראנק יעהרליך, און דער דאָקטאָר האָט פינף טויזענד פראנק גע־האַלט אויף אַלעם פּארטיגען. דאָס קען מען רעכענען אונגעפעהר א צעהן טויזענד פראנק. אזא שטעלע, קען מען זאָגען, איז זעהר א גוטע. ניט אזוי?

פּיער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ. זיינע אויגען האָבען זיך בעגעגענט מיט זיין ברודער'ס, און ער האָט איהם פערשטאַנען.

אין א ווייל ארום האָט ער געפרעגט:

— איז עפּעס שווער צו קריגען א שטעלע פון א דאָקטאָר אויף אזא שיף?

— יאָ און ניין. עס העננט אין גאנצען אָב פון פּראטעקציאָן און אומשטענדען.

נאָך א לאַנגען שווייגען האָט דער דאָקטאָר ווידער געפרעגט:

— דו זאָגסט, אז „לאַטרינגען“ געהט אָב נעקסטען מאָנאַט?

— יאָ. דעם זיעבעטען.

און זיי זיינען ווידער אנטשוויגען געוואָרען.

פּיער האָט זיך פארטראַכט. ווי גוט וואָלט עס געווען, ווען ער זאָל די שטעלע פון'ם דאָקטאָר קריגען אויף דעם דאָזיגען שיף... שפּעטער וועט ער קענען עפּעס אנדערש זוכען. דערווייל אָבער וואָלט ער געקענט פערדיענען אויף זיינע לעבענס־מיטלען, און ניט דארפען אָנקומען צו זיינע עלטערען. מיט צוויי טעג צוריק האָט ער געמוזט פערקויפען זיין זייגער, ווייל איצט איז איהם שווער גע־יוען עפּעס צו בעטען ביי זיין מוטער. און קיינע אנדערע מיטלען האָט ער ניט געהאַט, קיין אנדערע מעגליכקייט, סיידען צו עסען דאָס ברויט פון דעם דאָזיגען הויז, וואו עס איז איהם שווער געווען צו וואָהנען. ער איז ניט אימשטאַנד געווען אין אנאַנדער בעט אונ־טער אנאַנדער דאַך איבערצונעכטיגען. ער האָט ארויסגערעדט ניט גאַנץ דרייסט:

— ווען מען וואָלט מיך אָנגענומען דאָרט פאר א דאָקטאָר...

זשאַן האָט געפרעגט:

— ווארום זאָל מען דיך דאָרט ניט אָננעהמען?

— ווייל איך קען דאָרט קיינעם ניט.

ראָלאנד האָט אויסגעגלאָצט אויף איהם די אויגען:

— און וואָס וועט ווערען פון אלע דיינע שעהנע פּלענער?

פּיער האָט ארויסגעמורמעלט:

— עס זיינען דאָ ציימען, ווען מען מוז אויפגעבען די שעהנסטע האָפנונגען. איבריגענס, איז עס נור א מיטעל, ווי צו פערדיענען א פּאָר טויזענד פראנק, כדי שפּעטער זאָל זיין לייכטער איינצואָרדנען זיך.

זיין פאָטער איז גלייך איבערצייגט געוואָרען:

— דו ביזט גערעכט. אין א פּאָר יאָהר קענסטו אָבשפּאָרען א זעקס־זיבען טויזענד פראנק. אז דו וועסט האָבען שכל, וועסטו קענען קומען צו עפּעס. וואָס דענקסטו דערפון, לואיזע?

זי האָט געענטפערט שטיל, קוים וואָס מען האָט זי געהערט:

— איך דענק, פּיער איז גערעכט.

ראָלאנד האָט אויסגעשריען:

— אויב אזוי, וועל איך פון דעם רעדען מיט הערר פולין. איך קען איהם זעהר גוט. ער איז האנדעלס־ריכטער און האָט מיט די געשעפטען פון דער שיפס־געזעלשאפט צו טהאָן. איך קען נאָך א רעד טהאָן מיט הערר לעניען. ער איז זעהר בעפריינדעט מיט איינעם פון די וויים־פּרעזידענטען.

זשאן האָט זיך געווענדעט צו זיין ברודער:

— זאָל איך אפשר פּרובען ריידען מיט הערר מאַרשאנד?

— יא. פון מיינטוועגען.

ער האָט א פּאָר רגע'ס ארומגעטראכט. דערנאָך האָט ער גע־רעדט ווייטער:

— אפשר וואָלט גאר געווען דאָס בעסטע, איך זאָל שרייבען וועגען דעם צו די פּראָפעסאָרען פון'ם אוניווערזיטעט וואו איך האָב געלערענט? אויף די דאָזיגע שיפען קומען, געוועהנליך, גאַנץ מיטעלמעסיגע דאָקטוירים. א פּאָר רעקאָמענדאציאָנס־בריוף פון די פּראָפעסאָרען מאַס־רוסעל, רעמוזא, פלאשע און באָ־רוקעל קענען פיעל אויפטהאָן פאר מיר. עס וואָלט גענוג געווען, ווען דו זאָלסט די דאָזיגע בריוף פאָרלעגען פאר די דירעקטאָרען דורך דיין פריינד מאַרשאנד.

זשאן האָט זיך אָנגערופען:

— דאָס איז אַן אויסגעצייכנעטע אידעע.

און ער האָט געשמייכעלט בערוהיגט, כמעט צופריעדען, זייענדיג זיכער אין זיין ערפאָלג. לאַנג האָט ער ניט געקענט טראָגען דעם טרויער אין הארצען.

— ווען וועסטו צו זיי שרייבען? — האָט ער געפרעגט.

— גלייך — האָט פיער געענטפערט — איך געה שוין. איך וועל היינט קיין קאַפע ניט טרינקען. איך בין צו נערוועז.

ער האָט זיך אויפגעהויבען און איז ארויס.

דאָ האָט זיך זשאַן צו זיין מוטער געווענדעט:

— און וואָס וועסטו טהאָן, מאַמע?

— גאָר ניט. איך ווייס ניט.

— ווילסטו מיט מיר געהן צו פרוי ראָזעמילי?

— געוויס.

— איך מוז היינט זיין ביי איהר.

— יאָ, יאָ, מיין זוהן.

— וואָרום מוזטו? — האָט ראָלאַנד געפרעגט.

— ווייל איך האָב איהר פערשפּראָכען צו קומען.

—אויב דו האָסט איהר פערשפּראָכען, איז אַנאַנדער זאַך — האָט ראָלאַנד געזאָגט.

ער האָט גענומען אָנשטאָפּען זיין ליולקע, ווערענד מוטער און זוהן זיינען אוועק נעהמען זייערע הים.

ווען זיי זיינען ארויס אויפ'ן גאַס, האָט זשאַן געפרעגט:

— מאַמע, זאָל איך דיר דעם אָרעם געבען?

ער האָט איהר דעם ארעם דערלאַנגט. אַזוי זיינען זיי אַלעמאָל געגאַנגען איינער נעבען דעם אנדערען איינפאַך. אָבער היינט האָט זי איהם אונטער'ן אָרעם גענומען און זיך אויף איהם אָנגעשפּאַרט.

אַ ווײַלע זיינען זיי געגאַנגען און געשוויגען. דערנאָך האָט זשאַן זיך אָנגערופען:

— דו זעהסט, פיער איז צופריעדען אוועקצופאָהרען.

זי האָט ארויסגעפּליסטערט:

— מיין אונגליקליכער זוהן!

— וואָרום אונגליקליכער? ער וועט אויף דער „לאַטרינגען" גאָר ניט אונגליקליך זיין.

— איך ווייס, אָבער עס שטעלט זיך מיר אַלץ פאָר...

זי האָט ארונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און, געהענדיג נעבען איהר זוהן, האָט זי געטראכט, געטראכט. דערנאָך האָט זי געזאָגט פער־טראכט:

— דאָס לעבען איז אזוי העסליך. ווען עס דערוואַרעמט אונז אַ מאָל מיט עטוואָס גליק, איז אַ זינד עס אָנצונעהמען, און מען מוז שפּעטער דערפאַר טהייער בעצאָהלען.

ער האָט זיך אָנגערופען גאנץ שטיל:

— מאַמע, רייד ניט מעהר דערפון.

— ווי קען איך ניט ריידען דערפון, ווען איך טראכט שטענ־דיג פון דעם?

— דו וועסט שוין פערגעסען.

ווידער זיינען זיי אַנטשוויגען געוואָרען. דערנאָך האָט זי ארויסגערעדט מיט טיעפען וועהטאָג:

— אַך, ווי גליקליך איך וואָלט געקענט זיין, ווען איך זאָל הייראַטהען אַן אנדער מאַן.

און זי האָט גענומען ריידען מיט צאָרן וועגען ראָלאַנד'ען, וועגען זיין העסליכקייט, זיין דומהייט, זיין אונגעשיקטקייט, זיין אומ־געלומפּערטקייט, און זי האָט בעשולדיגט נור איהם פאַר דעם פעה־לער, וואָס זי האָט בעגאַנגען. ווען ער וואָלט געווען אַנאַנדערער, וואָלט זי איצט ניט געווען אזוי אונגליקליך, איהר עלטסטער זוהן וואָלט איצט ניט געווען אזוי פערצווייפעלט און פאַר דעם אינגסטען וואָלט זי זיך ניט געדאַרפט מודה זיין אין איהר שמאַך און שאַנדע.

זי האָט געפּליסטערט:

— עס איז אזא אונגליק פאַר אַ יונג מיידעל צו הייראַטהען אזאַ מאַן.

זשאַן האָט געשוויגען.

ער האָט געטראַכט פון דעם מאַן, וועלכען ער האָט ביז די לעצ־טע צייט געהאַלטען פאַר זיין פאָטער. און אפשר האָט די אונבע־שטימטע מיינונג וועגען זיין פאָטער'ס נישטווירדיגקייט אלס פער־זאָן, וועלכע האָט שטענדיג ארויסגערופען די איראָנישע בעמער־קונגען פון זיין ברודער, די פערעכטליכע גלייכגילטיגקייט פון אנדע־רע, אפילו פון דער דיענסטמיידעל, איהם פאָרבערייטעט ניט צו־פיעל איבערראשט צו ווערען, ווען ער וועט זיך דערוויסען, אז ער איז ניט דער זוהן פון דעם מאַן, וועלכען ער האָלט פאַר זיין פאָ־

טער. עס האָט זיך איהם גאָר נים אויסגעוויזען אזוי שרעקליך, וואָס ער איז נים דער זוהן פון ראָלאַנד'ען. און ווען ער איז נעבעטען נים געווען אזוי אויפגערעגט און פערצווייפעלט, ווי זיין מוטער האָט זיך גּעריכט, אז ער וועט זיין, בעת ער וועט זיך דערוויסען דעם שרעקליכען סוד, האָט מען דאָס נור מיט דעם געקענט ערקלערען, וואָס זייט א לאנגע צייט האָט ער זיך געמוטשעט, למאי ער איז א זוהן פון א פאָטער אזא קלענליכע בעשעפעניש.

זיי זיינען געקומען צו ראָזעמילי'ן אין הויז.

זי האָט געוואָהנט אויף דער גאס סען־אדרעס אויפ'ן צווייטען שטאָק פון א שעהנעם הויז, וואָס האָט געהערט צו איהר.

ראָזעמילי האָט זיך געוואָרפען מאדאם ראָלאַנד אנטקעגען און אנשטאָט איהר צו געבען בלויז די האַנד, ווי זי פלעגט עס פריהער טהאָן, האָט זי איצט מיט איהר זיך צוקושט, ווייל זי האָט פערשטאנען, צוליעב וואָס זשאַן'ס מוטער איז איצט געקומען.

די מעבעל אינ'ם סאלאָן איז אימער געווען בעדעקט מיט טשעכאָלען. אויף די געבלומטע וועגד זיינען געהאַנגען פיער בילדער, וועלכע איהר ערשטער מאן, דער קאַפּיטאַן, האָט א מאָל געקויפט.

זיי האָבען פאָרגעשטעלט סענטימענטאלע בילדער פון דעם לעבען אויפ'ן ים. אויף דעם ערשטען האָט מען געזעהען א פרוי פון א פישער, וואָס איז געשטאַנען ביים ברעג ים און מיט א טאַשענטיכעל געווינקט, וועהרענד ווייט אויפ'ן האָריזאָנט איז פערשוואונדען א זעגעל־שיף, אויף וועלכען איהר מאַן האָט זיך געפונען. אויף דעם צווייטען בילד איז די זעלביגע פרוי געשטאַנען אויף די קניע אויף דעם זעלבען פלאץ און געבראָכען די הענד, וועהרענד אין דער ווייטקייט אונטער דעם אויפפלאַמען פון בליצען צווישען קאָכעדיגע כוואַליעס איז אונטערגעגאַנגען דאָס שיף פון איהר מאַן.

די אנדערעביידע בילדער האָבען פאָרגעשטעלט עהנליכע סצענען, נור אין א העכערען קלאַס.

א יונגע, בלאָנדע פרוי שטעהט אָנגעלעהנט אויף דעם באָרד פון א גרויסען דאַמפּפער און קוקט מיט אויגען, פול מיט טרערען, צוריק אויף דעם ברעג, פון וועלכען דאָס שיף איז אָבגעפאָהרען.

וועמען האָט זי דאָרט איבערגעלאָזען?

דאן זעהט מען די זעלביגע פרוי נעבען א פענסטער, וואָס קוקט

ארוים אויפ'ן אָפענעם ים, ליגענדיג א גע'חלש'טע אין א פּאָטעל. א בריעף האָט זיך ארונטערגעגליטשט פון איהר שוים אויפ'ן טעפּיך.

ער איז, אלזאָ, טוידט. אָה, אונגליקליכע!

געוועהנליך זיינען די בעזוכער גאנץ געריהרט געוואָרען פון דער טרויעריגקייט פון די דאָזיגע בילדער. מען האָט רחמות גע־האָט אויף דיביידע פרויען, הגם וועגען דער בלאָנדער פרוי פון דער העכערער געזעלשאפט האָט מען קלאָר ניט געוואוסט, וואָס מיט איהר האָט פּאַסירט. אָבער דוקא די דאָזיגע ניט־קלאָרקייט האָט געוועקט די פּאַנטאַזיע. זי האָט מסתמא איהר חתן פערלאָרען. ווען מען איז אריינגעקומען, האָבען זיך די אויגען ניט ווילענדיג אָבגע־שטעלט אויף די דאָזיגע פיער בילדער, און מען האָט זיך ניט גע־קענט אָבריַיסען פון זיי.

די שטוהלען זיינען געשטאַנען אין דער זעלביגער אָרדנונג. ווי מען האָט זיי א מאָל אוועקגעשטעלט, אין ראנדען ביי דער וואנד און ארום דעם רונדען טיש. די ביידע ווייסע פאָרהאַנגען זיינען גע־ווען ווייס אויסגעפּרעסט און קיין שטויבעלע האָט מען ניט געקענט געפינען אין דעם גאנצען סאַלאָן.

די ביידע פרויען האָבען זיך געזעצט.

— איהר זיינט גאָר היינט ניט ארויסגעגאַנגען שפּאַצירען? — האָט מאַדאַם ראָלאַנד געפרעגט.

— ניין, איך בין היינט אַ ביסעלע מיעד.

און אזוי ווי זי וואָלט זשאַן'ען און זיין מוטער געוואָלט בעדאַנ־קען, האָט זי גענומען רעדען וועגען דעם פערגעניגען, וואָס דאָס נעכ־טיגע ארויספאָהר האָט איהר פערשאַפט.

— איהר ווייסט — האָט זי געזאָגט — אז היינט פריה האָב איך איינגע קרעבסען געגעסען מיט פיעל פערגעניגען. ווען איהר ווילט, קענען מיר נאָך א מאָל ארויספאָהרען אהין.

דער יונגערמאַן האָט זי אונטערבראָכען:

— מיר זיינען נאָך ניט פאַרטיג מיט דעם ערשטען ארויספאָהר.

— וואָס מיינט איהר? — האָט זי געפרעגט.

— איך מיין, ביי דעם דאָזיגען ארויספאָהר האָב איך עפּעס גע־פונען, וואָס איך וואָלט וועלען ערקלערען אלס מיינס.

זי האָט געמאַכט אַן אונשולדיגע מינע:

— איהר? וואָס אזוינס האָט איהר געפונען?

— אַ פרוי. און מאַמאַ און איך זיינען געקומען פרעגען, אויב די פרוי, וואָס איך האָב נעכטען געפונען, דענקט ניט היינט אַנ־דערש.

זי האָט אַ שמייכעל געטהאָן.

— ניין, מיין העדר. איך ענדער ניט מיינע מיינונגען.

דאַן האָט ער צו איהר אויסגעשטרעקט די האַנד. זי האָט שנעל און ענטשלאָסען אריינגעלייגט איהר האַנד אין זיינער.

— ווען ?

— ווען איהר ווילט.

— אין זעקס וואָכען.

— איך קען דאָס ניט בעשטימען. וואָס דענקט וועגען דעם מיין צוקינפטיגע שוויגער־מוטער ?

מאַדאַם ראָלאַנד האָט געענטפערט מיט אַ מעלאַנכאָלישען שמייכעל :

— אָך, איך דענק גאָר ניט. איך דאַנק אייך בלויז, וואָס איהר ווילט זיין מיין זוהן'ס פרוי, וואָרים ער וועט זיין מיט אייך זעהר גליקליך.

— איך וועל טהאָן, וואָס איך וועל נור קענען, מאַמאַ, ער זאָל גליקליך זיין — האָט זי געזאָגט.

מאַדאַם ראָלאַנד האָט זיך אויפגעהויבען, שטאַרק געריהרט, און צום ערשטען מאָל האָט זי געדריקט צו זיך ראַזעמילי'ן און געקושט לאַנג, לאַנג, ווי אַ טאָכטער. און דערביי האָט זי געפיהלט פרעהליך און טרויעריג אין דער זעלביגער צייט. זי האָט אַ זוהן פערלאָרען, אַ גרויסען זוהן, און האָט דערפאַר געוואונען אַ טאָכטער, אַ גרויסע טאָכטער.

ווען זיי זיינען ווידער געזעסען, האָבען זיי זיך אָנגענו־מען ביי די הענד און זיינען לאַנג אַזוי געזעסען און געשמייכעלט איינע צו דער אַנדערער און אָן זשאַן'ען האָבען זיי כמעט גאָר פער־געסען.

דערנאָך האָבען זיי גערעדט פון אַ סך זאַכען, וואָס זיינען נויטיג פאַר אַ חתונה. און ווען אַלצדינג איז שוין בעשלאָסען געוואָרען, האָט ראַזעמילי זיך פּלוצים דערמאָנט ווי אָן עפּעס אַ קלייניגקייט.

— איהר האָט דאָך מסתמא שוין גערעדט פון דעם מיט דעם העדר ראָלאַנד ?

מוטער און זוהן זיינען רויט געוואָרען. און די מוטער האָט געענטפערט:

— אַך, דאָס איז ניט נויטיג.

אָבער פיהלענדיג, אז זי מוז דאָך ערקלערען, פאר וואָס עס איז ניט נויטיג, האָט זי צוגעלייגט:

— מיר בעשליסען אָהן איהם. דערנאָך וועלען מיר איהם נור זאָגען, אז אזוי איז בעשלאָסען געוואָרען, און פארטיג.

מאַדאַם ראזעמילי האָט זיך ניט שטארק געוואונדערט, וואָס דער גוטער אלטער האָט ביי זיי אזא קליינע דעה.

שפּעטער, ווען מוטער און זוהן האָבען פערלאָזען ראזעמילי'ס הויז, האָט מאַדאַם ראָלאַנד זיך אָנגערופען צו זשאַן'ען:

— לאָמיר געהן צו דיר אויף א ווײלע. איך וואָלט זיך וועלען א ביסעל אָברוהען.

זי האָט זיך געפיהלט ווי פערלאָרען, אָהן שוץ, און האָט מורא געהאַט פאר איהר אייגענע היים.

זיי זיינען אוועק צו זשאַן'ען.

אזוי שנעל ווי די טיר האָט זיך צוגעמאכט הינטער איהר, האָט זי דערלייכטערט אָבגעזיפצט, עפּעס אזוי ווי זי וואָלט זיך דערפיהלט זיכער אין דעם דאָזיגען הויז הינטער צוגעשלאָסענע טירען. דערנאָך, אנשטאָט זיך אויסצורוהען, ווי זי האָט פריהער געזאָגט, האָט זי זיך א נעהם געטהאָן צו די שאפעס, צולייגט די וועש, איבערגעצעהלט די נאָז־טיכלעך, די זאָקען, און זיי אויף אַן אָרט געלייגט. און ווען זי האָט אלעס ריכטיג צולייגט נאָך איהר געשמאַק נאָך, די האַנדטיכער איינע אויף די אנדערע, די אונטער־הויזען און העמדער אויף א בעזונדער פּלאַץ, די גאַנצע וועש אין דריי בעזונדערע אבטהיילונגען צוטהיילט, אונטער־וועש, הויז־וועש און טישטיכער בעזונדער, איז זי אָבגעטראָטען א ביסעל צוריק, כדי איהר אויפטהו צו בעטראכטען, דאַן האָט זי צוגערופען איהר זוהן:

— קום אַקאָרשט אהער, זשאַן, זעה, ווי שעהן אלצדינג זעהט אויס.

ער איז אויפגעשטאַנען און זיין בעוואונדערונג אויסגעדריקט, כדי איהר צו פערשאַפען פערגעניגען.

און ווען ער האָט זיך צוריק אויף זיין שטוהל געזעצט, איז זי פּלוצים צו איהם צוגעגאַנגען, ארומגעכאַפּט זיין האַלז און געננ־

מען איהם קושען. דאַן האָט זי אַ קליינע, אין ווייס פּאַפּיר איינ־געוויקעלטע זאַך אויף דעם קאַמין ארויפגעלייגט.

ער האָט געפרעגט:

— וואָס איז עס אזוינס?

זי האָט ניט געענטפערט, אָבער ער האָט זיך אליין אָנגעשטויסען, וואָס דאָס איז, ווען ער האָט בעמערקט די פאָרמע פון אַ ראהם.

——גיב עס אקאָרשט אהער! — האָט ער געזאָגט.

אָבער זי האָט זיך געמאַכט ניט הערענדיג און איז צוריק צו איהרע שאַפעס אוועק. ער איז אויפגעשטאַנען, גענומען פון קאַמין יענע קליינע זאַך, וועלכע איז זיין מוטער אזוי הייליג, אזוי טהייער, אזוי שמערצליך געווען און אין זיין שרייב־טיש פערשלאָסען. דאַן האָט זי מיט די שפּיץ־פינגער אָבגעווישט אַ טרעהר, וואָס האָט זיך איהר אין די אויגען־ווינקלען בעוויזען, און מיט אַ ציטערענדען קול געזאָגט:

— איצט וועל איך אקאָרשט אַ קוק טהאָן, אויב דיין נייע דיענסט־מיידעל האלט דיר די קיך אין אָרדנונג. אזוי ווי זי איז גראַד היינט אויסגעגאַנגען, האָב איך אַ געלעגענהייט אלעס גענוי נאָכצוזעהן.

9.

הערר מאַרשאַנד האָט צוגעשטעלט די דירעקטאָרען פון דער טראַנס־אַטלאַנטישער שיפס־קאָמפּאַנמיע די בעסטע רעקאָמענדאַ־ציאָנען פון די פּראָפעסאָרען פאַר זייער שילער, דאָקטאָר פּיער ראָ־לאַנד. אויסער דעם האָבען אייניגע אַנגעזעהענע בירגער פון האַווער, צווישען זיי דער האַנדעלסריכטער, לעניען, און דעם בירגערמייס־טער'ס סעקרעטאַר, מאַריוואַל, שטאַרק געאַרבייט אין דעם, אַז פּיער זאָל קריגען די שטעלע.

אזוי ווי די „לאַטהרינגען" האָט נאָך קיין דאָקטאָר ניט געהאַט אַנגעשטעלט, האָט פּיער'ן אָבגעגליקט און ער האָט בעקומען די דאָ־זיגע שטעלע. אין אַ געוויסען פריהמאָרגען האָט איהם יאָזעפינאַ דערלאַנגט אַ בריעף, אין וועלכען מען האָט איהם געלאָזט וויסען וועגען דעם.

צוערשט האָט ער געפיהלט, ווי אַ פערארורטהיילטער צום טויט, ווען מען זאָגט איהם אָן, אַז ער איז בעגנאַדיגט געוואָרען. עס איז

איהם גלייך גרינגער געוואָרען אויפ'ן הארצען ביי דעם געדאנק אָן ־עם אוועקפאָהרען און אָן דעם רוהיגען לעבען, וואָס איהם שטעהט פאָר אויף דעם אייביג־בעוועגליכען שיף איבער דעם אונענדליכען ים.

אין זיינע עלטערען'ס הויז האָט ער איצט געלעבט אָבגעזונדערט, פאר זיך, ווי א פרעמדער. פון יענעם אָבענד אָן, ווען ער האָט דעם מורא'דיגען סוד פון זיינע ליפען ארויסגעבראכט, האָט ער געפיהלט, אז ער האָט די לעצטע פעדים, וואָס האָבען איהם צו זיין פאמיליע צוגעבונדען, צוריסען. דאָס געוויסען האָט איהם געפלאגט, פאר וואָס ער האָט זשאן'ען אלצדינג דערצעהלט. ער האָט זיך אליין צוגעגעבען, אז דאָס איז געווען ניעדערטרעכטיג, שלעכט, פערדאָרבען, און דאָך איז איהם, דאכט זיך, לייכטער געוואָרען אויף דער נשמה, ווען ער האָט עס פון זיין הארצען ארויסגעשליידערט.

ער האָט מעהר ניט געקוקט זיין מוטער אָדער זיין ברודער גלייך אין די אויגען אריין. זיי האָבען אויסגעמידען איינער דעם אנדערען'ס בליקען, ווי שונאים, וואָס ווילען זיך ניט בעגעגענען. ער האָט זיך נאָכאנאנד געשטעלט די פראגע, וואָס אזוינס האָט איהר זשאן געקענט זאָגען? האָט זי פאר איהם איהר הארץ געעפענט, אָדער אלעם געלייקענט? וואָס טראכט זיך זיין ברודער? וואָס דענקט ער פון איהר און וואָס פון איהם? ער האָט אָבער קיין ענטפער ניט געפונען, און דאָס האָט איהם געמאכט פערצווייפעלט. ער האָט איצט כמעט מיט זיי ניט גערעדט, אויסער אין ראָלאנד'ס געגענווארט, ווייל ער האָט געוואָלט אויסמיידען וועלכע עס איז אונאנגענעהמע פראגען.

ווען ער האָט בעקומען דעם בריעף וועגען זיין שטעלע, האָט ער עס גלייך געוויזען זיין פאמיליע.

זיין פאָטער, וועלכער האָט אימער פון אלעם הנאה געהאט, האָט גענומען פאטשען מיט די הענד. זשאן האָט געענטפערט מיט אַן ערנסטען טאָן, אָבער פול אינערליכע גליקזעליגקייט:

— איך גראטוליר דיר פון גאנצען הארצען און ווינש דיר גליק. דו האָסט געהאט א סך קאָנקורענטען, און דיין ערוועהלונג האָסטו זיכער צו פארדאנקען די ווארימע רעקאָמענדאציאָנען פון דיינע פראָפעסאָרען.

און זיין מוטער האט ארונטערגעלאזען דעם קאפ און געפליסטערט:

— איך בין זעהר גליקליך, וואס דו האסט ערריכט דיין צוועק.

נאכ'ן פריהשטיק איז ער אוועק אין קאנטאר פון דער שיפס־קאמפאניע, אום זיך נאכצופרעגען אויף פערשיעדענע זאכען. ער האט אויך געפרעגט, ווי עס הייסט דער דאקטאר פון דעם שיף „פיקארדיע", וועלכע האט אויף מארגען געזאלט אבגעהן, כדי פון איהם צו דערגעהן פערשיעדענע איינצעלהייטען, וואס האבען א שייכות געהאט מיט זיין לעבען און פליכטען אויפ'ן שיף.

אזוי ווי דאקטאר פּירימט האט זיך געפונען אויפ'ן שיף, איז ער גלייך אוועק צו איהם. יענער, א יונגער מענש מיט א בלאנדע בערדעל, זעהר עהנליך צו זיין ברודער, האט איהם אויפגענומען אין א קליין קאיוטע פון'ם שיף. זיי האבען א צייט לאנג פערבראכט צוזאמען.

פון אונטען, פון דער טיפעניש פון'ם געוואלדיג־גרויסען שיף, האט זיך נאכאנאנד געהערט אן אונבעשטימטע בעוועגונג. א הורהא פון שטימען, פון טריט, פון מאשינען, א פייפען פון מאטראזען, א קלינגען פון קייטען האט זיך אויסגעמישט מיט דעם אונאויפהערליכען דאמפען פון דער שיף און אנגעפילט די ארומיגע לופט.

אבער ווען פיער איז אוועק פון זיין קאלעגע און איז ארויס אין גאס, איז אויף איהם פלוצים אנגעפאלען א טרויעריגקייט; א טיעפע מרה שחורה האט זיין נשמה ווי אין א נעבעל איינגעוויקעלט.

נאך קיין מאל אין זיין גרעסטער פערצווייפלונג האט ער זיך ניט געפיהלט אזוי יאמערליך, אזוי דערשלאגען. דער לעצטער באנד איז געוועזן צוריסען, קיין זאך האט איהם מעהר ניט צוגעבונדען צו די זייניגע. ווען ער האט פון זיין הארצען אלע ווארצלען פון ליעבע און צערטליכקייט ארויסגעריסען, האט ער אפילו דאן ניט געפיהלט יענע פערצווייפלונג פון הײמלאזען הונט, ווי ער האט עס [illegible] פלוצים דערפיהלט.

עס איז שוין ניט געווען מעהר דער שמערץ פון א צוריסענער נשמה, זאנדערן עפעס א מין עלענדקייט פון א שוצלאזער חיה, די קערפערליכע פערצווייפלונג פון א געיאגטער בעשעפעניש, וואס האט ניט מעהר קיין דאך איבער'ן קאפ, וואס איז ארויסגעשטויסען אין רעגען, אין ווינד, אין שטורעם. ווען ער האט ארויפגעשטעלט

זיין פוס אויפ׳ן דעק פון שיף און איז אין דעם קליין צימעריל אריין, וועלכער האט זיך איבער די כוואליעס אהער און אהין געשאקעלט, האט ער דערפיהלט די אונזיכערקייט, וואס ערוואַרטעט איהם אין דער צוקונפט, און דער מענש אין איהם, וועלכער איז געוואוינט גע־ווען צו שלאפען אויף א רוהיגער, זיכערער בעט, האט שטארק פראַ־טעסטירט. ביז אהער האט ער זיך געפיהלט שטארק און זיכער הינטער די געמויערטע ווענד, אונטער׳ן דאך, וועלכער האט איהם פון אלע שטורעמס בעשיצט.

איצט האט ער ניט מעהר קיין באָדען אונטער די פיס, נור דעם ים, וועלכער שליידערט זיך, ברויזט און פערשלינגט. ער האט ניט מעהר ארום זיך קיין פרייען פלאץ, וואו צו שפאצירען, צו לויפען, גייע וועגען צו זוכען, נור א פאר איילען ברעטלאך ארומצושפריי־זען הין און צוריק, ווי א פערברעכער צווישען געפאנגענע. ער וועט ניט אַנזעהן מעהר קיין בוימעלע, קיין גרעזעלע, קיין גארטען, קיין גאסען, קיינע הייזער, נור וואסער און וואלקען. און שטענדיג וועט ער פיהלען, ווי דאס שיף בעוועגט זיך אונטער איהם; אין שטורמ־דיגע טעג וועט ער זיך מוזען אנהאלטען אָן די פערשלאָסענע פענס־טער, איינקלאמערען זיך אין די טהירען, קראמפהאפט ארומכאפען דעם ראנד פון זיין שמאָל בעטעל, כדי ניט צו פאלען צו דער ערד. און אין רוהיגע טעג וועט ער הערען בלויז דעם גערויש פון די מאַ־שינען און וועט פיהלען, ווי די שיף אנטלויפט רעגעלמעסיג, נאָכ־אנאנד אלץ ווייטער פון ברעג.

און צו דעם דאָזיגען לעבען פון א געפאנגענעם אויף א שיף, וועלכער טראגט זיך טאג־איין־טאג־אויס אויף דעם אונענדליכען ים, איז ער פעראורטהיילט געוואָרען צוליעב זיין מוטער׳ס זינד.

ער האט געטראַכטען פאראויס מיט דער פערצווייפלונג פון א מענשען, וואס האט זיין פאטערלאנד פערלאָרען.

ער האט ניט געפיהלט אין זיך מעהר יענע פעראכטונג, יענעם האס צו אונבעקאנטע מענשען, וועלכע זיינען איהם פערביי־געגאנגען; פערקעהרט, איצט האט זיך איהם געוואלט זיי אבשטע־לען און זיי אלעמען דערצעהלען, אז ער פערלאזט פראנקרייך. עס האט זיך איהם געוואלט, מען זאָל איהם אויסהערען, מען זאָל איהם טרויסטען. א מורא׳דיגע בענקעניש האט אנגעפילט זיין הארץ, ער האט דערפיהלט דאס בעדערפעניש פון א בעטלער אויסצוציהען

די האַנד נאָך אַ ביסעלע מיטלייד, אַ ביסעלע מיטגעפיהל, כדי, אַז כאָטש אימיצער פון גאַס זאָל בעדויערען, וואָס ער פאָהרט אוועק.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן מאַראַוווסקאַ׳ן. דער אַלטער אַפּטייקער איז געוועזען דער איינציגער, וואָס האָט איהם אויף אָן אמת ליעב געהאַט, און וועלכער וועט טרויערען נאָך איהם. און דער דאָקטאָר איז אוועק צו איהם.

ווען ער איז אריין אין אפּטייק, איז דער אַלטער אויפגעשפּרונגען, געוואָרפען דעם פּולווער, וואָס ער האָט געהאַלטען אין מיטען וועגען, און זיך אַ וואָרף געטהאָן צו איהם, און ער האָט אויסגערופען:

— מען זעהט אייך גאָר מעהר ניט אָן!

דער יונגער מאַן האָט ערקלערט, אַז ער האָט געהאַט אַ סך צו טהאָן און זיך געזעצט מיט דער פראַגע:

— נו, ווי געהט עפּעס דאָס געשעפט?

דער אַפּטייקער האָט זיך גענומען קלאָגען:

— דאָס געשעפט איז שלעכט. די קאָנקורענץ איז מורא׳דיג. עס זיינען דאָ ווייניג קראַנקע און די, וואָס זיינען שוין יאָ קראַנק, זיינען גרויסע אָרימע לייט. מען קען דאָ פערקויפען בלויז גאַנץ ביליגע רעצעפּטען, און די דאָקטוירים פון דיזער געגענד פערשרייבען קיינמאָל ניט די טהייערע מיקסטורען, פון וועלכע מען קען פערדיענען פינף הונדערט פּראָצענט.

דער אַלטער האָט געשלאָסען מיט די ווערטער:

—ווען דאָס זאָל אַזוי אָנהאַלטען נאָך דריי מאָנאַטען, מוז איך צומאַכען די קרעמעל. מיין איינציגע האָפנונג איז געבליבען אויף אייך, ליעבער דאָקטאָר, ווען ניט איהר, קומט מיר אוים צו ווערען אַ שטיוועל־פּוצער.

פּיער׳ן האָט פון די דאָזיגע ווערטער אַ ריס געטהאָן אין האַרצען, און ער האָט זיך פּלוצים ענטשלאָסען, ווי שווער דאָס זאָל ניט זיין, יענעם אַלעס צו דערצעהלען:

— איך... אויף מיר קענט איהר איצט ווייניג האָפען. איך אַנהויב פון נעכסטען מאָנאַט פערלאָזט איך האַווער.

מאַראַוווסקאַ האָט זיך אַזוי דערשראָקען, אַז ער האָט אַראָבגענומען די ברילען פון די אויגען.

— האַ, וואָס? וואָס זאָגט איהר?

— איך זאָג, אַז איך מוז אוועק, ווייט, ווייט אוועק, מיין אָרימער פריינד.

דער אלטער מאן איז געבליבען שטעהן, ווי פון א דונער גע־טראָפען. אלע זיינע האָפנונגען זיינען צושוואומען, ווי רויך און ער האָט פלוצים דערפיהלט א כעס צו דעם דאָזיגען מענשען, וועל־כען ער האָט ליעב געהאַט, צו וועמען ער האָט זיך פערטרויט, ווע־מעס עצה ער האָט געפאָלגט און וועלכער לאָזט איהם איצט איבער אויף הפקר.

ער האָט ארויס.געשטאַמעלט:

— סטייטש, וואָס הייסט? איהר וועט דאָך מיך אזוי שענדליך פערראַטהען.

פיער האָט געפיהלט, ווי עס ווערט איהם אזוי וואַרעם, אזוי ליכטיג אויף דער נשמה, און ער האָט זיך שיער ניט ארויסגעוואָרפען דעם אלטען אויפ'ן האלז.

— איך פערראטה אייך ניט — האָט ער געזאָגט — איך האָב דאָ ,אין האווער, ניט געקענט קריגען קיין שטעלע און איך פאָהר אוועק אלס שיפס־דאָקטאָר אויף א טראנס־אטלאנטישען דאמפפער.

— אָבער, אָבער איהר האָט דאָך מיר פערשפּראָכען צו העלפען, צו שטיצען?

— יא, וואָס קען איך העלפען? איך מוז אליין אויך לעבען. איך האָב ניט קיין צובראָכענעם העלער מיין אייגענס.

מאראַאווסקא האָט אָבער אלץ גע'טענה'ט דאָס זייניגע:

— עס איז ניט שעהן פון אייך. איהר בעגעהט א גרויסע עולה אנטקעגען מיר. סטייטש, איך קען דאָך איצט שטאַרבען פון הונגער! אין מיין עלטער קען מען שוין גאָרניט אויפטהאָן. עס איז שלעכט פון אייך. איהר פערלאָזט אן אָרימען, אלטען מאַן, וועלכער איז אייך נאָכגעלאָפען אהערצו. עס איז שלעכט, שלעכט פון אייך!

פיער האָט געוואָלט ערקלערען, בעווייזען, אז ער האָט אנדערש ניט געקענט האנדלען, אז ער איז געווען געצוואונגען אזוי צו טהאָן. אָבער דער פּאָליאַק האָט איהם ניט געוואָלט אויסהערען. ער איז פון דעם דאָזיגען פערראטה געווען אזוי אויסער זיך, אז ער האָט קיין ווערטער ניט געפונען זיין כעס אויסצודריקען. צום סוף האָט ער געזאָגט מיט גאַל:

— איהר, פראנצויזען! קיינער פון אייך האלט ניט זיין פער־שפּרעכען.

דאָס האָט פּיער'ן בעליידיגט. ער האָט זיך אויפגעהויבען און געזאָגט פון אויבען אראָב:

—איהר זיינט אונגערעכט, פּעטער מאראווסקא! גאַנץ שטאַרקע גרינדע צווינגען מיך צו טהאָן דאָס, אויף וואָס איך האָב זיך ענטשלאָסען. איהר האָט עס געמעגט איינזעהן. צום ווידערזעהן! איך האָף, אז ווען איהר וועט זיך בערוהיגען, וועט איהר קליגער ווערען.

און ער איז אוועק, טראַכטענדיג ביי זיך: „קיינער וועט נאָך מיר ניט בענקען, קיינער וועט ניט פערגיסען נאָך מיר קיין הארציג טרער."

ער האָט אין זיינע געדאַנקען געזוכט אַלע זיינע אַלטע און נייע בעקאַנטע. און צווישען אַלע פּנים'ער, וועלכע האָבען פאַר זיין געדעכעניש פערבייגעשוועבט, האָט פּלוצים אויפגעטויכט דער פּנים פון דער קעלנערין, וועלכע האָט אין איהם דעם ערשטען פערדאַכט געגען זיין מוטער ערוועקט.

ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט, דען ער האָט צו איהר געפיהלט עפּעס אַ מין אינסטינקטיווען ראַכע־געפיהל. אָבער דער געדאַנק, אז זי האָט רעכט געהאַט, האָט זיין בייזען געפיהל צו איהר אָבגעשוואַכט, און ער איז אוועק אין יענער גאַס, וואו זי האָט געדיענט.

צופעליג איז דער שענק געווען פול מיט מענשען און מיט רויך פון ציגאַרען. די געסט, איינפאַכע בירגער און ארבייטער, האָבען נאָכאַנאַנד געופען די קעלנער, געלאַכט, געוויצעלט זיך און געשריען. עס איז געווען עפּעס אַ יום טוב, און דער בעל הבית האָט אַליין געמוזט מיטהעלפען. ער איז ארומגעלאָפען פון טיש צו טיש, צוגענומען די ליידיגע ביער־גלעזער און צוריקגעבראַכט פולע מיט שוימענדען ביער.

ווען פּיער האָט געפונען אַ פּלאַץ ניט ווייט פון בופעט, האָט ער זיך געזעצט און גענומען וואַרטען, מיט דער האָפנונג, אז דאָס מיידעל וועט איהם דערזעהן און איהם דערקענען.

אָבער זי איז צו איהם ניט צוגעגאַנגען. זי איז אוועק פאַרביי, ניט אַ קוק טהוענדיג אפילו אויף איהם, דרעהענדיג קאָקעטיש מיט איהר קלייד.

צום סוף האָט ער מיט אַ מטבע אַ קלאַפּ געטהאָן אָן טיש. זי איז צוגעקומען.

— וואָס פערלאַנגט איהר, מיין הערר?

זי האָט אפילו אויף איהם ניט א קוק געטהאָן, אזוי פערטהאָן איז זי געווען אין איהרע רעכנונגען, וויפיעל ביער זי האָט היינט פערקויפט.

ער האָט געזאָגט:

— אזוי בעגריסט מען דאָס א פריינד?

איצט האָט זי אויף איהם אויפגעהויבען איהרע אויגען און געענטפערט אין איילעניש:

— אַך, דאָס זייט איהר? וואָס מאַכט איהר? היינט האָב איך קיין צייט ניט. ווילט איהר אַ גלאָז ביער?

— יא, אַ גלאָז ביער.

ווען זי האָט עס געבראַכט, האָט ער געזאָגט:

— איך האָב אייך געוואָלט זאָגען אדיע, איך פאָהר אוועק.

זי האָט געענטפערט גלייכגילטיג:

— אַך, אזוי. וואוהין?

— קיין אמעריקא.

— מען זאָגט, אז דאָרט איז זעהר שעהן.

זי האָט מעהר ניט געזאָגט קיין וואָרט. ער האָט פערשטאַנען, אז עס איז געווען נאַריש פון איהם צו רעדען מיט איהר איצט, ווען דער שענק איז פול מיט מענשען.

און פיער איז אוועק צום ים.

ווען ער איז צוגעקומען צום האפען, האָט ער דערזעהן די „פערל" צוקומענדיג צום ברעג מיט זיין פאָטער און דעם קאפּיטאַן בעזירע. דער מאַטראָז פּאַפּאַגרים האָט געראודערט. הינטער איהם זיינען געזעסען ביידע מענער מיט שטראַהלענדע פּנים'ער און גע־רויכערט זייערע ליולקעס. ווען דער דאָקטאָר האָט זיי פון וויטען געזעהן פאַרבייפאָהרענדיג, האָט ער געזאָגט צו זיך אליין: „גליק־ליך זיינען די, וואָס זיינען גייסטיג אָרעם."

ער האָט זיך געזעצט אויף א באַנק ביים ברעג און א צייט לאַנג געקוקט פאַר זיך.

ווען ער איז אין אָבענד א היים געקומען, האָט זיין מוטער, ניט וואַגענדיג אויף איהם די אויגען אויפצוהויבען, זיך אָב־גערופען:

— דו וועסט אוודאי דאַרפען האָבען פערשיעדענע זאַכען צו

דער רייזע, און איך ווייס ניט וואס דיר צו בעזארגען. איך האב דיר פריהער דיינע וועש אין ארדנונג געבראכט און בין געווען ביים שניידער וועגען דיינע קליידער, אבער אפשר דארפסטו נאך עפעס, עפעס, וואס איך ווייס אפשר נימ?

ער האט קוים געעפענט דעם מויל:

—ניין, איך דארף גאר ניט.

אבער ווען ער האט א טראכט געטהאן, אז ער וועט זיך מוזען אנטהאן, ווי א מענש, האט ער געענטפערט רוהיג:

— איך ווייס נאך ניט, איך וועל אנפרעגען ביי דער געזעלשאפט.

ער האט זיך נאכגעפרעגט און מען האט איהם געגעבען א גאנצען צעטעל פון זאכען, וואס זיינען איהם אונבעדינגט נויטיג.

ווען זיין מוטער האט דעם צעטעל אין האנד גענומען, האט זי איהם זייט א לאנגער צייט צום ערשטען מאל אנגעקוקט, און אין דער טיפעניש פון איהרע אויגען איז געלעגען אן אונענדליך ווייבער, דערשלאגענער, טרויעריגער אויסדרוק, דער בליק פון א געשלאגענעם הונד, וואס בעט אום פערצייהונג.

דעם ערשטען אקטאבער איז אין האפען אנגעקומען די „לאט־העריינגען" פון סיינט לאזאר, אום דעם זיעבעטען פונ'ם זעלבען מאנאט אבצוגעהן נאך ניו יארק. דאן וועט פיער ראלאנד מוזען אריינציהען אין דער קליינער קאיוטע, אין וועלכער ער וועט פון איצט אן נעהמען פיהרען דאס לעבען פון א געפאנגענעם.

ווען ער איז אויפ'ן צווייטען טאג פון הויז אוועק, האט ער אויף די טרעפ געטראפען זיין מוטער, וועלכע האט דארט אויף איהם געווארט. זי האט געזאגט צו איהם מיט א שטיל קול:

— זאל איך דיר אפשר העלפען אויפ'ן שיף דיינע זאכען צוריכטען?

—ניין, איך דאנק. אלעס איז אין ארדנונג.

זי האט געפליסטערט:

—איך וואלט אזוי וועלען זעהן דיין צימער.

— ניטא וואס צו זעהן. מיין צימער איז זעהר העסליך און זעהר קליין.

ער איז אוועק פארביי איהר. זי איז געבליבען שטעהן א דערשלאגענע, מיט א טויט־בלייכען פנים און זיך אנגעשפארט אן וואנד.

ראָלאַנד אָבער, וועלכער האָט מיט א טאָג צוריק בעטראַכט די „לאַטהרינגען", האָט בעת'ן עסען וועגען קיין אַנדער זאַך ניט גע־רעדט אויסער דער וואונדערבאַרער שיף, און ער איז געווען זעהר ערשטוינט, וואָס זיין פרוי האָט ניט קיין אינטערעס צו זעהן דאָס שיף, אויף וועלכען איהר זוהן וועט אוועקפאָהרען.

פיער האָט אין די לעצטע פאָר טעג גאַנץ ווייניג פערבראַכט מיט זיין פאַמיליע. ער איז געווען בערוועז, אויפגערעגט, הארט און גראָב אַנטקעגען די זייניגע, און יעדער וואָרט זיינער איז זיי געווען ווי א פּאַטש אין פּנים. אָבער דעם אָבענד פאַר דעם אָברייזען איז ער פּלוצים געוואָרען גאָר אַן אַנדער מענש, גאַנץ ווייך, גאַנץ צערטליך. און אין דעם אויגענבליק, ווען ער האָט זיינע עלטערען אַרומגענומען, אום צו געהן אויפ'ן שיף, וואו ער האָט געזאָלט פער־ברענגען זיין ערשטע נאַכט, האָט ער געפרעגט:

— קומט איהר מאָרגען צום שיף זיך מיט מיר צו זעגענען?

ראָלאַנד האָט אויסגערופען:

— נאַטירליך, נאַטירליך! וואָס זאָגסטו, לואיזע?

— אודאי, געוויס — האָט זי שטיל געענטפערט.

פיער האָט בעמערקט:

— מיר פאָהרען אָב פּונקט עלף א זייגער. איהר מוזט דאָרט זיין שפּעטסטענס האַלב צעהן.

— איך האָב אַן אידעע! — האָט אויסגערופען דער פאָטער — ווען מיר וועלען האָבען זיך מיט דיר געזעגענט, טהוען מיר א לויף צו דער „פּערל", פאָהרען אויף איהר אַרום און דאַן קענען מיר דיך נאָך זעהען נאָך א מאָל פאַר דעם האַפען־דאַם. ניט אמת, לואיזע?

— יאָ, געוויס.

ראָלאַנד האָט ווייטער גערעדט:

— אַזוי וועלען מיר, אַם ווייניגסטענס, ניט פערשווינדען צווי־שען עולם, וועלכער געפינט זיך נעבען אַן אָבגעהענדער שיף. אין דער גרויסער מאַסע קען מען קיינמאָל ניט אַרויסזעהן די אייגענע. איז וואָס זאָגסטו דערצו? ביזטו צופריעדען?

אין א שטונדע אַרום איז ער געלעגען אויסגעצויגען אויף זיין קליין שיפס־בעטעל, וואָס איז געווען אַזוי שמאָל און אַזוי קורץ, ווי א טוידטען קאַסטען. א לאַנגע צייט איז ער געלעגען מיט אָפענע

אויגען און געטראכט וועגען אלעם, וואס איז אין די לעצטע צוויי מאָ־
נאטען פאָרגעקומען אין זיין לעבען און איבערהויפט אין זיין נשמה.
מיט דעם, וואס ער האָט די ארומיגע אזוי פיעל ליידען פערשאפט,
האָט זיך זיין ראכגעפיהל ביסלעכווייז בערוהיגט. איצט האָט ער
שוין ניט געהאט מעהר קיין מוטה, אויך וועמען ניט איז אין כעס
צו זיין. ער האָט זיך געפיהלט מיעד פונ'ם קאמפף, מיעד פון האס,
מיעד פון די פערפאָלגונגען, מיט וועלכע ער האט נאָכאנאנד גע־
פּלאנט זיינע נאָהענטע, זיינע ליעבע. איצט האָט זיין נשמה גע־
גארט נאָך רוה, זיין הארץ האָט געוואָלט פערגעסען, אלעם פערגע־
סען. ארום זיך האָט ער געהערט דעם אונגעוואוינטען גערויש פון
די שיפען, שטילע טענער האָבען אָנגעפילט די רוהיגע נאָכט. און
זיין וואונד, וואס האָט ביז אהער אזוי געברענט, האָט זיך איצט
עפּעס ווי פון זיך אליין גענומען פערציהען, גענומען היילען.

ער איז נאָך געשמאק געשלאָפען, ווען דער ליארעם פון די
מאטראָזען האָט איהם אויפגעוועקט. עס איז שוין געווען גרוי־
סער טאָג.

ער איז אויפגעשטאנען און גענומען ארומבלאָנדזשען צווישען
די פערהאוועטע פאסאזשירען, וועלכע זיינען ארומגעלאָפען הין און
צוריק איבער'ן שיף, געזוכט זייערע קאיוטען, גערופען איינער דעם
אנדערען, עפּעס געפרעגט, געענטפערט אין איילעניש און האווע־
ניש, ווי פאר אן אָברייזע. נאָכדעם, ווי ער האָט בעגריסט דעם קאַ־
פּיטאן און א פּאָר אנדערע בעאמטע, איז ער אוועק אין סאלאָן, וואו
עטליכע ענגלענדער האָבען געדרעמעלט אויף זייערע פאטעלען. דער
גרויסער זאל מיט זיינע מארמאָרנע ווענד, פון גאָלדענע ראהמען
בעהאנגען, האָט א דאנק זיינע לאנגע שפּיעגלען, אויסגעזעהן נאָך
פיעל, פיעל גרעסער. פון דאנען האָבען זיך געזעהען די לאנגע טי־
שען מיט צוויי אונענדליכע רייהען שטוהלען מיט בלויען סאמעט
בעצויגען. דאָס איז געווען דער גרויסער שווימענדיגער אינטער־
נאציאָנאלער עס־צימער, וואו די רייכסטע לייט פון אלע לענדער האָ־
בען געגעסען. דער לוקסוס איז דאָרט געווען דער זעלבער, ווי אין
די גרויסע האָטעלען, די טהעאטערס, די עפענטליכע פּלעצער, ווי
אין די גרויסע שטעדט, יענער שרייענדיגער לוקסוס, פון וועלכען
די מיליאָנערען האָבען אזוי שטארק הנאה. דער דאָקטאָר איז אוועק
אין יענעם טהייל פון שיף, וואו דער צווייטער קלאס האָט זיך געפו־

נען. אבער דא האט ער זיך דערמאנט, אז מיט אן אבענד צוריק איז אנגעקומען א גרויסע מאסע עמיגראנטען, און ער איז ארונטער אין צווישען־דעק. ווי נור ער איז אהין צוגעקומען, האט איהם א זעץ געטהאן אין נאז דער בעזונדערער געריך פון ארימקייט, יענער גע־שטאנק פון פערשוויצטע מענשען, פון פלייש, וואס איז נאך ערגער ווי דער גערוך פון א חיה. אין עפעס א מין קעלער, א נידעריגען און פינסטערען האט ער דערזעהן הונדערטער מענער. פרויען און קינדער, וואס זיינען געלעגען איינער איבער׳ן אנדערען אויף אזעל־כע צונויפגעקלאפטע ברעטער, אדער גאר קופעס־וויז אויף דער ערד. קיין פנים׳ער האט ער ניש געקענט אונטערשיידען, נור א גאנצע מאסע מענשען אין טראנטעס, אבגעריסענע, אבגעשליסענע. יענע מאסע אונגליקליכע, פון לעבען צודריקטע נפשות, וועלכע מיט זייערע אויסגעמאגערטע פרויען און קינדער שלעפען זיך אוועק ווייט אין דער פרעמד, אין א פרעמד, אונבעקאנט לאנד, וואו זיי האפען כאטש פאר הונגער ניט צו שטארבען.

און ווען ער האט נאך א טראכט געטהאן וועגען דער ארבייט, אויף וועלכער די דאזיגע אלע אונגליקליכע האבען אוועקגעלייגט אלע זייערע יאהרען, וועגען דעם פערצווייפעלטען קאמפף, וואס זיי דאבען געפיהרט טאג־איין, טאג־אויס פאר דאס שטיקעלע ברויט, וועגען די אלע צרות און אונגליקען, וואס זיי האבען דורכגעלעבט און וועגען דעם, אז איצט וועלען זיי מוזען אנפאנגען פון דאס ניי, א נייעם קאמפף פאר זייער טרויעריגען עקזיסטענץ צו פיהרען, דאן האט דער דאקטאר געפיהלט ווי צו זאגען זיי: „ווארפט זיך בע־טער אין וואסער אריין מיט אייערע ווייבער און קינדער!“ זיין הארץ האט איהם פערקוועטשט אויס רחמנות צו זיי, און ער איז אוועק, נים קענענדיג צוזעהן זייער צער.

זיין פאטער און מוטער, זיין ברודער און מאדאם ראזעמילי האבען שוין אויף איהם געווארט אין זיין קאיוטע.

— אזוי פריה — האט ער געזאגט.

— יא — האט געענטפערט מאדאם ראלאנד מיט א ציטערענ־דען קול — מיר ווילען האבען צייט מיט דיר נאך א ווײלע צו פער־ברענגען.

ער האט זי אנגעקוקט. זי איז געווען אנגעטהאן אין גאנצען אין שווארץ, ווי זי וואלט געטראגען טרויער. און פלוצים האט ער

בעמערקט, אז איהרע האר, וועלכע זיינען מיט א מאנאט צוריק גע־וועזן גרוי, זיינען איצט אין גאנצען ווייס געווארען.

די פיער מענשען האבען זיך קוים מיט צרות געקענט פאמיע־שטשען אין זיין קליין צימערל. ער אליין האט געמוזט ארויפקרי־כען אויפ'ן בעט. דורך דער אפען געבליבענער טיר האט מען גע־זעהן א גרויסע מאסע מענשען, לויפענדיג הין און צוריק, ווייל א גרויסע מאסע נייגעריגע און אלע פריינד פון די אבריייזענדע האבען אנגעפילט די שיף. זיי זיינען ארומגעלאפען אין די דורכגאנגען, אין די זאלען, האבען אריינגעשטעקט די קעפ אין דער קאיוטע אריין און דערנאך געמורמעלט: „דאס איז דעם דאקטאר'ס וואה־נונג."

דא האט פיער פערמאכט די טיר. אבער אזוי שנעל, ווי ער האט זיך דערפיהלט אליין מיט די זייניגע, האט זיך איהם גלייך פערוואלט צוריק עפענען, ווייל די לעבעדיגקייט און דער טומעל אויפ'ן שיף האט א ביסעל פערטריבען די שווערקייט פון זייער אלע־מענס שווייגען.

צום סוף האט מאדאם ראזעמילי דערעסען די שטיל־קייט און זי האט זיך אבגערופען:

— דורך די קליינע פענסטערלאך קומט אריין גאנץ ווייניג לופט.

פיער האט זיי דאן געצייגט, ווי דיק דאס גלאז איז און ער־קלערט, אז די פענסטער קענען אויסהאלטען דעם שטארקסטען דרוק. ער האט זיי אויך געוויזען, ווי זיי פערמאכען זיך.

און דא האט ראלאנד געפרעגט:

— האסטו דיין אפטייק מיט זיך?

דער דאקטאר האט געעפענט א שאפע און געציינט א גרויסע צאהל מיט לאטיינישע נעמען אויף פיער־קאנטיגע פלעשלעך. ער האט ארויסגענומען איינס פון זיי, אום צו ערקלערען די ווירקונג פון דער פליסיגקייט. דערביי האט ער געהאלטען א גאנצע לעקציע וועגען כעמישע צוזאמענמישונגען, וועלכע אלע האבען געשיינט אויסצוהערען מיט אינטערעס.

ראלאנד האט געשאקעלט מיט'ן קאפ און געזאגט:

— עס איז מורא'דיג אינטערעסאנט.

מען האט לייכט אנגעקלאפט אן טיר.

— אריין! — האט געזאגט פיער.

קאפיטאן בעזירע איז אריין.

ער האט אויסגערופען, אויסשטרעקענדיג צו איהם די האנד:

— איך בין געקומען שפעטער, ווייל איך האב אייך ניט גע־וואלט שטערען ביים געזעגענען זיך.

ער האט אויך געמוזט ארויפקריכען אויפ'ן בעט. און זיי זיי־נען אלע ווידער אנטשוויגען געווארען. אבער פלוצים האט דער קאפיטאן זיך גענומען צוהערען. ער האט דורך דער טיר דערהערט בעפעהלען פון די שיפס־בעאמטע, און ער האט געזאגט:

— אויב מיר ווילען אויף דער „פערל" ארויספאהרען און אויף אויף דעם אפענעם ים זאגען אדיע, דאן איז איצט די צייט.

דער אלטער ראלאנד איז גלייך אויפגעשפרונגען. איהם האט זיך זעהר שטארק געוואלט ארויספאהרען אויף זיין שיפעל. ער האט הפנים געוואלט מאכען אן איינדרוק אויף די פאסאזשירען פון דער „לאטהרינגען", און ער האט זיך גענומען זעגענען:

— אלזא, אדיע, מיין זוהן.

ער האט א קוש געטהאן פיער'ן איןביידע באקען און געעפענט די טיר.

מאדאם ראלאנד האט זיך ניט בעוועגט. זי איז געבליבען זי־צען א בלייכע מיט ארונטערגעלאזטע אויגען.

איהר מאן האט זי א ציה געטהאן פאר'ן ארעם.

— שנעל, שנעל, מיר קענען ניט פערלירען קיין איין מינוט.

זי האט זיך אויפגעהויבען, געמאכט א טריט איהר זוהן אנט־קעגען און אויסגעשטעלט צו איהם איינע נאך די אנדערע איהרע ביידע טויט־בלייכע באקען, וועלכע ער האט א קוש געטהאן, ניט זא־גענדיג קיין ווארט. דאן האט ער א דריק געטהאן מאדאם ראזעמילי און זיין ברודער די הענד און געפרעגט:

— ווען איז דיין חתונה?

— איך וויים נאך ניט בעשטימט. מיר וועלען עס פראווען, ווען דו וועסט קומען צוריק פון א רייזע.

צום סוף זיינען אלע ארויף אויפ'ן דעק, וועלכער איז געווען פול מיט רייזענדע, מאטראזען און פאק־טרעגער. אין דעם געוואל־

דיגען גוף פון שיף האָט געקרעכצט דער דאמפף, עפעס אזוי ווי ער וואָלט געציטערט פאר אונגעדולד.

— אדיע! — האָט געזאָגט ראָלאנד אין איילעניש.

— אדיע! — האָט געענטפערט פיער, וועלכער איז געשטאַנען אויף אזא מין בריקעל פון ברעטער, וואָס האָט פון דער „לאָטהרינגען" אויפ'ן ברעג געפיהרט.

ער האָט נאָך א מאָל אלעמען די האנד געדריקט און די פאַמיליע איז אוועק.

— שנעל, שנעל אין קארעטע אריין! — האָט אויסגערופען ראָלאנד.

א קארעטע האָט אויף זיי געוואַרט, וועלכע האָט זיי געבראכט צו דעם פלאץ, וואו די „פערל" איז געשטאַנען גרייט מיט זיי אָבצוגעהן.

אין דער לופט איז געווען שטיל. קיין ווינטעלע האָט זיך ניט בעוועגט. עס איז געווען איינער פון יענע טרוקענע, רוהיגע יעסענדיגע טעג, ווען דער ים ליגט גלאט, קאַלט און הארט, ווי שטאָל.

זשאַן האָט גענומען א רודער, דער מאטראז פאפאגרים דעם צווייטען, און זיי האָבען גענומען רודערן. דער ברעג איז געווען פול, אן אונגעהויער גרויסע מאַסע מענשען האָט זיך דאָרט געשטופט און געשטויסען, ווארטענדיג צו זעהן, ווי די „לאָטהערינגען" וועט אָבגעהן.

די „פערל„ האָט זיך לייכט געטראָגען פארביי די שטראָמען מענשען און באלד איז זי געווען ווייט פון ברעג.

קאפיטאן בעזירע, וועלכער איז געווען צווישעןביידע פרויען און געפיהרט די שיפעל, האָט געזאָגט:

— איהר וועט זעהן, מיר וועלען אויסקומען פונקט נעבען איהר, גאַנץ נאָהענט פון דער גרויסער שיף.

און ביידע רודערער האָבען געארבייט מיט אלע זייערע קרעפטען כדי וואָס ווייטער צו קומען מיט זייער שיפעל. פלוצים האָט ראָלאנד אויסגערופען:

— אָט קומט זי! איך זעה די מאסטען און די ביידע קוימענס. זי געהט ארויס פון האפען!

— פאָרווערטס, קינדער! — האָט א געשריי געטהאָן בעזירע.

מאדאם ראָלאנד האָט ארויסגענומען איהר טאשענטיכעל און עס צוגעדריקט צו די אויגען.

ראַלאַנד איז אויפגעשטאַנען און, זיך האַלטענדיג אַן מאסט, האָט ער אָנגעזאָגט:

— איצט פאָהרט זי אריין אין פּאַרהאָפען... זי ריהרט זיך ניט מעהר... זי געהט ווידער פאָרווערטס... אָה, זי האָט איהר שלעפּער פאַראויסגעשפּאַנט... בראַוואָ! איצט איז זי צווישען די האפענס... הערט איהר, ווי דער עולם שרייט בראַוואָ?... דער נעפּטון שלעפּט זי. אָט איז זי, אָט איז זי! צום טייפעל, אַזאַ שיף! קוקט עס נור אָן!

מאדאם ראָזעמילי און בעזירע האָבען זיך אומגעדרעהט,ביידע מענער האָבען אויפגעהערט צו רודערען, נור מאדאם ראָלאַנד האָט זיך ניט גערירהט.

דער געוואַלדיג גרויסער דאמפּפער, געצויגען פון אַ שטאַרקען שלעפּער, וועלכער האָט אויסגעזעהען אנטקעגען איהם, ווי אַ פליעג אנטקעגען אַן עלעפאַנט, איז לאַנגזאַם, שטאָלץ און קעניגליך פון דעם האפען ארויס. און די בעפעלקערונג פון האַווער, וועלכע איז פול געווען אויף אַלע האפען-דאַממען, ביים ברעג און אין די פענסטער פון די ארומיגע הייזער, האָבען פּלוצים מיט אַ פּאַטריאָטישען שטאָלץ גענומען שרייען: בראַוואָ! הורא פאר די לאַטהרינגען!

אָבער אַזוי שנעל ווי זי איז ארויס פון דעם שמאָלען דורכפאָהר צווישען די ביידע שטיינערנע ווענט און זיך דערפיהלט פריי, האָט זי אָבגעשטויסען פון זיך דעם שלעפּער און איז אוועק אַליין, ווי אַ ריעזיגע חיה רעה איבער די טיעפע וואסערען.

— אָט איז זי! — אָט איז זי! — האָט ראָלאַנד געהאַלטען אין איין שרייען — זי קומט צו נאָהענט צו אונז.

און בעזירע האָט ווידערהאָלט אַ שטראַהלענדער:

— נו, הא? האָב איך אייך ניט געזאָגט? איך האָב געוואוסט, אז מיר וועלען זיין גאַנץ נאָהענט נעבען איהר.

זשאַן האָט שטיל געזאָגט צו דער מוטער:

— זעה נור, מאַמאַ, איצט קומט זי.

און מאדאם ראָלאַנד האָט אוועקגענומען פון איהרע פערהויינטע אויגען דאָס טיכעל, וואָס איז געווען פון טרערען אויסגעווייקט.

די „לאַטהרינגען" האָט זיך איצט געטראָגען איבער'ן שטילען ים מיט פולער קראַפט. בעזירע, וועלכער האָט געקוקט דורך אַ פער־גרעסערונגס-גלאָז, האָט אויסגערופען:

— גיט אכטונג! פיער שטעהט פון הינטען איינער אליין. מען קען איהם גאנץ גענוי זעהן. גיט אכטונג!

הויך, ווי א בארג, און שנעל, ווי אן אייזערנער צוג, איז די שיף איצט פערביינעלאפען פארביי דער „פערל“, אזוי נאהענט, אז זי האט זי כמעט אנגעריהרט.

און מאדאם ראלאנד האט פערצווייפעלט און טרויעריג אויסגעשטרעקט איהרע הענד צו איהר. זי האט דארט געזעהען איהר זוהן, איהר זוהן פיער אין זיין היטעל מיט די גאלדענע פאסען, ווי ער שטעהט אויף יענער שיף אוןווארפט צו איהר קושען מיט די הענד.

אבער ער איז אוועקגעפלויגען, איז פערשוואונדען און באלד איז ער געווארען, ווי א קליין פלעקעלע אויף דעם ריעזיגען שיף. זי האט אנגעשטרענגט איהרע אויגען, געזוכט איהם נאך א מאל צו זעהען. אבער מען האט איהם שוין מעהר ניט געקענט אונטערשיידען.

זשאן האט זי אנגענומען ביי דער האנד:

— האסט איהם געזעהן?

— יא, איך האב איהם געזעהן. ער איז אזוי גוט.

און זיי האבען זיך אומגעקעהרט צוריק אין שטאדט אריין.

— מיין גאט! ווי שנעל זי טראגט זיך דאס! — האט אויסגערופען ראלאנד בעגייסטערט.

און ווירקליך איז דער גרויסער דאמפפער מיט יעדען אויגענבליק קלענער און קלענער געווארען, עפעס אזוי ווי דער ים וואלט איהם אין זיך פערשלונגען. מאדאם ראלאנד האט זיך אומגעדרעהט און איהם נאכגעקוקט, ווי ער איז הינטער'ן האריזאנט פערשוואונדען, איילענדיג זיך אין אן אונבעקאנט לאנד אויף דער צווייטער זייט פונ'ם ערד־קוגעל. אויף דעם דאזיגען שיף, וועלכען קיינער האט ניט געקענט אבשטעלען, אויף דעם דאזיגען שיף, וואס זי האט שוין קוים, קוים געקענט זעהן, האט זיך געפונען איהר זוהן, איהר ארימער זוהן. און עס האט זיך איהר געדאכט, אז א העלפט פון איהר הארצען איז דארט מיט איהם אוועק; עס האט זיך איהר געדאכט, אז איהר לעבען איז געענדיגט און אז זי וועט איהר קינד שוין מעהר קיינמאל ניט זעהן.

— וואס וויינסטו אזוי? — האט געפרעגט איהר מאן — עס

וועט דאָך ניט נעהמען קיין פיער וואַכען און ער וועט ווידער זיין מיט אונז.

זי האָט געשטאַמעלט:

— איך ווייס ניט. איך וויין, ווייל ס'הארץ טהוט מיר וועה.

אזוי שנעל, ווי זיי זיינען געווען צוריק אויפ'ן לאַנד, האָט זיי בעזירע פערלאָזען ווייל ער האָט געוואָלט פריהשטיקען ביי א פריינד. און ווען זשאַן און פרוי ראָזעמילי זיינען איצט אוועק פאַראויס, האָט ראָלאַנד געזאָגט צו זיין פרוי:

— אונזער זשאַן איז זעהר שעהן אויסגעוואַקסען.

— יא — האָט געענטפערט די מוטער.

און אזוי ווי זי איז געווען זעהר פערטרויערט און זיך ניט גע־קענט אָבגעבען קיין רעכענונג וואָס זי טהוט, אָדער וואָס זי זאָגט, האָט זי צוגעלייגט:

—איך בין זעהר גליקליך, וואָס ער האָט חתונה מיט מאדאם ראזעמילי.

— וואָס? וואָס זאָגסטו? ער הייראַט מיט מאַדאם ראזעמילי?

— נו, יא. מיר האָבען דיר היינט געוואָלט פרעגען, וואָס דו דענקסט וועגען דעם.

— זעה נור זעה! איז דאָס שוין א לאַנג בעשלאָסענע זאַך?

— אָך, ניין, ערשט א פּאָר טעג. זשאַן האָט פריהער געוואָלט זיין זיכער, אז זי וועט איהם וועלען און ערשט דאַן רעדען מיט דיר.

ראָלאַנד האָט זיך גענומען רייבען די הענד.

—— דאָס איז א פיינער שידוך! גרויסאַרטיג! אויסגעצייי־כענט. איך בין גאַנץ איינפערשטאַנדען.

און ווען זיי האָבען דעם ברעג פערלאָזען און זיך פערנומען אין דעם בולוואר פראַנץ דער ערשטער, האָט זיך זיין פרוי נאָך א מאָל אומגעדרעהט, אום צו ווארפען א לעצטען בליק אויף די הויכע וואַ־סערען. אָבער דאָרט איז קיין זאַך ניט געווען צו זעהן, אויסער א קליינער, גרויער וואָלקען רויך, אזוי ווייט, אזוי לייכט, אז ער האָט אויסגעזעהען, ווי א נעבעל.

ע נ ד ע.

איוועסא

איוועטאַ.

1.

ארויסגעגאַנגען פון קאַפע ריש, האָט זשאַן דע־סער־וויני זיך אָנגערופען צו לעאָן סאַוואל:

— אויב דו ווילסט, וועלען מיר געהן צו פוס. אין אַזאַ שעהן וועטער איז אַ שאָד צו פאָהרען אין אַן עקיפּאַזש.

זיין פריינד האָט געענטפערט:

— מיט פערגעניגען.

זשאַן האָט ווייטער גערעדט:

— איצט איז ערשט עלף דער זייגער. מיר וועלען קומען אַ שטיק פאַר האַלבע נאַכט, דערפאַר לאָמיר געהן פּאַמעלאַך.

אויפ'ן בולוואַר האָט געראַוישט. אַן אונרוהיגע מענגע, ווי מען זעהט נור אין די זומער־נעכט, האָט געלאַכט און געפּלוידערט, געגעסען און געטרונקען און זיך געטראָגען ווי אַ שטראָם פון אַ גרויסען טייך, פול פרייד און לוסטיגקייט. דאָ און דאָרט האָבען געשטראַהלט די העלע פייערען פון די קאַפע־הייזער און בעלויכטען די רייהען געסט ארום די טישלאַך, וואָס זיינען געוועזען אויסגעשטעלט דערביי אויפ'ן טראָטואַר, און די פלעשער און די גלעזער, פון וועלכע די געסט האָבען געטרונקען. איבער'ן ברוק זיינען נאָכאַנאַנד דורכגעפלויגען די דראָזשקעס מיט זייערע רויטע, בלויע אָדער גרינע פייערלאַך, וועלכע האָבען אויף איין אויגענבליק בעלויכטען דעם מאָגערען סילועט פונ'ם פערד, דעם פּראָפיל פון דעם קוטשער און דעם דונקעלען עקיפּאַזש. די עקיפּאַזשען פון אורבען קאָמפּאַניע האָבען אונטער דעם שיין פון די פייערלאַך אויסגעזעהן שטאַרק געל און מיט אַ גלאַנץ.

די צוויי גוטע פריינד זיינען געגאנגען טריט ביי טריט און האבען געראויכערט סיגארען. זיי זיינען ביידע געווען געקליידט אין פראק, מיט בלומען אין דיא קנאפ־לעכער, זייערע אויבער־מאנטלען האבען זיי געהאלטען איבער'ן ארם און זייערע הוט האבען זיי געטראגען א ביסעלע אויף א זייט, אזוי ווי עס טרעפט א מאל מיט מענשען, נאכדעם ווי זיי האבען אפגעגעסען א גוטען מאהלצייט אין א שעהנעם, מילדען זומער־אבענד.

די יונגע לייט זיינען געווען בעפריינדעט שוין פון גאנץ לאנג, נאך פון די שול־יאהרען, און זיי האבען זיך איינער דעם אנדערען שטארק ליעב געהאט.

זשאן דע־סערוויני, קליין, שלאנק, א ביסעלע פליכעוואטע, א ביסעלע צו מאגער, נור זעהר עלעגאנט, מיט געקרויזטע וואנצעס, ליכטיגע, פרעהליכע אויגען און דינע ליפען, איז געווען פונקט ווי בעשאפען צום נאכט־לעבען פון דעם בולוואר. ער איז געווען געזונד, שטארק און ענערגיש, כאטש ער האט אויסגעזעהן בלייך און מיעד. ער איז געווען איינער פון יענע פאריזער לעבע־לייט, וואס שטארקען זייער געזונד און קראפט דורך שטענדיגע גימנאסטיק, פעכטען, הייסע וואנעס און קאלטע טושען. ער איז אומעטום בעקאנט געווען מיט זיינע הוליאנקעס און שארפזיניגקייט, איז געווען זעהר רייך און בעפריינדעט מיט א סך וויכטיגע פערזאנען. דערצו נאך האט ער אלעמען בעצויבערט מיט זיין העפליכקייט און זיינע אריסטאקראטישע מאנירען.

א טיפישער פאריזער, לייכטזיניג, סקעפטיש, אונבעשטענדיג, היציג, ענערגיש און אונענטשלאסען, פעהיג צו טהאן אלצדינג און גאר נישט. פרינציפיעל עגאאיסטיש. נור א מאל זעהר פרייגיביג, האט ער פערלעבט אויסגעצייכענט די איינקונפטען פון זיין פערמעגען, געלעבט, אמת, א גוטען טאג, אבער אין א מאס. א מאל ליידענשאפטליך, א מאל גלייכגילטיג, האט ער זיך צייטענווייז נעקאנט צוהיצען פאר א זאך ביז צום פערגעסען זיך זעלבסט און דערנאך זיך ווידער גלייך אפגעקיהלט. ער האט זיך שטענדיג אפגעגעבען צו די סאמע געגענגעזעצטע אינסטינקטען פון זיין וועזען און סוף כל סוף האט ער געפאלגט זיין אייגענעם פערשטאנד פון א לעבע־יונג, וואס האט שוין פיעל דורכגעמאכט און זיך אויסגעאר־

בייט א כלל אינ׳ם לעבען, צו ציהען נוצען פון אלע אומשטענדען, נור אליין העלפען שאפען די אומשטענדען — דאס גראד נים.

זיין פריינד, לעאן סאוואל, אויך זעהר רייך, איז געווען איינער פון יענע שעהנע ריעזען, אויף וועלכע פרויען פערקוקען זיך שטענדיג אין די גאסען. ער האט אויסגעזהן ווי א מאנומענט, פערוואנדעלט אין א לעבעדיגען מענשען, אדער ווי דער אויסגעוועהלטער טיפ פון א גאנצער ראסע, ווי איינע פון יענע סטאטוען, וואס ווערען געשיקט אויף די אויסשטעלונגען. ער איז געווען צו שעהן, צו הויך, צו דיק און צו שטארק און זיין איינציגער פעהלער איז געווען טאקע דאס, וואס ער האט געהאט צופיעל מעלות. אין זיין לעבען האט ער דורכגעמאכט זעהר פיעל ראמאנען.

ווען זיי זיינען צוגעגאנגען צום טהעאטער וואדעוויל, האט סאוואל געפרעגט:

— האסטו אנגעזאגט יענער דאמע, אז דו וועסט מיך היינט ברענגען צו פיהרען צו איהר?

סערוויני האט זיך צולאכט:

— אנזאגען דער מארקיזע אבבארדי! זאגסטו דען אן דעם קוטשער פון אמניבוס, אז ווילסט זיך דארט זעצען?

סאוואל, א ביסעלע פערוואונדערט, האט א פרעג געטהאן:

— און וואס איז זי א סארט מענש?

זיין פריינד האט געענטפערט:

— דאס איז אן אויפגעקומענע גביר׳טע. א טיפישע, בעצויבערענדע אוואנטוריסטין. ווי און פון וואנען זי קומט און ווי אזוי זי האט זיך א רעפּוטאציאן געמאכט, דאס ווייס איך נים, און, סתם, ווערמען געהט עס אן? איך ווייס נור, אז מען זאגט, דאס איהר נאמען, איהר מיידעלשער נאמען, איז אקטאוויע בארדען, נור זי רופט זיך אבבארדי, וואס בעשטעהט פון ערשטען בוכשטאב פון איהר נאמען און פון די ערשטע פיער בוכשטאבען פון איהר פאמיליען־נאמען.

איבריגענס איז זי א גאנץ ליעבע פרוי און דו וועסט געווים ביי איהר האבען ערפאלג. זיא האט ליעב אזעלכע ווי דו... מען קען זיך פאראויס פארשטעלען, וואס עס וועט געשעהן, ווען מען וועט בעקענען הערקולעס׳ען מיט מעסאלינע׳ן. פונדעסטוועגען מוז איך דיר זאגען, אז כאטש ווער עס וויל קען קומען אין יענע הויז, ווי אויף א יאריד, דאך צווינגט מען דארט קיינעם ניט צו קויפען אונבעדינגט

דאָס, וואָס איז דאָרט אויסגעשטעלט. אויסער אין ליעבע, שפּיעלט מען דאָרט אין קאָרטען אויך. ווען דו ווערסט וועלען, וועסטו אין קאָרטען אויך ניט שפּיעלען. דוא ווערסט זיך קענען אוועקגעהן. דער ארויסגאַנג איז דאָרט פּונקט אזוי פריי, וויא דער אריינגאַנג.

מיט דריי יאָהר צוריק האָט זי זיך בעזעצט אין שטאָדט־פּער־טעל עטאַלי — א גאַנץ פערדעכטיג אָרט — און דאָרט געעפענט איהר סאלאָן פאר פערשיעדענע אויסלענדישע אויסוואורפען, וואָס קומען צופאָהרען אהער, כדי צו ערשטוינען פּאריז מיט זייערע פער־שיעדענארטיגע טאַלאַנטען, ס׳רוב גאָר ניט קיין פיינע.

איך געדענק שוין ניט, ווי אזוי איך האָב אָנגעהויבען צו געהן אין איהר הויז. איך האב אנגעהויבען אהין צו געהן, וויא מיר אַלע געהען אין הייזער פון דעם סאָרט: ווייל מען שפּיעלט דאָרט אין קאָרטען, ווייל מען טרעפט דאָרט פרויען, צו וועלכע יעדער קען צו־געהן, ווייל מען בעגעגענט דאָרט מענער מיט א גאַנץ פערדעכטיגע רעפּוטאַציאָן. איך האָב זעהר ליעב די דאָזיגע אוואַנטוריסטען־וועלט, וואָס בעשטעהט ס׳רוב פון אויסלענדער מיט פערשיעדענע אָרדענס, אַלע כלומרשט׳דיגע מיוחסים מיט הויכע טיטלען, נור קיי־נער פון זיי איז ניט בעקאַנט דעם געזאַנדטען פון זיין לאַנד, אויסער זיינע לאַנדסלייט די שפּיאָנען. אָט די אַלע שעהנע הערען רעדען בסדר פון זייער עהרע, דערצעהלען וועגען זיך און זייערע עלטערן זאַכען נישט געשטויגען און נישט געפלויגען און זאָגען ליגען איז ביי זיי די נאַטירליכסטע זאַך. מען מוז זיך היטען פאַר זיי. אין קאָרטען טאָר מען מיט זיי ניט שפּיעלען. ביי זיי איז אַלצדינג רעכט צו טהאָן, כדי צו דערגרייכען זייער צוועק. ווען עס איז נויטיג, זיינען זיי זעהר דרייסט; זיי זיינען אזוי ווי יענע מערדער, וואָס קענען בעראַבעווען נור ־דאַן זייערע קרבנות, ווען זיי שטעלען אויף איין זייער אייגען לעבען אין קאָן. קורץ, מען קען זיי אָנרופען: די אַריסטאָקראַטיע פון די שווינדלער, פערברעכער און אוואַנטור־ריסטען.

איך האָב זיי באמת ליעב. עס איז אינטערעסאַנט זיי צו קענען. עס איז אינטערעסאַנט זיי צו הערען. אָפט זיינען זיי זעהר קלוגע און שטענדיג פּיעלזייטיגע, נאָר ניט ווי דער דורכשניטליכער פראַנ־צויז. דערצו נאָך האָבען זיי זעהר שעהנע פרויען, אויך מיט א פערדעכטיגער פערגאַנגענהייט, ס׳רוב פון וועלכע האָבען מסתמא

שוין געזעהן א פערבעסערונגס־אנשטאלט אויך. אַט די אלע פרויען איבערראַשען מיט זייערע וואונדער־שעהנע אויגען און ניט ווייניגער שעהנע האָר. זיי פערשיכור'ן אונז מיט זייער גראַציע, זייער אונגעוועהנליכער, שעדליכער שעהנקייט, און מיר קענען זיי ניט ביישטעהן. זיי בעהערשען אונז דורך פערשיעדענע טריקס און נוּ־צען אונז אויס, ווי זיי קענען נור. זיי האָב איך אויך זעהר ליעב.

די מארקיזע אַבבארדי איז אויך פון דעם סאָרט. זי איז נאָך זעהר שעהן, אפילו שוין ניט יונג. זיא בעצויבערט מיט איהר איינ־פאכקייט, פריינדליכקייט און חן, נור אין דער אייגענער צייט פיהלט מען, אַז זיא איז פערדארבען ביז'ן ביין. ביי איהר פערברענגט מען די צייט זעהר לוסטיג, מען שפיעלט אין קאַרטען, מען טאַנצט, מען ראַמאַנסירט מיט פרויען. קורץ, דו וועסט דאָרט געפינען אלע פערגעניגענס פון אונזער הויכער געזעלשאַפט.

לעאָן סאַוואַל האט איהם א פרעג געטאָהן:

— ווי האַלט עס מיט דיינע בעציהונגען צו איהר? שטעהסטו נאך איצט אויך אין גאהענטע בעציהונגען מיט איהר. אָדער דו ביזט שוין מעהר ניט פון איהרע הערצענס־געליעבטע?

סערוויני האט געענטפערט:

—איך בין איהר געליעבטער קיימאָל ניט געווען, בין ניט און וועל קיינמאָל ניט זיין. מיך אינטערעסירט אין דעם דאָזיגען הויז דאָס טעכטעריל און נור צוליעב איהר געה איך דאָס אהין.

— אַזוי? די מארקיזע האט א טאָכטער?

— א טאָכטער אַן אנטיקעל, מיין פריינד! עטוואָס אַזוינס, וואָס מען זעהט גאָר ניט! זי איז דאָס, וואָס ציהט איצט צו די מייסטע בעזוכער אין דאָס דאָזיגע הויז... אכטצעהן יאָהר איז זי אַלט. הויך, שלאַנק, וואונדערבאַר געבויט, גראַציעז, העל און ליכ־טיג. דערצו נאָך שטענדיג אין א גוטער לוינע, שטענדיג לוסטיג, לאַכט גאַנצענע טעג און האַט ליעב צו טאַנצען אָהן אָפּרוה, ביז דער קאָפּ פערדרעהט זיך. ווער איז דער גליקליכער, וואָס וועט זי בע־קומען, אָדער ווער האַט זי שוין בעקומען, דאָס ווייס קיינער ניט. צעהן אונזערע זוכען איהר ליעבע און מיר אלע האָפען און וואַרטען.

פאַר דער מארקיזע איז אַזא טאָכטער פּשוט אַן אוצר. און זיי שפּיעלען ביידע זעהר קונציג.... קיינער ווייס ניט, וואָס זיי האָבען

אין זינען. מעגליך, אז זיי ווארטען אויף א בעסערע מציאה ווי איך בין. איך אבער ווארט. זיא זאל מיר אריינפאלען אין דיא הענד...

איוועטא מאכט מיך פשוט דול און משוגע. א לעבעדיגע רעד־מעניש איז זי פאר מיר. אדער זי איז מורא'דיג ביטערע, פאלש און פערדארבען, אדער, פערקעהרט, נאאיוו און אונשולדיג, ווי א קינד. אויב אזוי, איז דאס דער מערקווירדיגסטער פענאמען פון אונשולד, וואס מען קען זיך נור פארשטעלען. זי פיהלט זיך דאך אזוי ווי א פיש אין וואסער אין דער דאזיגער סביבה, וואס איז פול מיט זינד און פערדארבענהייט.

איך ווייס ווירקליך ניט, וואס דאס איז פאר א וועזען און וואס קלעהרט זי. איך ווייס אפילו ניט, פון וואנען זי האט זיך גענו־מען. אפשר איז זי אויסגעוואקסען אויף דעם דאזיגען מיסט אזוי ווי א זעלטען־שעהנע בלום, און איהר גאנץ וועזען איז אנגעזאפט מיט דעם דאזיגען שמוץ. אפשר איז איהר פאטער אויך געווען אזא ווי איהר מוטער, און עס ליגט שוין אין אהר בלוט אט דער דאזינער גאנצער שמוץ. און אפשר איז זי א טאכטער פון עפעס אן אנשטענ־דיגען מענשען, פון א גרויסען ארטיסט, אדער פון עפעס א גרויסען הערר, א פריץ אדער גאר א קעניג, וואס האט צופעליג איינמאל אין איהר מוטער'ס ארעמס פערבלאנדזשעט... אבער דו וועסט זיא באלד אליין זעהן....

סאוואל האט זיך צולאכט און געזאגט:

— דו ביזט פערליעבט אין איהר.

— ניין, איך בין נור איינער פון די, וואס זוכען איהר ליעבע. דאס הייסט אבער ניט, אז איך בין אין איהר פערליעבט. איך וועל דיך בעקענען מיט מיינע הויפט־קאנקורענטען. מיר דאכט זיך אבער, אז איך האב מעהר שאנסען ווי אלע. צו מיר איז זי פריינדליכער, ווי צו די אנדערע. דאס קען מען בעמערקען.

סאוואל האט נאך א מאל געזאגט:

— דו ביזט פערליעבט אין איהר.

— ניין. זי צורודערט מיך נור. זי רעגט מיך אויף און בעצווי־בערט מיך. ציהט צו און שטויסט אפ. איך האב מורא פאר איהר. וויא פאר אן אויסגעשטעלטע נעץ. און דורשט נאך איהר מיט מיין גאנצען וועזען, ווי א דורשטיגער נאך א טרונק. מיר ווילט זיך נור זיין מיט איהר און אין דער אייגענער צייט האב איך נאך

אַלץ פאַר עפּעס מורא, ווייסטו, אַזוי ווי מען האָט מורא פאַר מענ־שען, וואָס מען זאָגט וועגען זיי, אַז זיי גנב'ענען זעהר קונציג. אַי עס ציהט מיך צו איהר אונשולד און רייניקייט. אַי עס דאַכט זיך מיר, אַז דאָס איז אַלץ פאַלש, אַז די אונשולד איהרע איז נור אַ מאַסקע און איך מוז זיך דערפאַר היטען פאַר איהר. קורץ, איך פיהל, אַז זי אַז איז אַ גאַנץ אונגעוועהנליך וועזען, אפשר אַ ריין און אונשולדיג, אפשר אַ פערדאָרבען וועזען, איך וויים דאָס ניט!

סאוואל האָט צום דריטען מאָל געזאָגט:

— איך זאָג דיר, דו ביזט פערליעבט אין איהר. דו רעדסט וועגען איהר מיט דער היץ פון אַ פּאָעט און מיט דער האַרציגקייט פון אַ טרובאַדור. אַנו, טהו נור גוט אַ קוק אין דיין האַרצען און זיי זיך מודה.

סערוויני איז עטליכע מינוט אָפּגעגאַנגען שווייגענדיג, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— אפשר ביזטו טאַקע גערעכט. יעדענפאַלס, אינטערעסירט זי מיך זעהר און זעהר. יאַ, מעגליך, אַז איך בין אין איהר פער־ליעבט. איך טראַכט צופיעל וועגען איהר. איך שלאָף איין מיט דעם געדאַנק וועגען איהר און וואַך אויף מיט דעם געדאַנק וועגען איהר... דאָס ווייזט דאָך עפּעס.... איהר בילד פערפאָלגט מיך אומע־טום. וואו איך געה און שטעה, טראָגט זיך עס פאַר מיינע אויגען. איך טראָג עס מיט זיך אומעטום. דו ווייסט, איך דאַרף נור די אויגען פאַרמאַכען, זעה איך זי שוין קלאָר, אַזוי האָט זי זיך איינגעשני־טען אין מיין מוח, און איך מוז זיך מודה זיין, אַז ווען איך זעה זי, קלאַפּט מיר שרעקליך דאָס האַרץ. בעוויזט עס דאָך, אַז איך ליעב זי טאַקע, נור איך ליעב זי עפּעס מאָדנע. איך בעגעהר זי מיט מיין גאַנצען וועזען, נור בשום אופן אין דער וועלט וואָלט איך ניט איינ־געשטימט מיט איהר חתונה צו האָבען. וואָרים איך וויים גאַנץ גוט, אַז דאָס וואָלט געווען די גרעסטע נאַרישקייט פון מיין זייט, פשוט אַ משוגעת. אויסער דעם האָב איך אַ ביסעל מורא פאַר איהר, וואַהרשיינליך האָט אַזוי מורא דער פויגעל, ווען איבער איהם שוועבט אַ שפּאַרבער.

און צו אַלע צרות בין איך נאָך אייפערזיכטיג צו איהר, אייפער־זיכטיג צו אַלצדינג, וואָס מיר איז בעקאַנט אין דעם דאָזיגען מערק־ווירדיגען, פאַר מיר אונפערשטענדליכען, האַרצען. איך פרעג זיך

שטענדיג: „וואס איז דאס, א בעצויבערענד נאאיוו מיידעל אדער א פשוטע שווינדלערין?“ א מאל רעדט זי אזעלכע זאכען, אז עס איז פשוט א מורא צו הערען, אבער פאפוגאיען רעדען דאך אויך נאך אלצדינג אין דער וועלט און פערשטעהען אליין נים וואס זיי רעדען. צייטענווייז איז זי אזוי אונפארזיכטיג און אונפער־שעהמט. דאס נים ווילענדיג הויב איך אן צו גלויבען אין איהר ריינ־הייט. און, פערקעהרט, א מאל איז זי אזוי אונגלויבליך נאאיוו, דאס נים ווילענדיג טהוט מען א טראכט, אז דאס איז נור אן אנשטעל און אז זי איז פערדארבען ביז'ן ביין. זי רעגט און פלאמט אויף מיין ליידענשאפט אזוי ווי אן ערפאהרענע קורטיזאנקע. נור אליין האלט זי זיך ווי אן אונשולדיג מיידעל. אזוי ליעבט זי מיך כלומר'שט, נור אין אמת'ען לאכט זי זיך אויס פון מיר. אין דער עפענטליכ־קייט האלט זי זיך מיט מיר פריי, אזו ווי מיר וואלטען געשטאנען אין נאהענטע בעציהונגען, און בלייבען מיר אליין אויג אויף אויג, האלט זי זיך מיט מיר אזוי ווי מיט א ברודער אדער א לאקעי.

מאנכעס מאל דאכט זיך מיר, אז זי האט אויך אזוי פיעל גע־ליעבטע, וויא איהר מוטער, די מארקיזע, און מאנכעס מאל בין איך במעט ווי זיכער, אז זי קען נאך נים דאס לעבען, דאס הייסט, זי וויים גאר נים, אבער מאקע גאר נים, דו פערשטעהסט.

אגב האט איוועטא ליעב צו לעזען ראמאנען. זי לעזט נאך איצט אויך פיעל. דערווייל, ביז איך וועל זיך דערווארטען אויף עפעס בעסערס, שטעל איך איהר צו ביכער. דערפאר רופט זיא מיך טאקע „ביבליאטעקאר“.

מען שיקט איהר אריין אין מיין נאמען פון דער נייער בוכ־האנדלונג אלע נייע ביכער, וואס ערשיינען אין פערלויף פון דער וואך, און, ווי מיר שיינט, לעזט זי זיי אלע אהן אויסנאהם.

איך שטעל זיך פאר וואס פאר א מישענינע עס ווערט ביי איהר אין קאפ! אזא מין לעזען האט, נאטירליך, געמוזט ווירקען אויפ'ן כאראקטער און אויף די מאנערען פון דער דאזיגער אריגינע־לער מיידעל. ווארים ווען א מיידעל קוקט אויפ'ן לעבען דורך פופ־צעהן טויזענד ראמאנען, איז נאטירליך זי זאל דאס לעבען זעהן גאנץ אנדערש, ווי עס איז אין דער ווירקליכקייט און אז איהר קאפ זאל זיין פול מיט די ווילדעסטע פאנטאזיען.

קורץ, איך ווארט אויף א געלעגענהייט און איך מוז זיך אויף

מודה זיין, אז קיינע האָט מיך נאָך אַזוי ניט צוגעצויגען, ווי די דאָ־זיגע איוועטא!

נור חתונה האָבען מיט איהר וועל איך ניט. אין דעם בין איך זיכער. איך וויל נור זיין איהר געליעבטער. האָט זי שוין געהאַט געליעבטע, וועט מיט מיר זיין איינער מעהר. האָט זי נאָך ניט געהאַט, וועל איך זיין דער ערשטער. איך וועל אריינגעהן דער ערשטער אין אמניבוס.

עס איז אַ גאַנץ פשוט'ע זאַך. איוועטאַ וועט קיינמאָל ניט חתונה האָבען. ווער וועט עס חתונה האָבען מיט אַ טאָכטער פון דער מארקיזע אבבארדי, ד. ה., מיט אַ טאָכטער פון אקטאוויע באַרדען? געוויס קיינער ניט און צוליעב טויזענד אורזאַכען.

וואו וועט זי אַ חתן געפינען? אין דער אריסטאָקראַטישער וועלט? זיכער ניט. וואָרים איהר מוטער'ס הויז קען מען דאָך אַנ־רופען פשוט אַן עפענטליכע הויז, וואו דאָס טעכטעריל ציהט צו אַלעמען, אַ דאַנק איהר שעהנקייט. ביי אַזעלכע אומשטענדען קען ניט אַ מיידעל חתונה האָבען.

וואָס דען, זי זאָל געפינען אַ חתן פון אַ בורזשוא, דאָס איז נאָך שווערער, נאָך אונמעגליכער. אויסער דעם, וועט די מאַרקיזע קיינמאָל ניט איינשטימען אויף אַזאַ שידוך. זיא וועט אויסגעבען איהר טאָכטער נור פאַר אַן אריסטאָקראַט און אַזאַ איינעם וועט זי קיינמאָל ניט געפינען צווישען די אמת'ע אריסטאָקראַטען.

צו טהאָן אַ שידוך מיט איינעם פון דעם פּראָסטען המון, ווע־גען דעם קען אודאי קיין רייד ניט זיין. הייסט עס, אַז זי האָט קיין אויסוועג ניט. דאָס דאָזיגע מיידעל געהערט ניט צו דער אריסטאָקראַטיע, ניט צו דער בורזשואזיע און ניט צו דער פּראָס־טער מאַסע, הייסט עס, אַז זי קען זיך ניט פעראייניגען מיט קיי־נעם פון דיא דאָזיגע שטאַנדען און מוז אויסבלייבען.

לויט איהר געבורט, איהר ערציהונג, דאָס געזעץ פון ירושה, איהרע מאַניערען און געוואוינהייטען, געהערט זי גיכער צו דער גע־זעלשאַפט פון דער גאָלדענער פּראָסטיטוציאָן.

דאָס איז פאַרפאַלען, דאָרט געהערט זי און נור דאָרט וועט זי געהערען, סיידען זי זאָל זיך אין אַ קלויסטער איינשליסען.... בע־טראַכט מען אָבער איהר געשמאַק און איהרע געוואוינהייטען, קען מען זיכער זאָגען, אַז אין קיין קלויסטער וועט זי קיינמאָל ניט

געהן, זי קען קיין אנדער פראפעסיאן ניט האבען אויסער ליעבע. פריהער אדער שפעטער וועט זי עס אליין פערשטעהן, און אפשר האט זי שוין דאס פערשטאנען. איהר שיקזאל וועט זי ניט אויס־מיידען. פון א יונג מיידעל וועט איוועטא פערוואנדעלט ווערען אין פשוט א מיידעל — און ווייטער גאר נישט. און איך וואלט זעהר געוואלט צוהעלפען אויסצופיהרען די דאזיגע פערוואנדלונג.

דערווייל מוז מען ווארטען. א סך בעלנים זיינען פאראן אזעל־כע ווי איך. עס איז דא דער פראנצויז דע־בעלווין, איינער א רוס, וואס רופט זיך פירסט קראוואלאוו, און איינער אן איטאליענער קא־יואליער, וואלרעאלי. די דאזיגע העררען האבען אלע ארויסגע־שטעלט זייער קאנדידאטור אויף איהר און ארבייטען אויף אלע כלים, זי צו קריגען. אויסער דעם דרעהען זיך ארום איוועטא'ן א מענגע אנדערע, קאנדידאטען פון קלענערער בעדייטונג.

דיא מארקיזע גיט אכטונג אויף אלעמען. נור מיר ווייזט זיך אויס, אז זי האלט מיך אין זינען. דער צושטאנד פון די אנדערע קאנדידאטען איז איהר ניט נענוג בעקאנט. און אז איך בין רייך, וויים זי.

אזא געזעלשאפט ווערט ערגעץ ניט טרעפען, ווי מען זעהט אין איהר הויז. עס קומען אבער אהין אויך אנשטענדיגע מענשען, ווי איך און דו. די פרויען דארט זיינען אלע אוואנטוריסטינס פון דעם בעסערען סארט. וואו זי האט זיי אלעמען געפאקט, וויים איך נים. דאס איז גאר א בעזונדערע וועלט, וואס שטעהט גאנץ אפגע־זונדערט פון אלעם און אלעם. דערצו נאך איז דער מארקיזע איינ־געפאלען א געניאלער פלאן אויסצוקלייבען דאמען גראד אזעלכע, וואס האבען קינדער, איבערהויפט טעכטער. און דערפאר קענען זיך געפינען אזוינע נאראנים, וואס וועלען מיינען, אז זיי געפינען זיך אין א געזעלשאפט פון עהרליכע און אנשטענדיגע פרויען.

די צוויי פריינד זיינען צוגעקומען ביז צו די עליסעער פעלדער. א לייכט ווינטעל האט קוים־קוים בעוועגט דיא בלעטער פון דיא בוי־מער. צייטענווייז האט עס א הויך געטהאן אויפ'ן פנים, ווי א צארטער פאך פון א גרויסען פעכער, וואס הענגט ערגעץ הויך אין דער לופטען. אונטער די בוימער האבען ארומגעוואנדערט דונקעלע שאטענס פון די שפאצירענדע. די, וועלכע זיינען אויף די בענק גע־זעסען, האבען אויסגעזעהען ווי דונקעלע פלעקען. אללע האבען גע־

רעדט שטילערהייט, אזוי ווי זיי וואָלטען זיך איינער דעם אנדערען ־ערצעהלט עפּעס וויכטיגע אָדער מיאוס'ע סודות.

סערוויני האָט ווידער אָנגעהויבען נאָך א קליינער פּויזע:

— דוא קענסט זיך גאר ניט פאָרשטעלען, וואָס פאַר א קאָלעק־ציאָן פון פאַלשע טיטלען דו וועסט הערען אין דעם דאָזיגען הויז. יא, אגב מוז איך דיר זאָגען, אז איך וועל דיך פאָרשטעלען אונטער דעם נאָמען גראף סאוואל. סאוואל אליין דארפסטו ניט הייסען, ווייל דאן וואָלט מען אויף דיר קרום געקוקט.

— נו, דאָס ניט! — האָט לעאָן אויסגעשריען — איך וויל ניט, אז אימיצער זאָל מיינען, אז איך בין אזוי נאריש, דאָס איך גיב זיך א טיטעל. אויף וועלכען איך האב קיין רעכט ניט. און אפילו אויף איין אבענד וויל איך עס ניט. און אפילו צווישען אזוינע מענשען... ניין, רייד גאר ניט וועגען דעם!

סערוויני האָט זיך צולאכט:

— עה, ווי נאריש דו ביזט! איך בין דארט בעקאַנט אונטער'ן נאָמען הערצאָג דע־סערוויני. ווער האָט דאָס מיר דעם דאָזיגען טי־טעל געגעבען, ווייס איך נאָך ניט ביז צו היינטיגען טאָג. יעדענ־פאַלס, בין איך שוין אזוי פערבליבען הערצאָג דע־סערוויני און עס ארט מיך ניט א האָר. אָהן א טיטעל, קען זיין, וואָלט מען זיך צו מיר פערהאַלטען מיט פעראכטונג.

נור סאוואל איז געבליבען ביי זיינס און ניט געוואָלט הערען זיין פריינד'ס טענות.

— דו ביזט אזוי אויך פון א פאַרנעהמער פאַמיליע, דו ביזט אַן אמת'ער אריסטאָקראַט און דערפאַר מעגסטו זיך רופען הערצאָג — האָט ער געזאָגט — איך אָבער וויל מיין שטאַנד ניט בייטען און זועל זיין דער איינציגער פּשוט'ער בשר ודם אין דער מארקיזע'ס סאַלאָן. אזוי בלייבט עס, מעג עס זיין ערגער אָדער בעססער פאַר מיר. דערמיט מאַך איך אויך אַן אונטערשיעד צווישען מיר און צוויי־שען די אַנדערע אין יענעם הויז און אפשר וועט גראד דאָס מיר געבען בעזונדערע פּריווילעגיעס.

נור סערוויני האָט איהם אונטערבראָכען:

— ניין, ניין, איך פערזיכער דיך, אז דאָס איז אונמעגליך, איינפאַך אונמעגליך. דו פערשטעהסט? דו וועסט דארט האָבען א פּנים פון גאָר נישט, דו וועסט שפּיעלען די ראָלע פון א שמאַטע־

קלײבער אין א געזעלשאפט פון פרינצען; שפאר זיך ניט אײן און פערלאז זיך אויף מיר; איך וועל דיך פארשטעלען אלעם דעם וויצע־קעניג פון אבער־מיסיסיפי... גלויב מיר, אז קײנער וועט זיך ניט יואונדערען דארויף. ווארים, ווען מען ווערט קראנק אויף גרויס־קײט ,ווײס מען שוין קײן גרענעץ ניט.

— נײן, איך בעט דיך נאך א מאל, לאז מיך אזוי ווי איך בין.

— ווי דו ווילסט. דעם אמת געזאגט, איז פון מײן זײט א גרויסע נארישקײט, וואס איך רײד דיך אזוי לאנג אײן. מען וועט דיך סײ ווי סײ בעקרוינען מיט א טיטעל אין דעם מארקיזע'ס סאלאן. קײן פשוט'ער בשר ודם וועסטו דארט לאנג ניט פערבלײבען. מען וועט דיר שוין צוטשעפען עפעס א טיטעל, אזוי ווי אין מאנכע מא־גאזינען טשעפעט מען צו יעדער דאמע א קלײנעם פײלכען־בוקעט.

זײ האבען זיך פערקירעוועט אויף רעכטס אין דער גאס בערי און זײנען ארויף אויפ'ן ערשטען שטאק פון א פראכטפולען הויז, וואס איז געבויט געווען לויט דעם נײעסטען סטיל. אויף די טרעפ זײנען געשטאנען לאקײען אין פרעק און זײדענע זאקען. די צווײ גוטע פרײנד האבען זײ אפגעגעבען די מאנטלען און שטעקענס. אויף זײ האט א הויך געטהאן א ריח פון הײסער באל־לופט, א שארפער ריח פון בלומען, פארפיומען און פרויען. עס האט זיך געהערט א זשומען פון שטימען, און עס האט זיך געפיהלט, אז אלע צימערען זײנען פול אנגעפאקט מיט מענשען.

צו סאוואל'ן איז צוגעגאנגען א הויכער שווײצער, צי א לאקײ, צי גאר א מין צערעמאניען־מײסטער, מיט לאנגע גרויע באקענ־בארדען און מיט א פײערליכער, שטאלצער מינע, האט זיך קורץ און מיט גדלות פערנײגט און געפרעגט:

— וויא בעפעהלט איהר צו מעלדען וועגען אײך?

סערוויני האט זיך ארײנגעמישט און געענטפערט פאר זײן פרײנד:

— הערר סאוואל.

דאן האט דער דאזיגער צערעמאניען־מײסטער ברײט אויפגע־עפענט דיר בײדע האלבע טירען פון סאלאן און ארײנגעשריען מיט א שטארק הילכענדיגער שטימע אין די מאסע ארײן:

—דער הערצאג דע־סערוויני! דער באראן סאוואל!

דער ערשטער זאל איז געווען פול מיט פרויען אין באל־טו־

אלעטען. פאר די אויגען האבען נור געשימערט נאקעטע אקסלען און בריסט, און העלע זיידענע קליידער.

די באלעבאסטע איז געשטאנען אין מיטען צימער און האט גע־רעדט מיט איהרע דריי פריינדינען. ווען זי האט דערהערט די נע־מען פון די נור־וואס אנגעקומענע, האט זי זיך אומגעדרעהט צום טיר און איז זיי אנטקעגען געגאנגען מיט מאיעסטעטישע טריט, מיט א גראציעזער מינע און א שמייכעל אויף דיא ליפען. איהר קליינער שטערען איז בעדעקט געווען מיט געדיכט־גלאנציגע, שווארצע האר, וואס האבען איהר א ביסעל געדריקט אויף די שלייפען.

זי איז געווען הויך, אפשר א ביסעלע צו מאסיוו, צו דיק, נור נאך זעהר שעהן, מיט א מעכטיגער, פראכטפולער, ליידענשאפטלי־כער שעהנקייט. פון אונטער דער שווערער, שווארצער מאסע פון איהרע געדיכטע און וועלענארטיגע האר האבען געטאנצט א פאר גרויסע שווארצע אויגען. וואונדער אויגען. איהרע אויגען און איה־רע האר האבען צוגעצויגען צו זיך די אויפמערקזאמקייט פון אלע־מען און האבען אין יערען געוועקט דעם חשק צו וועלען און פערלאנ־גען די דאזיגע פרוי. איהר נאז איז געווען א ביסעלע צו דין; דאס מויל איז אפילו געווען גרויס, נור צוויבערהאפט, ווי בעשאפען צו בעצויבערען מיט זיין רעדען און אונטערטהעניג מאכען הערצער.

נור דער גרעסטער צויבער פון דער מארקיזע איז געלעגען אין איהר שטימע. די קלאנגען זיינען ארויסגעקומען פון איהר מויל, ווי דאס וואסער פון א קוואל, אזוי לייכט, אזוי איינפאך, אזוי נא־טירליך, דאס עס איז געווען אן אמת פיזיש פערגעניגען זי צו הע־רען. עס איז געווען אן אמת'ע פרייד פאר דאס אויער צו הערען די דאזיגע לאסטענדיגע ווערטער, וואס האבען געקלונגען ווי דאס מורמלען פון א טייכעל, און עס איז געווען א פרייד פאר דאס אויג צו קוקען, ווי איהרע שעהנע, שוין עטוואס צו שעהנע ליפען עפענען זיך דערביי.

זי האט דערלאנגט סערוויני'ן די האנד, וועלכע ער האט א קיש געטהאן. דערנאך האט זי ארויסגעלאזט פון דער צווייטער האנד דעם פעכער, וואס איז געהאנגען אויף א דינע גאלדענע קיי־טעל, אויסגעשטרעקט זי צו סאוואל'ן און געזאגט:

— מיר איז זעהר אנגענעהם אייך צו זעהן אין מיין הויז, בא־

ראָן. די פריינד פון דעם ליעבען הערצאָג קענען זיך דאָ פיהלען ווי ביי זיך אין דער היים.

און זי האָט א בליץ געטהאָן מיט איהרע ברענענדיגע אויגען אויף סאוואל׳ס העלדישע פיגור. אויף דער מארקיזע׳ס אויבערש־טער ליפּ זיינען געוואקסען איינינע פיצינקע דונקעלע הערלאך, וואָס האָבן אויסגעזעהן ווי א דונקעלער פלעק. און ווען זי האָט גערעדט, איז דער פלעק נאָך דונקעלער געוואָרען. פון איהר האָט געשמעקט זעהר אנגענעהמע, שטארקע, פער׳שיכור׳ענדע פּערפיומעז עפּעס פון אמעריקאנישע אָדער אינדישע בלומען. אין זאל זיינען כסדר אָנגעקומען נייע און נייע געסט — מארקיזען, גראפען אָדער פּרינצען.

זי האָט זיך געווענדעט צו סערוויני מיט דער גראציעזער ליעב־ליכקייט פון א מוטער:

— מיין טאָכטער וועט איהר געפינען דאָ אין דעם צווייטען זאל. מיינע העררען, אמוזירט זיך, פיהלט זיך ווי ביי זיך אין דער־היים.

זי האָט צו זיי פריינדליך א נויג געטהאָן דעם קאָפּ און איז אוועקגעגאַנגען אויפנעהמען די אַנדערע געסט, נור ביים אוועקגעהן האָט זי א בריה געטהאָן סאוואל׳ן מיט איהר פייערדיגען בליק אָט אזוי, ווי דאָס טהוען פרויען, ווען זיי ווילען אימיצען ארוסווייזען, אז ער געפעלט זיי.

סערוויני האָט א כאַפּ געטהאָן זיין פריינד אונטער׳ן אָרעם און געזאָגט:

— איצט וועל איך דיר ערקלערען, וואָס דאָ קומט פאָר. דו זעהסט, אָט אין דעם זאל האָסטו נור פרויען. דאָ איז דאָס קעניג־רייך פון קערפּער, פון פרישען און פון א ביסעל צוגעלעגענעם.... דאָ קען מען ביי א געלעגענהייט קויפען עפּעס גאר אַן אנטיקעל פאר גאנץ ביליג, קויפען אָדער זאָגאר דינגען אויף א געוויסע צייט.... אויף רעכטס שפּיעלט מען. דאָרט איז דאָס קעניגרייך פון געלד. דוא ווייסט, וואָס דאָס איז אזוינס. דאָרט, אויף יענעם עק, טאַנצט מען. דאָרט איז דאָס קעניגרייך פון אונשולד, דער קדשי קדשים, דער מארק פון יונגע מיידלאך. דאָרט שטעלען ארויס דיא דאזיגע דאמען זייער טהייערסטע סחורה, ווייזען זי פון אלע זייטען און זיי־נען מרוצה אויף יעדען מסחר, אפילו אויף א געזעצליכע הייראטה

אויף. יאַ, דאָרט איז די גאַנצע צוקונפט און אַלע האָפנונגען פון — אונזערע נעכט! און דו ווייסט, דאָס אינטערעסאַנטסטע איז'ם דאָ־זיגען מוזעאום פון מאָראַלישע קראַנקהייטען זיינגען די דאָזיגע יונגע מיידלאַך, וואָס זיינען לכתחילה געבאָרען געוואָרען מיט פערדאָר־בענע נשמות. קום, דו וועסט זיי אָנקוקען.

סערוויני האָט זיך כסדר פערנייגט אויף רעכטס און לינקס, אַלעמען געזאָגט קאָמפּלימענטען, צו אַלעמען געשמייכעלט און ארומ־גענומען מיט אַ בליק פון אַ קענער. אַן עקספּערט, יעדע דעקאָלטירטע פרוי, וואָס איז פערביי־געגאַנגען.

אין דעם צווייטען זאַל האָט אַן אָרקעסטער געשפּיעלט אַ וואַלץ. די צוויי גוטע פריינד זיינען שטעהן געבליבען אין דער טיר. פּאָרלעך האָבען זיך געדרעהט, די קאַוואַליערען מיט זעהר ערנסטע מינעס, און דיא דאַמען מיט אַ שמייכעל. זיי האָבען אויך אַרויסגעוויזען זייערע קערפּערס, נור וועניגער ווי זייערע מוטערס. ביי אַ סך האָט זיך דער שניט געהאַלטען נור אויף זעהר שמאָלע בענדלעך און פון אונטער די אָרעמס האָט זיך צייטענווייז געזעהן עפּעס דונקעלעס.

פּלוצים האָט זיך פון'ם צווייטען עק זאַל צו דיא צוויי פריינד אַ לאָז געטאָהן אַ הויך, שלאַנק מיידעל. זי איז געלאָפען צווישען די אַנדערע מיט קליינע טריט, אַזוי ווי עס לויפען פרויען אין אַ מאַסע, וואו עס איז אַ געדרענג. אין דער לינקער האַנד האָט זי געהאַלטען די לאַנגע שלעפּע פון איהר קלייד און נאָך פון וויימען האָט זי גע־שריען:

— אַה, מוסקאַד! וואָס מאַכט איהר, מוסקאַד!

זי האָט אין גאַנצען ממש געאָטהעמט מיט לעבענס־פרייד און גליק און פון איהר ווייסען קערפּער האָבען זיך אַזוי ווי שטראַהלען געצויגען. די פייערדיג־גאָלדענע האָר האָבען אַזוי ווי אַ שווערע משא געדריקט אויף דעם קאָפּ און אויף דאָס צאַרטע, נאַך צו דינע האַלז פון דער מיידעל.

זיא איז געווען בעשאַפען צו בעוועגען זיך. ווי איהר מוטער איז בעשאַפען געווען צו ריידען, אַזוי נאַטירליך, איינפאַך און עדעל איז געווען יעדער ריהר איהרער, יעדער זשעסט, יעדע פּאָזע. עס איז געווען אַ פרייד צו קוקען, ווי זי געהט, בעוועגט זיך, בויגט איין דעם קאָפּ און הויבט אויף דעם אָרעם.

— אה, מוסקאד, וואס מאכט איהר, מוסקאד? — האט זי ווידערהאלט.

סערוויני האט שטארק א דריק געטהאן איהר האנד, ווי ער וואלט עס געטהאן זיינעם א חבר א מאן, און דערנאך זי פארגע־שטעלט לעאן'ען:

— מאמזעל איוועטא. מיין פריינד באראן סאוואל.

דאס יונגע מיידעל האט זיך פערנייגט און געזאגט:

— גוטען אבענד, ליעבער הערר. זייט איהר אלע מאל אזא גרויסער?

סערוויני האט געענטפערט מיט יענעם בעזונדערען טאן, מיט וועלכען ער האט שטענדיג גערעדט צו איהר, כדי צו בעהאלטען פון איהר זיין אונזיכערקייט און זיין מיסטרויען:

— ניין, מאמזעל, סאוואל האט זיך היינט אומיסטנע בעמיהט אויסצוקוקען ווי ווייט מעגליך גרעסער, כדי צו געפעלען ווערען אייער מוטער, וועלכע האט אזוי ליעב גרויסע, העלדישע מענער.

אויף דערויף האט דאס יונגע מיידעל בעמערקט מיט קאמישען ערנסט:

— א, שעהן! אבער ווען איהר וועט קומען צו מיר וועל איך אייך בעטען, איהר זאלט ווערען א ביסעל קלענער. איך האב בע־סער ליעב מענשען פון מיטעלען וואוקס. אט מוסקאד איז פונקט נאך מיין געשמאק.

און זי האט פריינדליך אויסגעשטרעקט סאוואל'ן איהר קליין, ברייט געעפענטע הענטעלע. דערנאך האט זי א פרעג געטהאן:

— איהר טאנצט היינט, מוסקאד? קומט, מיר וועלען טאנצען א וואלץ.

אנשטאט איהר צו ענטפערען, האט סערוויני זיא שנעל און לייי־דענשאפטליך א כאפ געטאהן ביי דער טאליע און זיך אוועקגעטראַ־גען מיט איהר ווי א שטורם־ווינט.

זיי האבען געטאנצט שנעלער ווי די איבעריגע, זיך געדרעהט און געדרעהט משוגענערוויז, ביידע צונויפגעגאסען וויא איין פיגור. זייערע פיס האבען זיך אזוי ווי גאר ניט בעוועגט און זיי האבען זיך געדרעהט, אזוי ווי א פערבארגענע מאשין אונטער זייערע פיס וואלט זיי געטראגען. זיי זיינען גאר ניט מיעד געווארען. די אנ־דערע פארלאר האבען אויפגעהערט צו טאנצען און באלד האט אין'ם

זאל מעהר קיינער ניט געטאנצט, אויסער איוועטא׳ן און סערוויני. זיי האבען אזוי ווי פערגעסען וואס ארום זיי טהוט זיך, פערגעסען, וואו זיי זיינען, וואס זיי טהוען און בעגייסטערטע זיך געטראגען העט ווייט פון דעם דאזיגען זאל. די מוזיקאנטען האבען געשפיעלט און קיין אויג ניט ארונטערגענומען פון דעם צוהיצטען פארעל און די אלע איבעריגע אינ׳ם זאל האבען די אויגען ניט געקענט אפרייסען פון זיי און צולעצט, ווען זיי זיינען געבליבען שטעהן, האט יעדער זיי אפלאדירט.

איוועטא איז איצט א ביסעלע פערדרויטעלט געווען און איהרע אויגען האבען געלויכטען עפעס אזוי מאדנע, זיי זיינען אזוי ווי דונקעלער געווארען. האבען געקוקט ניט אזוי ארויספאדערענדיג און דרייסט וויא פריהער. אונרוהיגע, בלויע אויגען האבען זייערע שווארצאפלען אויסגעקוקט אזוי דונקעל, דאס זיי האבען אויסגעזעהן כמעט אונגאטירליך.

סערוויני איז ווי פער׳שיכור׳ט געווען. ער האט זיך אנגעשפארט אן דער טיר און געזוכט זיך צו בעהערשען.

— עה, ארימער מוסקאד, איהר האט גאר ניט קיין קאפ — האט איוועטא אויסגעשריען — איך בין שטארקער פון אייך!

ער האט נערוועז געשמייכעלט און זי געפרעסען מיט זיינע שמאכטענדיגע אויגען. אין זיין בליק און אין דעם אויסדרוק פון זיין מויל איז אין דער דאזיגער מינוט געווען עפעס אזוינס, וואס האט שטארק דערמאנט א חיה.

זיא איז געשטאנען פאר איהם און איהר אויפגעדעקטע ברוסט האט זיך הייס געהויבען ארויף און אראפ.

דערנאך האט זי זיך אנגערופען מיט א ווייך קול:

— איהר ווייסט, מאנכעס מאל זיינט איהר עהנליך צו א טיגער, בשעת ער וויל זיך א ווארף טהאן אויף זיין קרבן. קומט, גיט מיר אייער האנד און לאמיר געהן אויפזוכען אייער פריינד.

שטום האט ער איהר דערלאנגט זיין ארעם און זיי זיינען דורכגעגאנגען דעם זאל.

סאוואל איז געווען ניט אליין, צו איהם איז צוגעגאנגען די מארקיזע אבבארדי. זי האט געשמועסט מיט איהם וועגען די באנאלסטע זאכען און איהר שטימע האט איהם בעצויבערט. דערזעהן

סערוויני׳ן, איז דער אויסדרוק פון איהר פנים גלייך פערענדערט געוואָרען און זי האָט געזאָגט צו איהם מיט א שמייכעל:

— איהר ווייסט, מיין ליעבער הערצאָג, אז איך האָב געדונגען א ווילא אין בוזשיוואל און איך רעכען דאָרט צו פערברענגען א מאנאט צוויי. איך האָף, אז איהר וועט קומען אונז בעזוכען און איהר וועט אויך אייערע פריינד מיטברענגען. הערט נור: מאָנטאג ציהען מיר אריבער אהין. קומט מיט אייער פריינד שבת צו מיטאָג און איהר וועט פערברענגען ביי אונז ביז זונטאג ביי נאכט. געהט עס?

איוועטא, וועלכע האָט געשמייכעלט נאאיוו און לעבענס־לוסטיג, ווי שטענדיג, האָט זיך אריינגעמישט און געזאָגט:

— געווים וועט מוסקאד קומען צו פאָהרען צו אונז שבת אויף מיטאָג, דארפסט איהם שטארק ניט בעטען, וואָרים איך קלייב זיך מיט איהם אָפּצוטהאָן א סך נארישקייטען אין דארף.

סערוויני׳ן האָט זיך אויסגעוויזען, אז איהר שמייכעל און שטימע פערשפּרעכען איהם עפּעס, פערשפּרעכען איהם דאָס, וואָס ער האָט ביי איהר געזוכט.

דערנאָך האָט די מאַרקיזע אויפגעהויבען איהרע גרויסע שוואַרצע אויגען אויף סאוואל׳ן און איהם געפרעגט:

— באראָן, וועט איהר אויך קומען?

ער האָט זיך פערנייגט פאר איהר און שטיל געזאָגט:

— איך וועל דאָס האלטען פאר א בעזונדער גליק, מארקיזע.

דאן האָט איוועטא זיך שטילערהייט אָנגערופען צו סערוויני׳ן מיט אן אויפריכטיגער און אפשר געמאכטער נאאיוויטעט:

— מיר וועלען דאָרט די וועלט איבערקעהרען, מענשען וועלען דאן האבען וואָס צו ריידען און מיינע אונטערטהאנען פאר וואָס בייז צו זיין.

און זי האָט א וואונק געטהאָן אויף א קליינע גרופּע מענער וואָס האָבען פון וייטען געקוקט אויף איהר.

סערוויני האָט געענטפערט:

— איך בין בערייט צו טאָהן מיט אייך אזוי פיעל נארישקייטען, וויפיעל איהר וועט נור אליין וועלען, מאמזעל.

ער האָט זי קיינמאָל ניט אָנגערופען מאדמואזעל, נור אלע מאָל

פערקירצט און מיט פאמיליאריטעט פון א נאהענטען פריינד: מאמזעל.

סאוואל האט א פרעג געטהאן:

— פאר וואס רופט איהר מיין פריינד סערוויני „מוסקאד“?*)

— ווייל ער ווערט שטענדיג ווי פון אונטער די הענד פערשוואונדען — האט דאס יונגע מיידעל געענטפערט — אט האלט איך איהם, דאכט זיך, פעסט אין די הענד און מיט א מאל אוים, ניטא איהם, פערשוואונדען!

— די קינדער זיינען אזוי קאמיש — האט די מארקיזע ארוים־גערעדט. זי האט פון סאוואל'ן די אויגען ניט ארונטערגענומען און איז, קענטיג, געווען צופרידען.

איוועטא איז געווארען בייז און האט אויסגעשריען:

— איך בין גאר ניט קאמיש, איך זאג נור וואס איך מיין. מוסקאד געפעלט מיר און עס פערדריסט מיך. וואס ער ווערט שטענ־דיג פארפאלען!

סערוויני האט זיך פערנייגט און געזאגט:

— איך וועל איך שוין מעהר ניט פערלאזען אויף קיין איין מינוט, ניט בייטאג און ניט ביינאכט.

איוועטא האט מיט שרעק זיך א כאפ געטאהן צוריק.

— ניין, ניין, דאס וועט שוין זיין צופיעל—האט זיא אויסגע־שריען — בייטאג איז מיר זעהר אנגענעהם אייך צו זעהן, ביינאכט אבער... ניין, ביינאכט וואלט איהר מיר געווען אונאנגענעהם....

ער האט זי פרעך אנגעקוקט און געפרעגט:

— פאר וואס?

איוועטא איז ניט צומישט געווארען און האט רוהיג געענט־פערט:

— ווייל איך רעכען, אז נאקעטערהייט זייט איהר פיעל מיאוס'ער ווי ווען איהר זייט אנגעטהאן.

דיא מארקיזע האט זיך אריינגעמישט. נאך אלץ צופרידענ־העהייט:

*) א קונעל, וויא א נום דיא גרויס, מיט וועלכען פאקוסניקעס בענוצען זיך אין זייערע קונצען. — איבערז.

— מיין גאָט, וואָס פאַר אַ זאַכען זיי ריידען! מען קען נאָך מיינען, אַז זי רעדט פון ערפאַהרונג.

— איך מיין אויך אַזוי — האָט סערוויני שפּאָטיש בעמערקט.

איוועטא האָט שאַרף און שטרענג אַ קוק געטאָהן אויף איהם.

— איהר זייט שוין ווידער פרעך? — האָט זי געזאָגט מיט אַ טאָן פון אַ בעליידיגטער — די לעצטע צייט זייט איהר צו אָפט פרעך. איהר הערט?

און אָפּקעהרענדיג זיך פון איהם, האָט זי אַ רוף געטהאָן:

— וואַלרעאַלי, קומט אַקאָרשט אַהער, בעשיצט מיך, מען בעליידיגט מיך דאָ!

פון דער גרופּע הערדען איז אַרויסגעטראָטען אַ דונקעלער און מאָגערער הערר און לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו איהר.

— און ווער איז דאָס דער שולדיגער? — האָט ער געפרעגט מיט אַ געמאַכטען שמייכעל.

איוועטא האָט אַ מאַך געטהאָן מיט׳ן קאָפּ, אָנווייזענדיג אויף סערוויני׳ן:

— אָט איז ער! נור פונדעסטוועגען ליעב איך איהם מעהר ווי יעדען איינציגען פון אייך, ווייל ער איז ניט אַזוי לאַנגוויילִיג, ווי איהר!

דער קאַוואַלער וואַלרעאַלי האָט זיך פערנייגט.

— יעדער טהוט, וואָס ער קען — האָט ער געזאָגט — מיר האָבען אפשר ווייניגער מעלות, אָבער איבערגעבען זיינען מיר ניט ווייניגער ווי ער.

צו זיי איז צוגעקומען אַ הויכער, ברייטער מאַן מיט גרויע באַקענבאָרדען.

— מאַדמואַזעל איוועטע, איך בין דער איבערגעבענסטער שקלאַף אייערער — האָט ער געזאָגט.

— אַ. הערר דע־בעלווין — האָט זיא אויסגעשריען. און אומדרעהענדיג זיך צו סאַוואַל׳ען, האָט זי זיי פאָרגעשטעלט:

— דאָס איז מיין הויפּט־פערעהרער, גרויס, דיק, רייך און נאַריש. גראַד אַזוינע האָב איך טאַקע ליעב. ער זעהט אויס פּונקט ווי דער גרויסער פּויק.... אָבער זעה נור, איהר זייט דאָך נאָך העכער פון איהם! ווי־זשע זאָל איך אייך אַ נאָמען געבען? נו, גוט, איך

וועל אייך רופען ראַדאַס דער זוהן, ווייל דער בעריהמטער ריעז איז דאָך אודאי געוועזן אייער פּאַטער. אָבער אייך וועט דאָך געווים אנגענעהם זיין צו שמועסען מיט בעלווין׳ען אָט אזוי, איבער די קעפּ פון אונז אַלעמען. גוט. איך וועל אייך ניט שטערען. אויף וויע־דער־זעהן!

און זי איז צוגעלאָפען צום אָרקעסטער, בעטען די מוזיקאנטען, זיי זאָלען שפּיעלען א קאדריל.

די מארקיזע האָט זיך אָפּגערופען צו סערוויני׳ן מיט א ווייך קול, כדי עפּעס צו זאָגען:

— שטענדיג רייצט איהר זי. איהר פערדארבט איהר דעם כאראקטער און איהר פיהרט זי איבער. מען מוז פאָרזיכטיג ער־ציהען די מיידלעך.

— ווי — האָט ער זיך אנגערופען — איז איהר ערציהונג נאָך ניט פערענדיגט?

זיא האָט זיך געמאכט, אז זיא פערשטעהט כלומר׳שט ניט, וואָס ער מיינט און ניט אויפגעהערט צו שמייכלען צו איהם. דערנאָך האָט זי פּלוצים בעמערקט א הויכען הערר, אין גאַנצען בעהאַנגען מיט אָרדענס, און איז שנעל צוגעגאַנגען צו איהם.

— אָה, פירסט, וואָס פאַר א גאַסט! ווי מיך פרעהט עס!

סערוויני האָט סאוואַל׳ן אונטער דער האַנד גענומען און איהם אָפּגעפיהרט אָן א זייט:

— דאָס איז מיין סאַמע ערנסטער קאָנקורענט, פירסט קראַ־וואלאָוו. וואָס זאָגסטו עפּעס, זי איז שעהן, האַ?

— פאַר מיר זיינען זיי ביידע שעהן — האָט סאוואל געענט־פערט — איך וואָלט זיך פאַלשטענדיג בענוגענט מיט דער מוטער.

סערוויני האָט זיך צולאַכט.

— מיין ליעבער, זי וועט זיך פון דיר אויך ניט אָפּזאָגען.

די טענצער האָבען זיך אויסגעשטעלט צום קאדריל אין צוויי רייהען און זיי יעדע ווייל געשטויסען.

— אפשר זאָלען מיר געהן א קוק טהאָן אויף די שפּיעלער?

— האָט סערוויני פאָרגעשלאָגען.

און זיי זיינען אריין אין זאַל, וואו מען האָט אין קאָרטען גע־שפּיעלט.

ארום יעדען טיש איז געשטאַנען א גרופּע מענשען און האָט

צוגעקוקט. אלע האבן זעהר װעניג גערעדט. פון צײט צו צײט האט זיך געלאזט הערען דער מעטאלענער קלונג פון גאלד, װאס מען האט געװארפען אויפ'ן טיש, אזוי װי דאס געלד װאלט אויך ארײנגעשטעלט זײן װארט אין דעם אלגעמײנעם געמורמעל פון די מענשליכע שטימען.

אלע שפּילער זײנען געװען בעפּוצט מיט די פערשיעדענארטיגסטע ארדענס און פערשיעדענארטיגסטע בענדער און אלע האבען זיך געהאלטען גלײך ערנסט, נור געזיכטער האבען זײ געהאט אנדערע, פערשיעדענע, און פון דעם פאסאן פון זײערע בערד בעזונדערס האט מען געקאנט דערקענען. װער צו װעלכער נאציאן געהערט.

דא זײנען געװען אמעריקאנער מיט האלב קײלעכדיג אונטערגעשארענע בערד, װאס האבען געהאט דעם פאסאן פון פאדקאװעס, און שטאלצע ענגלענדער מיט א פוכיגען פעכער פון האר אויף דער ברוסט, און שפאניער מיט פנים'ער, װאס זײנען ביז די סאמע אויגען געװען בעװאקסען מיט געדיכטע שװארצע האר. און איטאליענער מיט זעהר לאנגע װאנסעס נאך דעם מוסטער פון זײער קעניג עמאנועל. און עסטרײכער מיט באקענבארדען און געגאלטע מארדעס, א רוסישער גענעראל מיט װאנסעס, װאס זײנען פערדרעהט געװען אזוי װי צװײ פערשארפטע פיקעס, און א פראנצױז מיט א פאר עלעגאנטע װאנסעלאך, דיא ארבײט פון א קינסטלער א בארבער. קורץ, דא איז געװען אן אויסשטעלונג פון פערשיעדענע מוסטערס פון פריזירערשער קונסט פון אלע לענדער אין דער װעלט.

— דו װעסט שפּילען? — האט סערװיני געפרעגט.

— נײן. און דו?

— ניט הײנט. אפשר זאלען מיר געהן אהײם? מיר װעלען בעסער קומען אהער אנאנדערש מאל, װען עס װעט זײן װעניגער עולם, הײנט װעלען מיר דא גאר נישט מאכען.

— פון מײנטװעגען. קום!

און זײ זײנען ארוים דורך א טיר מיט פארטיערען.

װען זײ זײנען שוין געװען אויף דער גאס, האט סערװיני א פרעג געטהאן:

— נו, װאס פאר אן אײנדרוק?

— זעהר אינטערעסאנט דאַ צו פערברענגען, נור מיך פערזענ־ליך אינטערעסירען מעהר די פרויען, ווי די מענער.

— נו, געוויס! — עפּעס שעהנערעס, ווי די דאָזיגע פרויען איז זיך שווער פאָרצושטעלען. עס שמעקט פון זיי ליעבע, אזוי ווי פון א פריזירער שמעקט פערפיום. ניט אמת? נור אין אזוינע היי־זער איז ווערטה צו געהן. און ווי זיי קענען דאָס זייער געשעפט, וואָס פאר א קינסטלערינס זיי זיינען! דו האָסט שוין א מאָל גע־פּרובט עסען פיינע געבעקס אין אַ שעהנער קאָנדיטעריי? אויפן קוק זעהען זיי אויס זעהר געשמאַק, נור אין אמת'ען טויגען זיי אויפ'ן פייער. דאָס אייגענע איז מיט דער ליעבע פון אן אריסטאָקראטי־שער פרוי. זיא דערמאָנט שטענדיג אָן דיא דאָזיגע געפעלשטע נאַ־שערייען אין אַ שעהנער קאָנדיטעריי. אַבער דיא ליעבע פון אַ מאָר־קיזע אבבאַרדי און איהרער גלייכען, דאָס, זעהסטו, איז ווירקליך א געשמאַקער ביסען. זיי פערשטעהען שוין, ווי צו מאַכען די דאָזיגע געבעקס, אין דעם זיינען זיי עכטע קינסטלערינס. אמת, מען בע־צאָהלט פינף סו דערפאַר, וואָס ערגעץ אנדערש קאָסט עס נור צוויי סו, אָבער ווערטה איז עס!

— ווער האַלט איצט אויס די מארקיזע? — האָט סאוואל גע־פרעגט.

סערוויני האָט אַ פיהר געטאָהן מיט דיא אַקסלען.

— איך וויים ניט — האָט ער געזאָגט — איהר לעצטען, ווע־גען וועלכען מען האָט געוואוסט, איז געווען איינער אַן ענגלישער פּער. נור שוין דריי מאָנאטען, ווי ער איז אוועקגעפאָהרען. איצט, וואהרשיינליך, פאַלט איהר אריין געלד פון קאָרטען־שפּיעל און אפשר פון די שפּיעלער אליין, ווייל צייטענווייז האָט זי מאָדנע קאַ־פּריזען. אַלזאָ, ווי בלייבט עס: מיר פאָהרען צו זיי שבת אין בור־זשיוואל? אויפ'ן שוים פון דער פרייער נאַטור פיהלט מען זיך פרייער און אפשר וועט מיר דאָרט געלינגען זיך צו דערוויסען, וואָס טראַכט איוועטע.

— איך וועל מיט פערגעניגען פאָהרען. גראַד בין איך יענעם טאָג גאַנץ פריי — האָט סאוואל געענטפערט.

דורכגעהענדיג דורך אָן אַלע פון דיא עליזעען־פעלדער, האָבען זיי אויף איין באַנק איבערגעשראָקען עפּעס אַ ליגענדיג פּאָרעל.

סערוויני האָט ארויסגעמורמעלט:

— וואָס פאַר אַ נאַרישקייט און, אין דער זעלבער צייט, וואָס פאַר אַ וואונדערליך געפיהל איז די ליעבע! ווי זי איז באַנאַל, אינ־טערעסאַנט, שטענדיג גלייך און שטענדיג פערשיעדען. אַז מען בע־קלעהרט זיך, דאָס דער בעטלער, וואָס בעצאָהלט צוואַנציג סו אַ מויד, פאָדערט פון איהר פונקט דאָס אייגענע, וואָס איך פון אַ וועלכער ניט איז אבבארדי, בעת איך בעצאָהל איהר צעהן טויזענד פראַנק — אַז מען דערמאָנט זיך אַן דעם, זעהט מען איין, וויא נאַריש דאָס איז. ניט אמת?

אַ ווײַלע האָט ער דערנאָך געשוויגען. דאַן האָט ער ווידער געזאָגט:

— אַלץ איינס... אַך, ווען איך וואָלט געקאָנט זיין איוועטאַ'ס ערשטער געליעבטער!... וואָס וואָלט איך דערפאַר ניט געגעבען?... איך וואָלט דערפאַר אָפּגעגעבען...

נור ער האָט ניט דערערעדט, האָט ניט געזאָגט, וואָס ער וואָלט דערפאַר אָפּגעגעבען, און סאַוואַל האָט זיך געזעגענט מיט איהם אויפ'ן ראָג פון דער גאַס ראָיאַל.

2.

דעם טיש האָט מען געגרויט אויף דער וועראַנדע, וואָס האָט ארויסגעקוקט אויפ'ן טייך. די ווילא „פרענטאַן“, וואָס די מאַר־קיזע האָט געדונגען, איז געשטאַנען אונטער'ן באַרג, פונקט אויף דעם אָרט, וואו דיא סיין פערקירעוועט זיך צו מאַרל צו.

געגענאיבער די ווילא זיינען געשטאַנען די גרינע בוימער פונ'ם אינזעל קרוסאי און האָבען אויסגעזעהען, ווי אַ ים פון גרינס. ביז גאַנץ ווייט האָט מען געזעהן דעם ברייטען טייך און פון ווייטען האָט געפינקעלט דער שווימענדיגער רעסטאָראַן גרענולער, וואָס איז האַלב בעהאַלטען געוועזן הינטער די גרינע צווייגען.

דער אָבענד איז צוגעפאַלען. דאָס איז געווען איינער פון יענע פריעדליכע אָבענדען, וואָס טרעפען זיך נור ביים וואַסער און מאַכען אַ בעזונדער בערוהיגענדען אנגענעהמען איינדרוק. דיא בלעטער פון די בוימער האָבען זיך ניט בעוועגט, אַזוי שטיל איז געווען, און די אויבערפלעכע פון דער סיין האָט אויסגעזעהן גלייך און שפּיגעל־דיג. עס איז ניט געווען צו הייס, נור וואַרים און אַנגענעהם. די

נעבענשטע פרישקייט פונ׳ם טייך סיין האט זיך געטראָגען צו א קלאָרען, העלען הימעל.

די זון איז פערשוואונדען הינטער די בוימער, כדי צו שיינען אין אנדערע לענדער, אין דער לופט האט זיך גענומען פיהלען די נאכט־רוהיגקייט און עפּעס מערקווירדיגעס, לאַשצענדיגעס און פריעדליכעס.

ווען זיי זיינען פונ׳ם זאַל אויף דער ווערַאנדע ארויס און האָבען זיך געזעצט ארום טיש, איז יעדער פון זיי געווען לוסטיג, א ווארעמע פרייד האט אָנגעפילט זייערע הערצער; עס איז געווען אזוי אנגענעהם צו עסען אויף דער פרישער לופט, נעבען דעם דאָזיגען ריעזיג־גרויסען טייך, ביי דעם ווייכען שיין פון דער אונטער־געהענדיגער זון.

דיא מארקיזע האט סאוואל׳ן אונטער דער האנד גענומען און איוועטא סערוויני׳ן. זיי זיינען נור געווען זאַלבעפערט. ביידע דאַמען זיינען געווען גאָר אנדערע מענשען, ווי אין פּאריז, בעזונ־דערס איוועטא. זיא האט וועניג גערעדט און אויסגעזעהען פער־בענקט און פערטראכט.

סערוויני האט זי פּשוט ניט דערקענט.

— וואָס איז אייך, מאדמואזעל? — האט ער געפרעגט — איך דערקען אייך גאָר ניט. איהר האָט זיך עפּעס אין גאנצען גע־ענדערט און זייט געוואָרען גאָר אן ערנסטע און שטילע פרויליין, גאָר ניט די איוועטא, וועלכע איך האב געזעהען ערשט לעצטע וואָך.

— דאָס ווירקט אזוי אויף מיר די דאָרפס־לופט — האט זי גע־ענטפערט — איך פיהל אליין, אז איך בין עפּעס מאָדנע. איבריגענס, יעדען טאָג בין איך אנאנדערע, אזא נאטור האָב איך שוין, וואָס איך קען ניט זיין דיזעלביגע צוויי טעג נאָכאנאנד. היינט בין איך משוגע־פרעהלאך און מאָרגען בין איך אומעטיג, ווי א קבר. איך ענדער זיך מיט׳ן וועטער. איך וויים אַליין ניט פאר וואָס. ווייסט איהר, עס זיינען דא מאמענטען, ווען איך בין קאַפּאַבעל אויף אַלצ־ליינג. מאנכעס מאָל וואָלט איך אימיצען ערמאָרדעט, נאטירליך, א מענשען, ניט קיין חיה, אויף א חיה וואָלט איך קיין האנד ניט גע־קאנט אויפהויבען. און מאנכעס מאָל בין איך גרייט זיך צו צו־וויי־נען צוליעב יעדער נארישקייט. אזא מיש־מאש האָב איך שוין אין קאָפּ. און ווידער ווענדעט זיך זעהר אָפּט אויך אָן דעם, אין וואָס

פאר א שטימונג איך שטעה אויף. שטענדיג ווייס איך נאך אין דער פריה, וויא איך וועל אין אבענד זיין. אפשר ווירקען דאס אויף מיר די חלומות, וואס איך זעה ביינאכט, און די ביכער, וואס איך לעז.

זי האט געטראגען א ווייס, פלאנעלען קלייד. דער ווייסער שטאף האט זיך אויסגעלעגט אין שעהנע פאלדען ארום איהר שלאנקער פיגור און די לייזע בלוזע האט עטוואס ארויסגעוויזען די קאנטורען פון איהר רונדער, מיידעלשער ברוסט און אויף א האר ניט געשטערט די בעוועגונגען פון דעם דאזיגען יונגען, בויגיגען קערפער. די רייצענדע דינע האלז האט זיך ווייך בעוועגט אין די וייכע שפיצען פון איהר קראגען, און ווען זי האט דעם קאפ איינגעבויגט, האט איהר נאקען פשוט בעוואונדערונג ערוועקט. ער איז געוועזן ווייסער ווי דער פלאנעל פון איהר קלייד און די שווערע געדיכטע האר, וואס האבען איהם בעדעקט. האבען אויסגעזעהען ווי גאלדענע.

סערוויני האט גאר פון איהר די אויגען ניט געקענט אפרייסען.

— איהר זיינט היינט אזוי רייצענד — האט ער געזאגט — איך וואלט וועלען, איהר זאלט שטענדיג זיין אזא.

— זעהט נור, מוסקאד, איהר זאלט זיך מיר נור ניט ערקלערען אין ליעבע — האט זי איהם איבערגעשלאגען — איך קען נאך אננעהמען אייערע ווערטער ערנסט און דאן וועט עס אייך נאך טייער קאסטען.

די מארקיזע האט אויסגעזעהן גליקליך, זעהר גליקליך. זי איז אין גאנצען געווען אנגעטהאן אין שווארץ, אין אן איינפאכען שווארצען קלייד, וואס האט ארויסגעוויזען איהרע מעכטיגע רונדע פארמען. נור ביים קארסאזש האט זיך געזעהען עפעס א רויטע בעפּוצונג. אונטער'ן גארטעל איז געווען פערשטעקט א בוקעט פון רויטע נעלקען און איניגע בלומען האבען זיך וויא א גירליאנדע ארונטערגעלאזט ביז צו איהרע היפטען. אין דיא דונקעלע האר האט זיא געטראגען א העל־רויטער ראזע. יענעם אבענד האט זי געהאט אין זיך עטוואס בעזונדערס, ברענענדיגס, אויפרעגענדיגס, אין איהר שווארצען קאסטיום, אין די דאזיגע העל־רויטע בלומען, וואס האבען ,דאכט זיך, ווי געבלוטעט, אין איהר שמאכטענדיגען בליק, אין איהר ליידענשאפטליכער שטימע און אין יעדען קעהר איהרען.

סאוואל האט אויך אויסגעזעהן ערנסט און פערזארגט. פון צייט צו צייט האט ער געגלעט זיין שפּיציגע שווארצע בארד, וואס איז אונטערגעשארען געווען נאך דעם פאסאן פון קעניג הענרי דער דריטער, און האט וועגען עפּעס געטראכט.

צוערשט האבען זיי אלע געשוויגען. נור דערנאך, ווען מען האט דערלאנגט די פיש, האט סערוויני פּלוצים זיך אנגערופען:

— צייטענווייז איז דאס שווייגען זעהר אנגענעהם. זעהר אָפט פּיהלען זיך מענשען זאגאר נעהענטער איינער צום אנדערען, ווען זיי שווייגען, ווי ווען זייריידען. ניט אזוי, מארקיזע?

די מארקיזע האט זיך עטוואס א קעהר געטהאן צו איהם און געענטפערט:

— יא, איהר זייט גערעכט. יא, עס איז אזוי שעהן צו טראכטען צוזאמען וועגען אנגענעהמע זאכען.

און זי האט אויפגעהויבען איהרע ברענענדיגע אויגען אויף סאוואל'ן. זייערע בליקען האבען זיך בעגעגענט און לאנג זיינען זיי געזעסען און האבען געקוקט איינער דעם אנדערען אין די אויגען.

אונטער'ן טיש איז פארגעקומען עפּעס א קליינע, כמעט אומבעמערקטע בעוועגונג.

סערוויני האט ווידער געזאגט:

— מאמזעל איוועטא, אויב איהר וועט די גאנצע צייט זיצען אזוי שטיל, וועל איך אויף אן אמת מיינען, אז איהר זייט פערליעבט. נור אין וועמען? אנו, לאמיר צוזאמען פּרובען טרעפען? מיר וועלען די ניט וויכטיגע פערעהרער אונזערע אויסלאזען, מיר וועלען נור דיא וויכטיגסטע פון זיי אויסרעכענען. אפשר איז עס פּירסט קראוואלאוו?

ביי דעם דאזיגען נאמען האט איוועטא זיך ווי אויפגעכאפּט פון איהרע טרוימעריייען:

— וואס פאלט אייך איין, מוסקאד? דער דאזיגער פּירסט איז דאך ערהנליך צו א וועקסענער פּופּע, וואס שטעהט ערגעץ אין א מוזעאום אויסגעשטעלט אלס א טיפּ פון א רוס, וועלכער האט בעקומען מעדאלען אויף א קאנקורס פון פריזירער.

— שעהן; מעקען מיר אוים דעם פּירסט. אפשר געפעלט אייך דער וויקאנט פּיער דע־בעלווין?

דאס מאל האט איוועטע זיך הויך צולאכט:

—— צי דען קענט איהר זיך פארשטעלען, ווי רעזינע האלט מיך אין זיינע ארעמס. (זיא האט בעלווינע'ן גערופען א מאל רע־זינע (אזא מין איינגעמאכץ פון וויינטרויבען און בארען) און א מאל וואוזי (אזא מין ביליגער וויין), ווייל זי האט יעדען איינעם גערר־פען מיט עפעס א צונעמעניש) ? שטעלט זיך פאר, ווי איך וועל אומ־ארמען זיין פעטע האלז און איהם איינרוימען אין אויער : „אה, מיין ליעבער קליינער פיער, מיין טהייערער פיערטשיקעל, נויג צו צו דיין קליין ווייבעלע דיין דיקען ,גראבען, נארישען קאפ, איך וויל דיך אזוי א קוש טהאן.

— אלזא, מעקען מיר אויס דעם פערעהרער נומער צוויי — האט סערוויני זי איבערגעשלאגען — איצט בלייבט דער קאוואלער וואלרעאלי, וועלכער האט, דאכט זיך, געפונען בעזונדערס חן אין די אויגען פון דער מארקיזע.

איוועטא איז גאר פרעהליך געווארען.

— דאס „טרערען־אויג" ? אט דער, וואס וויינט כסדר, ווי די הייליגע מאגדאלענא ? ער לאזט דאך ניט דורך קיין איין רייכע לויה. יעדעס מאל, ווען ער טהוט א קוק אויף מיר, מיין איך, אז איך בין געשטארבען.

— הייסט עס, פערעהרער נומער דריי ווערט אויך אויסגע־מעקט. אפשר האט איהר זיך שוין פערליעבט אין באראן סאוואל ?

— אין ראדאס'ן דעם זוהן ? ניין, ער איז צו שטארק פאר מיר. דאס איז אלץ איינס, ווי איך זאל זיך פערליעבען אין א מאנומענט־זייל.

— נו, אויב אזוי, בין איך עס מסתמא דער גליקליכער, אין וועמען איהר האט זיך פערליעבט, ווארים פון אלע אייערע פער־עהרער בין איך דער איינציגער, וועמען איהר האט ניט קריטיקירט. אויס בעשיידענהייט האב איך זיך דערמאנט דעם לעצטען און איצט בלייבט מיר נור אייך צו דאנקען.

—איהר מיינט, אז איך בין פערליעבט אין אייך, מוסקאד ? א, ניין ! — האט איוועטא געענטפערט פרעהלאך—איהר געפעלט מיר, אבער איך ליעב אייך ניט. ווארט, איך וויל ביי אייך דעם מוטה ניט אוועקנעהמען. דערווייל ליעב איך אייך ניט, איהר האט אבער א שאנס. ווען איהר וועט זיין מיט מיר מיט'ן גאנצען הארצען אי־בערגעגעבען, ווען איהר וועט מיר זיין אונטערטהעניג, אויפמערק־

זאָם צו מיר, צו אַלע מיינע קאַפּריזען, ווען איהר וועט זיך בעמיהען מיר צו געפעלען, דאַן... דאַן וועלען מיר זעהן, וואָס ווייטער וועט זיין.

— אָבער, מאַמזעל איוועטא, אויב אייך איז קיין אונטערשייד ניט, וואָלט מיר געווען פיעל אַנגענעהמער צו ערפילען אַלצדינג, וואָס איהר פאָדערט ניט פריהער, נור נאָכדעם..

— נאָכדעם? וואָס מיינט איהר, מוסקאַד? — האָט זי גע־פרעגט נאַאיוו.

— אַך, מיין גאָט, נאָכדעם ווי איהר וועט מיר בעווייזען, אַז איהר ליעבט מיך.

— נו, גוט, לאָמיר זאָגען, אַז איך ליעב אייך. האַנדעלט אַזוי ווי איך וואָלט אייך געליעבט. גלויבט דאָס, אַז איהר ווילט.

— אָבער...

— גענוג, גענוג וועגען דעם, מוסקאַד, קיין וואָרט מעהר.

דיא זונן איז אונטערגעגאַנגען הינטער דעם אינזעל. נור דער גאַנצער הימעל האָט געפלאַמט, ווי אַ פלאַקערענדיג פייער, און דאָס רוהיגע וואַסער פונ׳ם טייך האָט זיך אַזוי ווי אין בלוט פערוואַנ־דעלט. און אַלץ וואָס אַרום, די הייזער, די בוימער, די פּנים׳ער פון די מענשען האָבען זיך אָפּגעשלאָגען מיט רויט. די העלע ראָזע אין די האָר פון דער מאַרקיזע האָט אויסגעזעהן ווי אַ פורפורנער שטראַהל, וואָס איז פונ׳ם הימעל אויף איהר קאָפּ אַרונטערגעפאַלען.

איוועטא האָט זיך פערקוקט ערגעץ אין דער ווייטען, די מאַר־קיזע האָט זיך בענוצט מיט דעם און אַזוי וויא ניט אומיסטנע אַרויפ־געלעגט איהר נאַקעטען אָרעם אויף סאַוואַל׳ס האַנד. נור קוים האָט דאָס יונגע מיידעל זיך אַ ריהר געטהאָן, האָט איהר מוטער שנעל דעם אָרעם אַוועקגעכאַפּט און אַנגעהויבען עפּעס צו פעררי־כטען אין די פאַלדען פון איהר קאַרסאַזש.

סערוויני האָט דאָס אַלץ בעמערקט.

— מאַמזעל איוועטע, ווילט איהר אפשר זיך אַ ביסעל דורכ־געהן אויף דעם אינזעל? — האָט ער פאָרגעלעגט.

— אה, יאָ. דאָס וועט זיין שעהן — האָט זיא זיך מיט פרייד אָנגעכאַפּט — מיר וועלען אָבער געהן אַליין. איהר ווילט, מוסקאַד?

דאַן זיינען אַלע געבליבען שטיל.

די מאַיעסטעטישע רוהיגקייט פונ'ם האָריזאָנט, די טיעפע פריעדליכקייט פון דעם אבענד, האָט איינגעוויעגט דיא הערצער אין אַ זיסער מיעדקייט. עס זיינען פאָראַן אַזוינע וואונדערליך רוהיגע שטונדען, ווען עס איז פשוט ניט מעגליך זיך צו בעוועגען און צו רעדען.

די לאַקיען האָבען זיי בעדיענט אָהן גערויש, געביטען די טעלער און דערלאַנגט נייע געקעכטסען. אויפ'ן האָריזאָנט איז פערלאָשען געוואָרען דער פלאַם פון דעם הימעלשען פייער און די מילדע נאַכט האָט געוואָרפען איהרע שאָטענס איבער דער איינ־דרימלענדיגע ערד.

— איהר רעכענט דאָ לאַנג צו פערבלייבען אויף דער זומער־וואָהנונג? — האָט סאַוואַל געפרעגט די מאַרקיזע.

און די מאַרקיזע האָט געענטפערט, אונטערשטרייכענדיג יעדעס וואָרט בעזונדער:

— יאָ, אויב איך וועל דאָ זיין גליקליך.

עס איז געוואָרען צו פינסטער, מען האָט געמוזט לאָמפען ברענגען. זיי האָבען געוואָרפען אַ מערקווירדיג־בלייכען שיין אויף די אַרומיגע פינסטערניש פון דעם אונגעהויערען רוים, און צו דעם דאָזיגען שיין זיינען באַלד אָנגעפלויגען מיריאַדען קליינע פליגע־לאַך, וואָס האָבען זיך פשוט ווי געשאָטען אויפ'ן טישטוך. זיי אַלע האָבען זיך אָפּגעברענט זייערע פיסלאַך און פליגעלאַך אָן די גלעזער פון די לאָמפען און זיינען געפאַלען, ווי אַ גרויער לעבעדיגער פּאודער, אויפ'ן טישטוך, אויף דיא סערוועטען, אין דיא טעלער, אין די בעכערס.

מען האָט זיי אונבעמערקט פערשלונגען מיט'ן וויין, זיי אויפ־געגעסען מיט די טאָרטען. זיי האָבען זיך בעוועגט אומעטום, אויפ'ן ברויט, אויף די פּנים'ער, אויף די הענד, און זיי האָבען לייכט גע־קיצעלט די הויט מיט זייער קוים בעמערקטער בעוועגונג.

מען האָט געמוזט כסדר אומבייטען די גלעזער, צודעקען די טעלער מיט די געקעכטסען און עסען מיט דער גרעסטער פאָרזיכ־טיגקייט.

אָט דער דאָזיגער גאַנצער טאַראַראַם האָט איוועטאַ'ן אַמו־זירט. סערוויני, האָט זיך בעשעפטיגט מיט איהר, אָפּגעהיט אַלצ־דינג, וואָס זי האָט צום מויל צוגעטראָגען, פערדעקט איהר גלאָז און

געהאַלטען איבער איהר קאָפּ זיין סערוועטע, וואָס ער האָט אויס־געשפּרייט ווי א דעכעל. נור באַלד האָבען די פליגעלאַך דערעסען דער מאַרקיזע, זיי האָבען זי נערוועז געמאַכט און זי האָט זיך גע־איילט וואָס שנעלער פאַרטיג צו ווערען מיט'ן מאָהלצייט.

איוועטא האָט ניט פערגעסען סערוויני'ס פאָרשלאַג און ווי נור מען איז אוועק פון'ם טיש, אזוי גלייך האָט זי הויך ערקלערט:

— איצט געהען מיר אויף דעם אינזעל.

— בלייבט דאָרט נור ניט צו־לאַנג — האָט איהר דיא מוטער פויל בעמערקט — איבריגענס, מיר וועלען אייך בעגלייטען ביז צום שיף.

אַלע האָבען זיך געלאָזט אין וועג, נאַטירליך פאָרוויז, יעדע פּאָר בעזונדער. איוועטא איז געגאַנגען פריהער מיט איהר פריינד. הינטער זיינען פאַמעליך געגאַנגען די מאַרקיזע און סאוואל. דאָס פאָדערשטע פּאָרעל האָט געהערט, וויא הינטער זיי רעדט מען וועגען עפּעס זעהר שנעל און זעהר שטיל. עס איז געווען שטאָק־פינסטער, א געדיכטע טינט־פינסטערניש. און דער הימעל, וואָס איז אין גאַנצען מיט שטערען געווען בעזייהט, האָט די שטערען אזוי ווי אראָפּגעשאָטען פון דער הויך אין דעם טייך אריין, און דאָס שוואר־צע וואסער האָט אויך מיט שטערען געפינקעלט.

די פרעש האָבען געצויגען זייער מאָנאָטאָנעם קוואקען ביים וואסער און אין דער לופט האָט זיך געגאָסען דאָס זיסע געזאַנג פון נאַכטיגאַלען. זיי זיינען דאָרט געווען זעהר פיעל אין די בוימער.

איוועטע האָט זיך פּלוצים א כאַפּ געטהאָן:

— דאַכט זיך, זיי געהען שוין ניט הינטער אונז. וואו זיי־נען זיי?

און זי האָט א רוף געטהאָן:

— מאַמע!

קיינער האָט איהר ניט געענטפערט.

— מאָדנע — האָט דאָס יונגע מיידעל זיך געוואונדערט — איך האָב דאָך ערשט זייערע שטימען געהערט. זיי האָבען דאָך ניט געקענט ווייט אוועקגעהן.

סערוויני האָט ארויסגעמורמעלט:

זיי האָבען זיך געמוזט צוריקקעהרען. אייער מוטער איז מסתמא קאַלט געוואָרען.

און ער האָט זי אוועקגעצויגען ווייטער.

פאר זיי האָט אַ פּייעריל אַ בלישצע געטהאָן. דאָס איז גע־וען דער האָטעל פון דעם רעסטאראן־האלטער און פישער מארטינע. סערוויני האָט אַ רוף געטהאָן און פונ'ם האָטעל איז ארויסגעקומען עפּעס אַ מאן און זיי האָבען זיך אריינגעזעצט אין אַ גרויסע שיף, וואָס איז געווען בעהאַלטען צווישען די געוויקסען פונ'ם ברעג.

דער איבערשיפּער האָט זיך אַ נעהם געטהאָן פאר די רודערס, און די שווערע שיף האָט אָנגעהויבען פּאמעליך צו שווימען איבער דעם אונבעוועגליכען וואסער און אויפגעוועקט דאָרט די איינגעשלאָ־פענע שטערען, וועלכע האָבען געגומען ווילד טאַנצען אויף רעכטס און לינקס. דערנאָך האָבען די שטערען זיך ווידער ביסלעכווייז בערוהיגט הינטער'ן שיף און ווידער איינגעשלאָפען מיט אַ רוהי־גען שלאָף.

צוגעקומען צום צווייטען ברעג, זיינען זיי אַרויס פונ'ם שיף און אוועק צווישען די בוימער.

אויף דעם אינזעל איז געווען קיהל און פייכט; אין דיא געדיכ־טע צווייגען פון די בוימער זיינען, דאכט זיך, געווען אזוי פיעל נאכ־טיגאַלען, וויפיעל בלעטער דאָרט זיינען געווען.

פון ווייטען האָט זיך דערהערט די טענער פון אַ פּיאנאָ. אַ־מיצער האָט געשפּיעלט אַ פּאָפּולערען וואַלץ.

סערוויני האָט גענומען איוועטא'ן אונטער'ן אָרעם און שטיל, שטיל זי אָנגענומען מיט דער צווייטער האנד ביי דער טאַליע און זי צארט צו זיך צוגעדריקט.

— וועגען וואָס טראכט איהר? — האָט ער געפרעגט.

— איך? וועגען קיין זאך בעזאָנדערס. איך בין זעהר גליקליך.

— הייסט עס, איהר ליעבט מיך ניט?

— אה, יא, מוסקאד, איך ליעב אייך, איך ליעב אייך אַ היב־שע ביסעל, נור, איך בעט אייך, רעדט ניט וועגען דעם, דאָ איז צו־גוט, אז מען זאָל קענען הערען אייערע נארישקייטען.

ער האָט זי צוגעצויגען צו זיך און זי האָט זיך ניט געקענט ארויסרייסען פון זיינע הענד. סערוויני האָט געפיהלט די ווארימ־קייט פון איהר קערפּער דורך דאָס ווייכע פלאנעלען קלייד.

ער האָט ארויסגעמורמעלט:

— איוועטא!
— וואָס איז?
— איך ליעב דאָך איך!
—אה מוסקאד, איהר מיינט עס ניט!
— א, יא, איך ליעב איך, שוין א לאַנגע צייט, ווי איך ליעב איך.

זי האָט זיך נאָך אַלץ בעמיהט ארויסצורייסען זיך פון זיינע הענד, געזוכט צו בעפרייען איהר האנד, וואס איז געווען צונויפגע־דריקט צווישען זייערע ביידע קערפּערס. זיי האָבען זיך קוים גע־קענט בעוועגען, ווייל די דאָזיגע האלבע אומארמונג האט זיי גע־שטערט. האָט זייערע טריט וויא געפּענטעט, און אזוי וויא שיכור׳ע האָבען זיי זיך געוואקעלט אויף רעכטס און אויף לינקס.

סערוויני האָט ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל איהר זאָגען. ער האָט געפיהלט, אז צו איהר קען מען ניט אזוי רעדען, ווי ער וואָלט גערעדט צו א פרוי. ער איז געווען אין א פערלעגענהייט, האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן, געפרעגט זיך אין געדאנקען, צי זי איז איינשטימיג, אָדער זי פערשטעהט איהם ניט, און ער האָט גע־זוכט די ריכטיגע, די צארטע, די אַלץ ענטשליסענדיגע ווערטער, וואָס ער האָט אין דעם דאָזיגען אויגענבליק איהר געדארפט זאָגען. יעדע ווייליע האָט ער געמורמעלט:

— איוועטא! רעדט! זאָגט מיר! איוועטא!

דאַן האָט ער פּלוצים ריזיקירט און זיא א קוש געטאָהן אין באַק. זי האָט זיך עטוואָס אָפּגערוקט פון איהם און געזאָגט מיט כעס:

—אָה, איהר זייט אונערטרעגליך! וועט איהר מיך שוין ענד־ליך לאָזען צורוה, אָדער ניין?

לויט דעם טאָן פון איהר שטימע איז שווער געווען צו וויסען, וואָס זי האָט געדענקט און געוואָלט; סערוויני׳ן האָט זיך אויסגע־וויזען, אז זיא איז ניט שטארק בייז געווארען אויף זיין קוש און ער האָט צוגעדריקט זיינע ליפּען צו איהר נאַקען, פּונקט צו דעם אָרט, וואו דאָס שנעע־ווייסע האַלז איז עטוואָס בעדעקט געווען מיט א פּוך פון גאָלדענע האָר.

דאַן האָט איוועטא זיך שטארקער גענומען רייסען פון איהם. נור סערוויני האָט זי מיט איין האנד פעסט געהאַלטען ארום דער טאַליע און מיט דער צווייטער האָט ער מיט געוואלד זי געצוואונגען

איינצובויגען דעם קאָפּ צו איהם, און ער האָט פון איהרע ליפּען ארויסגעריסען א הייסען קוש.

זי האָט זיך אויסגעבויגט מיט איהר קערפּער און ארויסגע־דרעהט זיך פון זיינע הענד. דאן איז זי שנעל פערשוואונד'ען אין דער פינסטערניש. א ווייל'ע האָט זיך געהערט דאָס רוישען פון איהר קלייד, אזוי ווי דאָס רוישען פון פויגעל־פליגלען, דערנאָך איז גאַנץ שטיל געוואָרען.

סערוויני איז אונבעוועגליך געשטאַנען אויף איין אָרט, ער־שטוינט פון דער בויגיגקייט פון דעם דאָזיגען שלאַנקער קערפּער און ווי שנעל זי איז פערשוואונדען. דערנאָך, ווען אַלעס ארום האָט געשוויגען, האָט ער בעשלאָסען זיא א רוף צו טאָהן אין דער שטיל:

— איוועטא!

זי האָט ניט געענטפערט. סערוויני האָט זיך געלאָזט געהן ווייטער, זיך איינגעקוקט אין די פינסטערניס, געזוכט צווישען די בוימער דעם ווייסען פלעק פון איהר קלייד, נור אומעטום איז געווען גלייך שווארץ. ער האָט אַנגעהויבען צו רופען העכער:

— מאַמזעל איוועטא! מאַמזעל איוועטא!

קיינער האָט איהם ניט געענטפערט. ער איז געבליבען שטעהן. געוואַרט. זיך צוגעהערט — דער איגזעל האָט געשוויגען, אפילו דיא בלעטער פון דיא בוימער האָבען זיך כמעט ניט בעוועגט. נור דיא פרעש האָבען ניט אויפגעהערט צו ציהען זייער איינטאָניגען קוואַ־קען ערגעץ ביים ברעג.

דערנאָך האָט ער אַנגעהויבען צו בלאָנדזשען צווישען די בוי־מער, ניט וויסענדיג אליין, וואוהין ער געהט. ער איז א פּאָר מאָל ארויפגעשטיגען אין דער הויך צום בארג, ארונטער ביז צום סאמע טייך, איז געגאַנגען און האָט געבלאָנדזשעט, ביז ער האָט דערזעהן פאר זיך די פייערען פון בוזשיוואל, דאן איז ער דערגאַנגען ביז צום רעסטאראַן גרענולער, געפּרובט אריינגעהן צווישען די געדיכטע קר־פּעס בוימער און האָט אַלץ גערופען:

— מאַמזעל איוועטא, וואו זייט איהר? רופט זיך אָפּ! דאָס איז ניט קיין שפּאַס. נו, ענטפערט שוין! לאָזט מיך אייך ניט זוכען אזוי לאַנג!

ערגעץ אין דער ווייטען האָט א זייגער אַנגעהויבען צו שלאָ־גען. סערוויני האָט געצעהלט: צוועלף דער זייגער. הייסט עס, ער

לויפט שוין ארום אזוי און זוכט זי גאנצע צוויי שטונדען. דאן האט ער א טראכט געטאהן, אפשר איז זיא שוין אין דער היים, אפשר איז זיא אליין אוועק מיט'ן בריק.

אין קארידאר פון דער ווילא האט געדרעמעלט דער לאקעי אויף א שטול.

סערוויני האט איהם אויפגעוועקט און געפרעגט:

— איז דאס פריילייין שוין לאנג צוריקגעקומען? איך האב זי ניט צוגעפיהרט ביז צום שטוב, ווייל איך האב נויטיג געדארפט ער־גענץ אריינגעהן.

און דער לאקעי האט געענטפערט:

— יא, דאס פריילייין איז צוריקגעקומען נאך פאר צעהן.

סערוויני איז אריין צו זיך אין צימער און זיך געלעגט אויף'ן בעטעל.

ער איז געלעגען מיט אפענע אויגען און ניט געקענט איינ־שלאפען. דער דאזיגער גע'גנב'עטער קוש האט זיין בלוט צורייצט. ער האט אלץ ניט געקענט פערשטעהן. וואס זיא האט געקלעהרט און וואס זי האט געוואלט. ווי שעהן זי איז, ווי רייצענד!

ער איז שוין געווען מיעד פון דעם לעבען, וואס ער האט גע־פיהרט, אפגעטעמפט דורך די אייביגע הוליאנקעס, דורך די שטענ־דיגע נאכט־ארגיעז. דורך דיא פיעלע פרויען מיט וועלכע ער איז זיך צונויפגעקומען. איצט האבען זיינע שוין אבגעטעמפטע געפיהלען, פערלאנגען און ליידענשאפטען ווידער ערוואכט אין זיין הארצען מיט אן אונגוועהנליכער קראפט, אויפגעוועקט פון דער דאזיגער ריי־צענדער, פרישער, אריגינעלער און פאר איהם אונפערשטענדליכער איוועטא.

ער האט געהערט ווי דער זייגער האט געשלאגען איינס. דער־נאך צוויי. ער האט ניט געקענט איינשלאפען. עס איז איהם גע־ווען היים. א שוויים האט זיך פון איהם געגאסען. אין די שלייך־פען האט איהם געקלאפט און ער האט זיך אויפגעהויבען און גע־עפענט דעם פענסטער.

פרישע לופט האט אויף איהם א הויך געטהאן און ער האט זי מיט פערגעניגען איינגעאטהעמט מיט דער פולער ברוסט. די דיקע פינסטערניש איז געווען שטום און שווארץ. פלוצים האט אינ'ם

גאָרטען צווישען די פינסטערע בוימער א ליכט געטאָהן א קליינער ליכטיגער פונקט. עס האט אויסגעזעהען ווי א גאַנץ קליינער קויהל.

— א סיגאר! — האָט ער טראכט געטהאָן — דאָס איז הפנים סאוואל.

און ער האָט איהם שטיל א רוף געטהאָן:

— לעאָן!

— דאָס ביזטו, זשאן? — האט איהם געענטפערט א שטימע פון דער פינסטערניש.

— יא, ווארט איך קום גלייך ארונטער צו דיר.

ער האָט זיך אָנגעקליידט און איז ארונטער אין דעם גאָרטען צו זיין פריינד. סאוואל איז געזעסען אויף אן אייזערנעם שטוהל און האָט גערויכערט א סיגאר.

— וואָס טהוסטו דאָ אין מיטען נאכט?

— סאוואל האָט געענטפערט:

— איך רוה זיך אָפּ.

און סאוואל האָט זיך דערביי פרעהלאך צולאכט.

סערוויני האָט איהם א דריק געטהאָן די האנד.

— איך גראטוליר דיר, מיין פריינד! און מיר געהט שלימזל־דיג. איך מאך זיך נור צום נאר — האָט ער געזאָגט.

—— דו מיינסט?...

— איך מיין, אז איוועטא איז ניט עהנליך צו איהר מוטער.

— וואָס איז ביי אייך פאָרגעקומען? דערצעהל.

סערוויני האָט אויספיהרליך דערצעהלט, ווי אזוי ער האָט גע־פּרואווט און וויא אזוי עס איז איהם ניט געלונגען.

— איוועטא האָט מיך פּשוט אויסגעמוטשעט, איך האָב שוין גאָר קיין קרעפטען ניט — האָט ער גערעדט ווייטער — שטעל זיך פאָר, איך קען ניט איינשלאָפען. אך, געה פערשטעה א מיידעל! דאכט זיך, אז דו זעהסט זי, מיינסטו, אז מיט איהר איז גאַנץ לייכט דורכצוקומען. טהוט מען אָבער א פּרואוו, אזוי ווייס מען ניט, וויא זיך צו נעהמען דערצו. אָן ערפאהרענע פרוי, וואָס האָט שוין אַלצ־דינג אויסגעפּרואווט און האָט שוין געליבט, איז גאַנץ לייכט צו פער־שטעהן, אָבער צו פערשטעהן, וואָס עס קומט פאָר ביי א מיידעל אין דער נשמה, דאָס איז זעהר שווער! ווייסט זי דער טייפעל, וואָס זי

פֿלעהרט זיך! איצט דאכט זיך מיר, אז זי טרייבט גאָר שפּאס מיט מיר.

סאוואל האָט זיך געוויגט אויף זיין שטוהל. דערנאָך האָט ער לאנגזאם ארויסגערעדט:

— היט זיך ,מיין ליעבער, זי וועט נאָך דיך פֿערפֿיהרען צו דער חופה. געדענק. אזעלכע ביישפּיעלען קענסטו געפינען גענוג. געדענק. אז די מאַדמואזעל דע־מאנטיזשא איז פּונקט אויף אזא אופן קייזעריך געוואָרען. נור זי איז דאָך פּאָרט געווען פון א שעהנער פאמיליע. זעה, דו זאָלסט ניט ארייַנפאלען, אזוי ווי נאפּאָלעאָן...

— אָה, וועגען דעם קענסטו זיכער זיין — האָט סערוויני ארויסגעמורמעלט — איך בין ניט קיין נאַר און ניט קיין קייזער. און מען מוז זיין א נאַר אָדער א קייזער, אז מען זאָל טהאָן אזא אומ־זין. זאָג, דו ווילסט שלאָפען?

— ניין.

— אויב דו ווילסט, וועלען מיר זיך דורכגעהן אויפ'ן ברעג פונ'ם טייך.

— מיט פערגעניגען.

זיי האָבען געעפענט די אייזערנע טיר פונ'ם גאָרטען און זיי־נען אוועק שפּאציערען אויפ'ן ברעג טייך צו מארלי צו.

עס איז געווען די סאמע רוהיגסטע שטונדע פון דער גאנצער נאכט. יענע שטונדע, ווען די צייט רוקט זיך שוין נעהענטער צו טאָג, די שטונדע פון טיעפסטען שלאף און רוה. אפילו די שוואכסטע קלאַנגען פון דער נאכט זיינען אויך פערשטומט געוואָרען. די נאכ־טיגאלען האָבען שוין מעהר ניט געזונגען; די פרעש האָבען אויך געענדיגט זייער קאָנצערט. נור ערגעץ אין דער ווייטען האָט אַ אומבעקאנטע חיה, און אפשר א פויגעל, געלאָזט הערען שוואכע מאָ־נאָטאָנע קלאַנגען, אזוי ווי דאָס סקריפּ פון א זעג, גלייכע און רע־געלמעסיגע, אזוי ווי א מאשין.

סערוויני, וועלכער איז צייטענווייז געווען א פּאָעט און א פי־לאזאף אויך, האָט פּלוצים געזאָגט:

— דוא ווייסט, איוועטא האָט דאָך מיר גאָר דעם קאָפּ צור־דרעהט. אין אריפמעטיק איז אַ כלל, אז איינס און איינס איז צוויי. און אין ליעבע האָט איינס און איינס פונדעסטוועגען בעדאַרפט זיין איינס, איין גאנצעס, נור, ליידער, איז פּאָרט צוויי. איך ווייס ניט,

צי דו פערשטעהסט מיך. האסטו שוין א מאָל געהאט דעם פער־לאַנג, פערשוואונדען צו ווערען אין דער נשמה פון א פרוי, צונויפ־גיסען זיך צוזאמען אין איין וועזען? איך רעד ניט פון דער טירי־שער ליידענשאַפט, צו בעזיצען איהר קערפער, נור פון יענעם מאָראַ־לישען פיין, רעד איך, פון יענעם גייסטיגען דראנג, צו פעראייני־גען זיך מיט א צווייטען וועזען. עפענען פאר איהם דיין גאַנצע נשמה. דיין גאַנץ הארץ און קלאָר לייגען אלע זיינע געדאַנקען ביז דער טיעפסטער טיעפעניש. און דאָך געלינגט דאָך קיינמאָל, קיינמאָל ניט צו דערגעהן גאַנץ גענוי דיא געדאַנקען און דיא געפיהלען פון א צווייטען וועזען! מען קען קיינמאָל ניט דערגעהן אפילו איין טהייל פון די געדאַנקען, וועלכע ליעגען בעהאַלטען אין א נשמה, וואָס איז אונז, דאכט זיך, אזוי נאָהענט, אין א נשמה, וואָס קוקט אויף דיר דורך קלאָהרע, וויא קריסטאַל, דורכזיכטיגע אויגען, וואס וואַרפט צו דיר, דורך פורפור־רויטע ליפּעלאך, געדאַנקען איינעם נאָכ'ן אנדע־רען, געדאַנקען, וועלכע בלייבען פונדעסטוועגען ווייט און פער־שטעלט פון דיר, אזוי ווייט, ווי אָט די שטערען זיינען און אפשר נאָך ווייטער. ווי מערקווירדיג דאָס איז. ניט אזוי?

— און איך דרעה מיר ניט דעם קאָפּ וועגען אזוינע זאכען — האָט סאוואל געענטפערט — איך וויל גאָרניט ארייגקוקען אין די נשמה. מיך אינטערעסירט דער גוף פון דער פרוי און ניט איהר נשמה.

— איוועטא איז גאָר ניט קיין געוועהנליכע בעשעפעניש — האָט סערוויני ארויסגעמורמעלט — ווי וועט זי זיך מאָרגען בעגע־נען מיט מיר?

דער הימעל האָט אָנגעהויבען בלאַסער ווערען, ווען זיי זיינען אין מארלי אָנגעקומען.

אין די היהנער־שטאַהלען האָבען די העהנער שוין אנגעהויבען צו קרעהען און זייערע שטימען האבען זיך דורך דיא ווענד ניט גאַנץ קלאָהר געהערט. לינקס אין דעם פּאַרק האָט געסווישצערט עפּעס א פויגעלע איינע און דיא זעלבע איינפאַכע טענער.

— צייט א היים צו געהן — האָט סאוואל געזאָגט.

און זיי זיינען צוריקגעגאַנגען.

ווען סערוויני האָט פערמאַכט דאָס אַפען־געבליבענע פענס־טער פון זיין צימער, איז שוין געווען גרויסער טאָג.

ער האָט ארונטערגעלאָזט די שטאַרען, פערדוקט די שווערע פּאַרטיערען, זיך אויסגעטהאָן, זיך אין דאָס בעט אריינגעלעגט און איז ענדליך איינגעשלאָפען.

אין שלאָף האָט זיך איהם גע'חלום'ט איוועטא און ער האָט גערעדט פון איהר.

א מאָדנער גערויש האָט איהם אויפגעוועקט. ער האָט זיך געזעצט אויפ'ן בעט, זיך צוגעהערט, נור גאָר נישט דערהערט. דער־נאָך האָט עפּעס פּלוצים א שאָט געטאָהן אויף דיא שויבען פון זיין פענסטער, אזוי ווי א האָגעל.

סערוויני איז ארונטערגעשפרונגען פונ'ם בעט, צוגעלאָפען צום פענסטער, האָט ארויפגעצויגען דעם שטאָר און דערזעהן איוועטא'ן אין דער אלעע. זי האָט געקוקט צו איהם גלייך אין פענסטער און געוואָרפען פולע הויפענס זאמד אויף איהם.

זי איז געווען אין גאנצען ראָזע געקליידעט און אויפ'ן קאָפּ האָט זי געטראָגען א שטרויענע הוט מיט ברייטע ראַנדען און מיט א גרויסען שטרויס־פעדער. זי האָט שטיפעריש געלאכט מיט איהר פרעהליכען, ארויספאָדערענדיגען געלעכטער און געשריען:

— עה, מוסקאַד! איהר שלאָפט נאָך? וואָס האָט איהר גע־טהאָן ביינאַכט, אויב איהר שלאָפט אזוי שפּעט? מסתמא זייט איהר געגאַנגען אוואנטורען זוכען.

סערוויני איז נאָך ניט געווען אין גאַנצען אָטשוכעט. ער איז געשטאַנען פערבלעפדעט פון דעם העלען שיין פון טאָג. וואָס האָט זיך מיט א מאָל צו איהם אריינגעריסען און גלייכצייטיג איז ער גע־ווען ערשטוינט פון דער שפּאָטישער רוהיגקייט פון איוועטא'ן.

— איך קום באלד ארונטער, מאַמזעל, באלד — האָט ער צו איהר ארונטערגעשריען — איך וועל מיך נור א ביסעל א וואַש טהאָן מיט קאלטען וואסער און קום גלייך צו אייך ארונטער.

— אָבער מאכט עס שנעלער! דער זייגער איז שוין צעהן — האָט איוועטא צו איהם וויעדער ארויפגעשריען — און איך וויל אייך נאָך מיטטהיילען מיינעם א גרויסען פּלאַן, וועלכען איהר וועט מוזען מיט מיר אויספיהרען. און פערגעסט ניט, אז מיר פריהשטי־קען פּונקט אום עלף.

סערוויני האָט דאָס מיידעל געטראָפען אינ'ם גאָרטען אויף א באַנק. זי איז געזעסען מיט א בוך אין דער האנד, געווים מיט

עפּעס א ראָמאַן. ווי נור זי האָט איהם דערזעהן, אזוי גלייך איז זי אויפגעשטאַנען, האָט איהם פריינדליך אונטער דער האנד גענומען און איהם אַוועקגעפיהרט ווייט אין גאָרטען. זי האָט זיך געהאלטען אזוי איינפאַך, פרעהליך און פריינדליך, אזוי ווי צווישען זיי וואָלט נעכטען גאָר נישט געשעהען.

— איך האָב אזא פּלאַן — האָט איוועטא אָנגעהויבען — איך האָב בעשלאָסען אייך צו בעטען. איהר זאָלט געהן מיט מיר אין גרענואלער. די מאַמע טאָר וועגען דעם ניט וויסען, זי ערלויבט מיר ניט צו געהן אהין און איך וויל אונבעדינגט אלצדינג זעהן. די מאמע זאָגט, אז אנשטענדיגע פרויען געהען ניט אין אזעלכע ערטער. נור מיר איז אבסאָלוט אלץ איינס, אויב מען מעג אהין געהן, צי ניט, איך וויל אהין געהן און גאָר. וועט איהר מיך נעהמען אהין, מוס-קאד? מיר וועלען דאָרט א לעב טהאָן מיט די שיפער!

פון איהר האָט געשמעקט עפּעס זעהר אנגענעהמעס, נור וואָס — דאָס האָט סערוויני ניט געקענט גענוי פערשטעהן. דער דאָזי-גער ריח איז גאָר ניט עהנליך געווען צו די שטאַרקע, שווערע פּער-פיומען פון איהר מוטער, דאָס איז געווען עפּעס זעהר לייכטעס, ער-פרישענדיגעס, א געמיש פון איריס-פּודרע מיט ווערווענע.

— פון וואָס טראָגט זיך דער דאָזיגער ריח — האָט סערוויני געפּרובט טרעפען — צי פון איהר קלייד, איהרע האָר אָדער פון איהר לייב? און אזוי ווי ער איז געשטאַנען נאָהענט נעבען איהר, האָט ער איינגעאָטהעמט איהר אָטהעם און זיך בעטרונקען מיט איהר פרישקייט. דערנאָך האָט ער בעשלאָסען, אז זי פערפומירט זיך גאָרניט, אז איהר קערפּער אליין שמעקט עס אזוי אנגענעהם, איהר יוגענד, איהר שעהנקייט, און אז ער האָט א טעות געהאַט, ווען ער האָט עס אָנגענומען פאר אן אראָמאַט פון פערפום.

— אלזאָ, אזוי בלייבט עס, מוסקאד — האָט איוועטע גע-רעדט — נאָכ'ן פריהשטיק וועט געווים זיין הייס, די מאַמע וועט זיך פוילען דורכצוגעהן א ביסעל שפּאַציערען, ווי אלע מאָל, ווען עס איז הייס; דאַן וועלען מיר זי דאָ איבערלאָזען מיט אייער פריינד און מיר ביידע וועלען אַוועקגעהן. מיר וועלען זאָגען, אז מיר געהען אין וואַלד. אך, ווען איהר וואָלט געוואוסט, ווי מיר ווילט זיך זעהען גרענולער!

זיי זיינען צוגעקומען ביז צו דעם אייזערנעם צוים געגענאיבער

דער סיין. דאָס איינגעשלאָפּענע וואסער פונ׳ם טייך האָט געגלאַנצט אונטער דער זון. א לייכטער נעבעל האט זיך געצויגען איבער דער לענג פונ׳ם טייך, ווי א ווייטער, בלויליכער רויך. פון צייט צו צייט זיינען פערבייגעשוואומען אלערליי שיפען, גרויסע און קליינע, לייכטע און פלינקע, שווערע און אונגעשיקטע. פון ווייטען האָבען זיך געהערט גרילצענדיגע פייפעריייען פון די לאָקאָמאָטיוון, ווייל זונטאג געהען צוגען כמעט יעדע מינוט, די וואגאָנעס זיינען דאן אי־בערגעפאקט מיט דער שטאָדטישער בעפעלקערונג, וואָס קומט אהער, כדי צו כאפּען פרישע לופט. מען האָט אויך געהערט די פייפעריייען פון דאמפף ־ שיפען, וואָס האָבען מאוים׳דיג גירעטשעט, צוקומענדיג צו מארלי.

אין גאָרטען האָט זיך דערהערט א קלינגען פון א גלעקעל. דאָס האָט מען צו פריהשטיק געקלונגען. סערוויני און איוועטא זיינען אריין צוריק אין הויז.

ביים פריהשטיק האָבען זיי זיך אלע געלאנגווייליגט און כמעט ניט גערעדט. די היץ פונ׳ם טאָג האָט אזוי ווי אלצדינג דערשטיקט, פאראליזירט דעם קערפּער און דעם גייסט. די ווערטער זיינען פויל פונ׳ם מויל געקראָכען און יעדע בעוועגונג איז מיט גרויס מיה אָנגעקומען.

איוועטע האָט אויך געשוויגען, נור זי איז געווען די איינציגע, וואָס די היץ האָט איהר ניט געקימערט, און זי איז קוים איינגעזעסען אויף אָן אָרט, ווארטענדיג אונגעדולדיג, אז דער פריהשטיק זאָל זיך ענדיגען.

נאָכ׳ן דעסערט האָט זי זיך אָנגערופען:

— אפשר זאָלען מיר געהן אין וואלד. איצט מוז דאָרט זיין יעהר לופטיג אינ׳ם שאָטען פון די בוימער.

— דו ביזט הפנים פון זינען אראָפּ — האָט שמאכטענד די מארקיזע געזאָגט — איז דען מעגליך צו געהן שפאצירען אין אזא היץ?

דאָס יונגע מיידעל האָט אויסגעשריען מיט היץ:

— וואָס איז, דער באראָן קען בלייבען מיט דיר, כדי דיר זאָל ניט זיין אומעדיג, און איך מיט מוסקאד׳ען וועלען געהן אין וואלד אייפ׳ן בארג. דאָרט וועלען מיר זיך זעצען אויפ׳ן גראָז און לייענען:

און זי האָט זיך א קעהר געטהאָן צו סערוויני׳ן און געפרעגט:

— איהר געהט דאָך, יאָ?

— איך בין גרייט צו דיענען, מאַמזעל — האָט ער געענט־פערט.

איוועטא איז געלאָפען אַנטאָהן איהר הוט.

— זיא איז אויף אַן אמת משוגע—האָט די מארקיזע ארויסגע־רעדט דורך דיא ציינער. אַ דריק געטאָהן דיא אַקסלען און אויסגע־שטרעקט צום באַראָן איהר שעהנע בלאַסע האַנד מיט אַ פערליעב־טער, נור פוילער און מיעדער בעוועגונג.

סאוואל האָט אַ קוש געטהאָן איהרע פינגער מיט אַ לאַנגען דאַנקבאַרען קוש.

אין אַ ווײַלע ארום זיינען סערוויני און איוועטא שוין געוועזען אויפֿן וועג צום אינזעל. צוערשט זיינען זיי געגאַנגען מיט'ן טייך, נור דערנאָך זיינען זיי אריבער דורכ'ן בריק אויף דעם אינזעל און האָבען זיך געזעצט אויפ'ן גראָז, אונטער'ן שאָטען פון טרויערנדיגע ווײַדען ביים סאַמע ברעג טייך. אויף צו געהן אין גרענואַלער איז נאָך געווען צו פריה.

— נו, מוסקאַד, איצט וועט איהר פאַר מיר עפּעס פאַרלעזען — האָט איוועטא געזאָגט ,זיך צולאַכט און ארויסגעשלעפּט אַ בוך פון קעשענע.

ער האָט געוואָלט אַנטלויפען וואָו פעפער וואַקסט.

— האָט רחמנות אויף מיר, מאַמזעל איוועטא, איך בין ניט אויפגעלעגט צו לעזען.

— נו, נו, רעדט ניט! — האָט זי איהם שטרענג איבערגע־שלאָגען—אַ פיינער קאַוואַליער זייט איהר... „אַלץ פאַר גאָר נישט“. דאָס איז דאָך אייער מאָטטאָ, האָ?

ער האָט גענומען דאָס בוך, עס געעפענט און איז געבליבען ווי פערשטיינערט פאַר איבערראַשונג: דאָס איז געווען אַן ענטאָ־מאָלאָגישער טראַקטאַט וועגען מוראַשקעס פון אַן ענגלישען געלעהר־טען. עס איז איהם אייגעפאַלען, אַז זי האָט אומיסטנע איהם גע־געבען דאָס דאָזיגע בוך, כדי צו מאַכען שפּאַס פון איהם.

— נו, פאַר וואָס לייענט איהר ניט? הויבט אָן! — האָט אי־וועטא בעפוילען אונגעדולדיג, ווען זי האָט דערזעהן, אַז ער זיצט נאָך אַלץ אַזוי אונבעוועגליך.

— איהר האָט זיך געווים מיט אימיצען געוועט, אז איהר וועט דורכלייענען דאָס דאָזיגע ווערק? — האָט ער געפרעגט.

— א טעות, מיין ליעבער. איך האָב עס אליין געקויפט אין א בוכהאנדלונג. מען האָט מיר געזאָגט, אז דאָס איז די בעסטע בע־שרייבונג פונ׳ם לעבען פון מוראשקעס און איך האָב בעשלאָסען עס אונבעדינגט דורכצולייענען ערגעץ אין וואלד, וואו איך וועל גלייכ־צייטיג קענען בעמערקען די בעוועגונגען פון דער דאָזיגער קליינצינ־קער אינטערעסאנטער חיה׳לע. נו, לעזט.

זי האָט זיך אויסגעצויגען אין גאנצען וואוקס מיט׳ן פנים צו דער ערד, אונטערגעשפאַרט דעם קאָפּ מיטביידע הענד און ניט ארונטערגענומען די אויגען פונ׳ם גראָז.

סערוויני האָט געלעזען:

„דיא מענשען - עהנליכע מאַלפּעס זיינען אהן ספק נעהענטער פון אלע חיות צום מענשען לויט זייער אנאטאמישען געבוי. נור אויב איהר וועט זיך צוקוקען צו די זיטען פון די מוראשקעס, וועט איהר געווים קומען צום בעשלוס, אז זיי האָבען פולע רעכט צו שטעהן מיט די מענשען כמעט אויף דער זעלביגער ענטוויקלונגס־שטופע. בע־מערקט נור, ווי זיי לעבען אין בעזונדערע געזעלשאַפטען, זעהט די מערקווירדיגע אָרגאַניזאציאָן פון זייער קאָמונע. די הייזער און וועג־גען, וואָס זיי בויען אוים. זעהט, ווי זיי פערשטעהען, ווי אויסצודרע־סירען אנדערע אינזעקטען צו אַרבייטען פיר זיי און מאַכען זיי זאָגאר פיר זייערע קנעכט".

סערוויני האָט ווייטער געלייענט מיט א מאָנאָטאָנער שטימע און פון צייט צו צייט האָט ער זיך אונטערבראָכען און געפרעגט:

— אפשר זאָל שוין זיין גענוג?

איוועטא האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און געפּאָדערט, אז ער זאָל ווייטער לייענען. זי האָט אין גראָז געפונען א מוראשקע, האָט זיא עס אַרויסגעריסען צוזאמען מיט׳ן גרעזעל און איצט האָט זיא גע־צוואונגען די מוראשקע צו לויפען הין און צוריק איבער דעם דאָ־זיגען גרעזעל און יעדעס מאָל, ווען דער קליינער אינזעקט איז שוין צוגעקראָכען ביז צו א ברעג, האָט זי דאָס גרעזעל איבערגעדרעהט.

דאָס יונגע מיידעל האָט זעהר אויפמערקזאָם אויסגעהערט אלע איינצעלהייטען פון דעם מערקווירדיגען לעבען פון די דאָזיגע קליי־נע אינזעקטען.

עס האָט איהר זעהר פּעראינטערעסירט די בעשרייבונג פון זייערע אונטעראירדישע וואָהנונגען אין די ערקלעהרונגען, ווי זיי באַפען, פערשפּארען, האָדעווען און ערנעהרען אזוינע ווערימלאך כדי זיי זאָלען דערנאָך אליין קאָנען זיך ערנעהרען מיט דער זיסליי־כער פליסיגקייט, וואָס דיא דאָזיגע ווערימלאך לאָזען ארויס, פּונקט ווי מיר מענשען האָדעווען קיה, כדי צו געניסען זייער מילך. זי האָט אויפמערקזאם זיך צוגעהערט צו דער בעשרייבונג, ווי די מוראַש־קעס דרעסירען אויס קליינע בלינדע אינזעקטען און צווינגען זיי צו רייניגען זייערע הייזער, ווי זיי געהן אויף מלחמות און ברענגען זיך שקלאַפען, און די דאָזיגע שקלאַפען דיענען זיי דערנאָך אזוי אונ־טערטהעניג און צובאַלעווען זיי אזוי, דאָס די מוראשקעס געוואוינען זיך אָפּ פון צו עסען אליין און זייערע שקלאַפען מוזען זיי קאָר־מענען.

די דאָזיגע אַלע בעשרייבונגען האָבען אין איוועטא׳ן ערוועקט אַ געפיהל פון מוטערליכער צערטליכקייט צו דעם דאָזיגען קליינעם, נור אזוי קלוגען אינזעקט. זי האָט מיט התפעלות געקוקט, ווי די מוראשקע קריכט הין און צוריק איבער׳ן גרעזעל און איהר האָט זיך פערגלוסט זיא אַ קוש צו טהאָן.

און סערוויני האָט אַלץ ווייטער און ווייטער געלייענט וועגען דעם לעבען פון דיא מוראשקעס, ווי זיי שפּיעלען זיך, ווי זיי פּעכ־טען צווישען זיך, כדי צו ווייזען זייער געשיקטקייט און קראפט. פאר גרויס התפעלות האָט איוועטא זיך איינגעבויגען, אַ קוש צו טהאָן די מוראשקע. נור זי האָט זיך פון איהרע הענד ארויסגעריסען און אָנגעהויבען לויפען איבער איהר פנים. דאן האָט איוועטא אַ קווימשע געטהאָן און אָנגעהויבען פערצווייפעלט זיך צו פּאַטשען מיט די הענד איבער׳ן פנים, כדי ארונטערצוטרייבען דעם אינזעקט. סערוויני האָט געלאַכט ווי אַ משוגענער. ער האָט געכאַפּט דיא מו־ראשקע שוין כמעט אין איוועטא׳ס האָאר, און ווען ער האָט זי ארונטערגענומען, האָט ער דאָס יונגע מיידעל לייַדענשאַפּטליך אַ קוש געטהאָן אין שטערען. איוועטא האָט זיך ניט אָפּגערוקט.

— פונדעסטוועגען איז דאָס אינטערעסאנטער ווי אַ ראָמאַן!

— האָט זי געזאָגט, אויפשטעהענדיג: — איצט געהן מיר אין גרענוילער.

זיי זיינען צוגעגאנגען ביז צו יענעם טהייל פון דער אינזעל,

וואו עס הויבט זיך אן א פארק פון הויכע, שאטענדיגע בוימער. אויפ׳ן ברעג פון׳ם טייך האבען ערטערווייז פארלעך שפאציערט און אויף׳ן וואסער האבען געשוואומען א סך שיפלעך. אין די שיפלעך זיינען געזעסען מיידלעך פון׳ם בעוואוסטען סארט מיט זייערע קאוואליערען, אדער דיענסטען מיט זייערע געליעבטע. די מאנספארשוינען זיינען געזעסען אהן רעקלאך, נור אין וועסטען, מיט די הויכע היט פעררוקט אויף׳ן נאקען, און זיי האבען אויסגעזעהן אזוי מיעד און אפגעלעבט. עס זיינען דא אויך געווען בכבודיגע בירגער־פאמיליען ,זייערע אויסגעפוצטע פרויען און א מענגע קינדער, וואס האבען וויא קליינע הינדעלאך ארומגערינגעלט זייערע עלטערען.

אין דער לופט האט זיך געטראגען א טומעל פון שטימען. עס האט זיך געהערט עפעס אן איינגעהאלטענער גערויש, וואס איז צוגעקומען אלץ נעהענטער. דאס איז צוגעשוואומען דער שווימענדיגער רעסטאראן גרענולער. וואס איז אזוי בעליעבט געווען ביי דיא שיפער.

פלוצים האבען זיי איהם דערזעהן, דעם דאזיגען בעריהמטען רעסטאראן. דאס איז געווען א גרויסע בארקע מיט א דאך. אויף׳ן דעק זיינען אויסגעשטעלט געווען טישלאך און ארום זיי זיינען געזעסען א מענגע האלב־שיכור׳ע פרויען און מענער. זיי האבען אלע געשריען, געזונגען און א סך פון זיי האבען זאגאר געטאנצט אונטער דיא טענער פון א פאלשער און צובראכענער פארטעפיאנא.

צוויי הויכע דונקעלע מיידלאך מיט א זעהר בולט׳ען ביוסט זיינען ארומגעגאנגען צווישען די טישלאך און האבען זיך צו אלעמען געטשעפעט, געקוויטשעט, הויך געלאכט און זיך געזידעלט מיט די שענדליכסטע ווערטער. דא און דארט זיינען געזעסען האלב־נאקעטע מאנספארשוינען אין געשטריקטע לייבלעך אהן ארבעל און אין קורצע לייוועגדנע הויזען, מיט קאלירטע היטעלאך אויף די קעפ, אזעלכע ווי די זשאקעען טראגען.

פון דער דאזיגער גאנצער קאמפאניע האט זיך געטראגען א שרעקליכער גערוך פון שוויים און פון שלעכטער פודרע.

דער עולם ארום דיא טישלאך האט געטרונקען ווייסע, רויטע, געלע און גרינע ליקערען, געשריען, געזידעלט זיך, געבראכען כלים און זיך בעמיהט אנצומאכען וואס מעהר געפילדער ,ווייל ער האט

געפיהלט דיא ברוטאלע בעדירפניש צו בעטויבען קאפּ און אויערען אין׳ם וויין און טומעל.

פון צייט צו צייט האָט איינער פון דיא שווימער זיך ארונטער־געוואָרפען פון׳ם דאך. אין דאס וואסער אריין, און בעשפריצט אזוי ווי מיט א רעגען דיא אלע, וואס זיינען געזעסען ארום דיא טישלאך ביים ברעג פון דער בארקע. זיי האָבען איהם דערפאר געזידעלט און געשאָלטען און געשריען אויף איהם ווי ווילדע.

און איבער׳ן טייך זיינען נאָכאנאנד דורכגעפלויגען לייכטע שיפעלאך. די רודערער האָבען זיך איבעריאָגט איינער דעם אנדערן, האָבען שטארק געארבייט מיט זייערע רודערס און די מוסקולען פון זייערע ברוינע הענד זיינען ווי אָנגעשוואָלען געוואָרען פון אנ־שטרענגונג. די דאמען זייערע, אין בלויע אָדער רויטע פלאנעלענע קליידער, זיינען געזעסען פון הינטען אָפּגעלעגט אויף זייערע שטוה־לען אין אונבעוועגליכע פאזען. זיי זיינען אלע געווען אָהן היט און האָבען זיך בעשיצט פון דער ברענענדיגער היץ מיט בלויע אָדער רויטע שירעמס, וועלכע האָבען געגלאנצט אונטער דער זון.

אויסער די דאָזיגע קליינע און פלינקע שיפלאך זיינען אויך גע־ווען גרויסע, שווערע שיפען, אָנגעפּאקט מיט מענשען. עפּעס א שי־לער פון א קאללעדזש האָט זיך שטארק צוהוליעט. זיצענדיג איינער אליין אין א קליין שיפעל, האָט ער געוואָלט ארויסווייזען, ווי קונציג ער קאן רודערען און האָט אויפגעהויבען די רודערס אזוי ווי די פליגעל פון א ווינד־מיהל. ער האָט זיך נאָכאנאנד פערטשעפּעט אן אנדערע שיפלאך, כסדר זיך אן אימיצען אָנגעשטויסען און פון אלע זייטען ארויסגערופען קללות און זידלערייען.

צום סוף האָט ער שיער ניט דערטרינקען צוויי שווימער און דאן האבען זיך אויף איהם א שאָט געטאָהן זידלערייען שוין פון דער גאנצער מאססע מענשען, סיי פון׳ם ברעג און סיי פון׳ם רעס־טאָראן.

איוועטא איז געווען גליקליך. זי האָט גענומען סערוויני׳ן אונ־טער דער האנד און זיך בעוועגט צווישען דער דאָזיגער שרייענדיגער מענגע. עס האָט איהר ניט געקימערט וואס מען האָט זיא געשטוי־סען, און זי האָט מיט גרויסער נייגעריגקייט בעטראכט די פרויען.

— טהוט נור א קוק אָט אויף דער, מוסקאד! וואס פיר א

שעהנע האָר זיא האָט ! ווי עס ווייזט אויס, איז זיי דאָ אלעמען זעהר פרעהלאך !

א מוזיקאנט, אין א רויטען באדע־קאָסטום און מיט א גרויסער שטרויענער הוט, האָט אנגעהויבען צו שפּיעלען א וואלץ. איוועטא האָט א כאַפּ געטהאָן איהר קאוואליער און זיך אָנגעהויבען ווילד צו דרעהען צוזאמען מיט דער גאַנצער איבעריגער מאססע. זיי האָבען אזוי לאנג און ווילד געטאַנצט, ביז אלע האָבען גענומען קורקען אויף זיי. אין׳ם רעסטאָראן איז דער גאנצער עולם ארויפגעקראָכען אויף די טישלאך און צוגעקלאפּט מיט די פים צום טאַקט. אַנדערע האָבען גענומען קלאַפּען מיט די גלעזער צים טאַקט. דער מוזיקאנט איז גאָר פון די כלים ארויס, האָט געקלאפּט ווי א משוגענער אויף די ביינערנע קלאווישען, אונטערגעהאָטשקעט זיך צום טאַקט מיט׳ן גאַנצען קערפּער און דערביי האָט ער געדרעהט אויף אלע זייטען דעם קאָפּ מיט דער גרויסער שטרויענער הוט.

פּלוצים האָט ער אָפּגעהאַקט דאָס שפּיעלען און אָהן כחות זיך ארונטערגעגליטשט פון׳ם שטוהל אויף דר׳ערד, אזוי ווי ער וואָלט גע׳חלש׳ט פון מיעדקייט. פון׳ם פאל איז די הוט ארונטערגעפאָהרען פון זיין קאָפּ. עס האָט אויסגעבראָכען א פרעהליכער, ווילדער געלעכטער און אלע האָבען הויך אפּלאָדירט.

צו איהם זיינען צוגעלאָפען פיער מענער, אזוי ווי מיט איהם וואָלט אָן אונגליק פּאסירט ; זיי האָבען איהם אויפגעהויבען פיר די הענד און די פים און איהם אויף׳ן בויך די הוט ארויפגעלעגט.

אימיצער האָט אָנגעהויבען צו זינגען „דע פּראָפונדים“ און נאָך דעם כלומרשטדיגען מת האָט זיך געלאָזט געהן א גאַנצע לויה, צו וועלכער עס זיינען צוגעשטאַנען אלץ מעהר און מעהר מענשען.

איוועטא האָט זיך אויך געלאָזט געהן גלייך מיט אלעמען. זי איז געוועזן לוסטיג און פרעהלאך. האָט געלאַכט פון׳ם גאַנצען הארצען, מיט אלעמען געשמועסט, היגגעריסען פון דעם ארומיגען פרעהליכען טומעל. די יונגע לייט האָבען איהר אריינגעקוקט אין דאָס געזיכט אריין, האָבען זיך נעהענטער גערוקט צו איהר, זי ווי ארומגעשמעקט און ווי מיט די אויגען זיא געשענדעט. און סערוויני האָט אָנגעהויבען מורא צו האָבען, אז דאָס אלעס זאָל זיך אמאָל ניט ענדיגען מיט א מיאוס׳ן סוף.

דיא לויה איז געגאנגנגען אלץ ווייטער און אלץ מיט שנעלערע טריט. באלד האבען די, וואס האבען דעם מוזיקאנט געטראגען, אנ־געהויבען צו לויפען, און די גאנצע מאססע האט זיך מיט א געשריי א לאז געטהאן נאך זיי. זיי זיינען געלאפען גלייך צום ברעג צו און פלוצים זיינען זיי געבליעבען שטעהן ביים סאמע טייך, האבען גוט אנגעשאקעלט דעם מוזיקאנט און איהם אריינגעווארפען אין וואסער.

די גאנצע מאסע האט פרעהלאך געגומען קווימשען, און דער אונגליקליכער מוזיקאנט האט זיך פערצווייפעלט ארומגעווארפען אין'ם וואסער, געזידעלט, געהוסט, געשפייט און אומזיסט געזוכט ארויסצוראטעווען זיך אויפ'ן ברעג. זיין הוט האט דער שטראם אוועקגעטראגען. נור באלד האט א שיפעל זי אנגעיאגט און זי ארויס־גענומען.

איוועטא האט פאר שמחה אונטערגעטאנצט און אין די הענד געפאטשט.

— אה, מוסקאד, מיר איז אזוי פרעהלאך, מיר איז אזוי פרעה־לאך! — האט זיא געשריען.

סערוויני האט זיא ערנסט אנגעקוקט. ער איז געווען אביסעל ערשטוינט, אביסעל פערלעגען און אנצופריעדען דערפון, וואס זי פיהלט זיך אזוי פריי און בעקוועם צווישען דער דאזיגער מיאוסער, אויסגעלאסענער מענגע. זיין אינסטינקט פון אנשטענדיגקייט האט פראטעסטירט געגען די דאזיגע אלע מיאוס'ע מעשים, יענער אינ־סטינקט, וואס האלט איין אלע מאל א מענשען פון א שעהנער פא־מיליע און מיט א שעהנע ערציהונג אין געוויסע גרענעצען, מעג ער ווי לוסטיג זיין, און דאדורך בעשיצט ער זיך פון בעריהרונגען און בעציהונגען, וואס קאנען איהם בעליידיגען.

— מען קען פון דעם דערקענען, ווער דו ביזט! — האט סערוויני געטראכט, קוקענדיג אויף איוועטא'ן.

און עס האט זיך איהם פערגלוסט אנהייבען צו ריידען צו איהר, אזוי ווי א מאן רעדט צו פשוט'ע גאסען־פרויען. איצטער האט ער זי ניט אונטערשיידעט פון די איבעריגע מיידלאך, וואס זיינען מאַ־סענווייז געשטאנען ארום איהם און געשריען פערשיעדענע מיאוס'ע ווערטער מיט זייערע הייזעריגע שטימען. די דאזיגע מיאוסע ווערטער האבען זיך ארומגעדרעהט איבער דער דאזיגער מאסע און קיינער האט זיך וועגען זיי ניט געקימערט, קיינער האט זיך פון זיי ניט בע־

ליידיגט. אפילו איוועטא אליין האָט זיי אויך אזוי ווי ניט בעמערקט.

— איך וויל זיך באדען, מוסקאד — האָט זיא פלוצים ער־קלערט — קומט מיט מיר.

— גוט ! — האָט ער געזאָגט.

זיי זיינען אוועק אין דעם פלאַץ, וואו מען נעהמט באדע־קאָס־טומען.

דאָס יונגע מיידעל איז די ערשטע געקומען צום ברעג, האָט דאָרט געוואַרט אויף׳ן סערוויני׳ן און געשמייכעלט צו אלעמען, ווער עס האָט אויף איהר געקוקט.

זיי זיינען צוזאמען אריין אין דעם ווארימען וואסער און באלד האָבען זיי אָנגעהויבען צו שווימען.

זי האָט געשוואומען מיט פערגעניגען, אזוי ווי פערשיכור׳ט, איינגעוויעגט פון די כוואליעס. זיא האָט אין גאַנצען אויפגעציטערט פון קערפערליכען חיות, און דרייסט און שנעל, און ליידענשאַפטליך האָט זי זיך בעוועגט פאָרווערטס.

סערוויני האָט קוים געקאָנט איהר נאָכהאלטען, דער אָטהעם האָט איהם אויסגעפּעהלט און עס איז איהם אונאַנגענעהם געווען, וואָס זי שווימט בעסער ווי ער.

דאן האָט זיא זיך פלוצים פלינק איבערגעקעהרט, זיך געלעגט אויף׳ן רוקען, די הענד אויף דער ברוסט און אָנגעהויבען צו קוקען אין בלויען הימעל.

סערוויני האָט גערינ בעטראַכט די שעהנע ליניען פון איהר אויסגעצויגענעם קערפער אויף׳ן וואסער. דורך דעם דינעם דורכגע־נעצטען שטאָף פון איהר באדע־קאָסטום האָט ער דייטליך געזעהן איהר שטייפע מיידעלשע ברוסט, איהרע רונדע אַקסלען, איהרע היפ־טען, האָט געזעהן איהר בויך, וואָס האָט זיך קוים־קוים געהויבען, איהרע נאַקעטע קניע און די דינע, שלאַנקע פיס, וואָס האָבען האלב ארויסגעשטעקט פון׳ם וואסער.

עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אז איוועטא האָט אומיסטנע אזוי ארויסגעשטעלט איהר קערפער, כדי איהם צו פערפיהרען. מיינט עס, אז זי שטימט איין — האָט ער א טראַכט געטהאָן — אָדער רייצט זי זיך ווידער מיט מיר ! קיינמאָל האָט ער זי ניט בעגעהרט מיט אזא נערוועזער אָנשטרענגונג און מיט אזא ברענענ־דיגער ליידענשאַפט ווי אין דעם דאָזיגען אויגענבליק.

פלוציס האָט זי א קוק געטהאָן אויף איהם און זיך הויך צי־לאכט:

— ווי קאָמיש איהר זעהט אויס!

סערוויני האָט זיך בעליידיגט פון דער דאָזיגער שפּאָטישער בעמערקונג. זי האָט שארף אָנגעריהרט זיין אייגענע ליעבע און אין איהם האָט זיך ערוועקט דער צאָרן פון אן אויסגעלאכטען פערליעב־טען. איהם האָט זיך פערוואלט נוקם זיין זיך אָן איהר מיט עפּעס, זאָגען איהר א שטאָך־וואָרט, בעליידיגען זי, און ער האָט געזאָגט:

— וואָלט איהר געוואָלט פיהרען אזא לעבען?

— וואָס פיר א לעבען? — האָט איוועטא געפרעגט.

— נו, גענוג. לאכט ניט פון מיר, איהר פערשטעהט, וואָס איך מיין.

— עהרענוואָרט, ניין.

— אה, גענוג שוין די קאָמעדיע... איהר ווילט צו איהר ווילט ניט?

— איך פערשטעה אייך ניט.

— וואָס מאכט איהר זיך פיר אזא נארעלע.... איך האָב דאָך שוין געכטען מיט אייך אויך גערעדט וועגען דעם.

— וועגען וואָס? איך האָב שוין פערגעסען.

— אז איך ליעב אייך.

— איהר?

— יאָ, איך.

— געהט שוין, ווייס איך וואָס איהר רעדט!

— איך שווער אייך!

— אויב איהר ליעבט, דארפט איהר עס בעווייזען.

— דאָס וואָס איך וויל טאָקי.

— וואָס ווילט איהר?

— בעווייזען, אז איך ליעב אייך.

— נו, בעווייזט.

— נעכטען אבענד האָט איהר דאָס ניט געזאָגט.

— ווייל איהר האָט מיר גאָר נישט פארגעלעגט.

— וואָס רעדט איהר?

— און אויסער דעם מוזט איהר זיך צוערשט ווענדען ניט צו מיר.

— צו וועמען דען ?
— צו מיין מאמע'ן, נאטירליך.
סערוויני האט זיך הויך צולאכט.
— צו אייער מוטער ? דאס איז שוין אביסעל צופיעל !
איוועטא איז מיט אמאל געווארען זעהר ערנסט און, קוקענדיג איהם גלייך אין די אויגען, האט זי געזאגט :
— הערט נור אויס, מוסקאד, אויב איהר ליעבט מיך ווירקליך און איהר ווילט חתונה האבען מיט מיר, מוזט איהר צוערשט ריידען מיט דער מאמען, און דאן ערשט וועל איך אליין אייך אויך געבען מיין ענטפער.
איהם האט זיך אויסגעוויזען, אז זי לאכט ווידער פון איהם און איז שוין גאר ארויס פון די כלים.
— מאמזעל, איהר מאכט חוזק פון מיר, הא ?
זי האט נאך אלץ געקוקט אויף איהם מיט איהרע העלע, לאס־צענדיגע אויגען. דערנאך האט זי זיך צולאכט און ארויסגע־מורמעלט :
— איך וויים ניט, איך פערשטעה אייך נאך אלץ ניט.
— גענוג, אעוועטא, שוין צייט צו מאכען א סוף צו דער דאזי־גער נארישער קאמעדיע, זי געדויערט שוין אזוי אויך צו לאנג !— האט סערוויני שנעל געזאגט אין א בייזען און שארפען טאן — מאכט זיך ניט פיר אזא נאאיווע, נארישע מיידעלע, גלויבט מיר, די דאזיגע ראלע פאסט אייך גאר ניט. איהר ווייסט אליין גאנץ גוט, אז אין דעם פאל איז גאר ניטא וואס צו ריידען וועגען חתונה האבען, נור וועגען... ליעבע.... איך האב אייך געזאגט, אז איך ליעב אייך און דאס איז אמת. איך קאן אייך נאך אמאל זאגען, אז איך ליעב אייך. הערט שוין אויף זיך צו פארשטעלען, אזוי ווי איהר פערשטעהט מיך כלומרשט ניט און מאכט מיך ניט צום נארען.

זיי האבען זיך געהאלטען אויף'ן וואסער כמעט שטעהענדיג, איינער געגען אנדערען, און נור פון צייט צו צייט האבען זיי מיט די הענד איבער דאס וואסער געפאטשט. איוועטא איז נאך עטליכע רגע'ס געבליעבען אונבעוועגליך, אזוי ווי זי וואלט ניט געוואגט אריינצודרינגען אין דעם אמת'ען זין פון די דאזיגע ווערטער. דער־נאך איז זיא מיט אמאל רויט געווארען ביז איהרע האאר־ווארצלען. איהר גאנצער פנים האט אויפגעפלאמט און די אויערען זיינען כמעט

בלוי געווארען. זי האט קיין ווארט ניט געזאגט, זיך ראפטאם אומגעדרעהט און מיט'ן גאנצען כוח געגומען שווימען צום ברעג. סערוויני האט זי ניט געקענט אניאגען. ער האט זיך אנגעשטרענגט, געארבייט מיט'ן גאנצען כוח; איוועטא איז אבער אלץ ווייטער און ווייטער פון איהם אוועקגעשוואומען.

דאן האט ער דערזעהען, ווי זי איז פון'ם וואסער ארויס, ווי זי האט א ליילאך אויף זיך ארויפגעווארפען און איז אוועקגעלאפען, ניט אומקוקענדיג זיך קיין איין מאל הינטער.

סערוויני איז אויך ארויס פון'ם טייך. עס האט לאנג געדויערט ביז ער האט זיך אנגעקליידעט. ער האט געטראכט, וואס איצט צו טהאן, ווי אזוי צו האנדלען, און זיך אלץ מיישב געווען, צו זאל ער זי איבערבעטען אדער ווייטער פערלאנגען דאס זעלבע.

ווען סערוויני האט זיך ענדליך אנגעטהאן, איז איוועטא שוין לאנג געהאט אוועקגעגאנגען אהיים, און ער האט זיך ווידער צו־ריקגעקעהרט איינער אליין, פערזארגט, אונצופריעדען און צומישט.

די מארקיזע האט געשפאציערט אין'ם גארטען געארעמט מיט סאוואל'ן.

ווי נור זי האט דערזעהן סערוויני'ן, האט זיא גלייכגילטיג צו איהם געזאגט מיט דער אייגענער שמאכטענדיגער, פוילער שטימע, ווי זי האט נעכטען גערעדט:

— ניט אומזיסט האב איך אייך געווארענט, איהר זאלט אין אזא היץ ניט ארויסגעהן, איוועטא האט שיער ניט געקראגען א היטץ־שלאג. זי איז געגאנגען זיך לעגען שלאפען. דער קאפ טהוט איהר שרעקליך וועה. איהר האט מסתמא געשפאצירט אויף דער זון אדער אפגעטאן נאך עפעס. ווייס איך וואס פיר א נארישקייטען?... אויף מיין ווארט, איהר זייט אליין אויך ניט פיעל קליגער פון איהר!

איוועטא איז ניט ארונטערגעקומען אפילו צו מיטאג, און ווען מען האט איהר ארויפגעשיקט עסען, האט זיא דורך דער טהיר גע־ענטפערט, אז זי וויל ניט עסען, אז זי האט די טהיר פערשפארט און בעט, אז מען זאל זיא לאזען צורוה.

דיא געסט זיינען אוועקגעפאהרען מיט דעם צעהן אזייגער צוג און זיי האבען צוגעזאגט ווידער צו קומען דאנערשטאג. און די מארקיזע האט זיך אוועקגעזעצט ביים אפענעם פענסטער און זיך פערטיעפט אין איהרע טרוימען, הערענדיג די ווייטע טענער פון'ם

אָרקעסטער אין׳ם רעסטאָראַן גרענולער. די פרעהליכע טענער פון די טענץ זיינען וויא ארומגעשפרונגען אין דער פייערליכער שטילקייט פון דער נאַכט.

די מאַרקיזע האָט די ליעבע געליעבט, אַזוי ווי ספּאָרטס־לייט האָבען ליעב פערד, שווימען און אנדערע ספּאָרטען. צייטענווייז האָט זי בעקומען אַזוינע אַנפאַלען פון צערטליכקייט. ווי די אַנפאַלען פון עפּעס אַ שאַרפער קראַנקהייט. דאַן האָט די ליידענשאַפט זי מיט אַמאָל בעפאַלען, זי בעהערשט אין גאַנצען, זי משוגע געמאַכט, די לעבעדיגער געמאַכט אָדער צוגעשטיקט, עס האָט זיך געווענדעט פון דער אייגענשאַפט פון דער ליעבע, צי זי איז געוועזן אַן אויפּרע־גענדיגע, אַ דראַמאַטישע אָדער אַ סענטימענטעלע.

די מאַרקיזע איז געוועזן איינע פון יענע פרויען, וואָס זיינען אַזוי ווי בעשאַפען צו ליעבען אָדער צו זיין געליעבט.

זי האָט געשטאַמט פון זעהר אַ ניעדריגער פאַמיליע און האָט די ליעבע פיר איהר פּראָפעסיאָן געמאַכט. די מאַרקיזע האָט שטענדיג געהאַנדעלט אינסטינקטיוו. ווערענדיג געפיהרט דורך איהר נאַטיר־ליכען אינסטינקט. האָט זי בעוויזען צו נעהמען געלד פיר די ליעבע און עס זאָל אויסקומען נאַטירליך און ניט שמוציג. אינסטינקטיוו האָט זי גוט פערשטאַנען די מענשען און האָט דעריבער געקאָנט בע־זייטיגען די שמוציגקייטען און די אונאַנגענעהמליכקייטען פון איהר קורטיזאַנישען לעבען. אין איהרע אָרמס זיינען אויסגעוועזן פיעל מענער און צו אַ סך פון זיי האָט זי ניט געפיהלט קיין ליעבע, נור גלייכצייטיג האָט זי אָהן שום עקעל פערטראָגען זייערע צערטליכ־קייטען.

די דאָזיגע צערטליכקייטען האָט זי פערטראָגען מיט אַ רוהיגער גלייכגילטיגקייט, אַזוי ווי מען פערטראָגט אָפט אין וועג שלעכטע שפּייזען און מען עסט זיי אָהן שום טענות, ווייל עפּעס עסען מוז מען דאָך. נור פון צייט צו צייט איז זי אין גאַנצען אויפגעפלאַמט געוואָרען און דעמאָלט האָט זי זיך אין גאַנצען אָפּגעגעבען איהר ליידענשאַפט. דאָס האָט מאַנכעסמאָל געדויערט עטליכע וואָכען, מאַנכעסמאָל עטליכע מאָנאַטען, עס האָט זיך געווענדעט אָן די גייס־טיגע און פיזישע מעלות פון איהר געליעבטען.

דאָס זיינען געוועזן די שעהנסטע, די גליקליכסטע מינוטען אין איהר לעבען. זיא האָט דאַן געליעבט מיט איהר גאַנצער נשמה, מיט

איהר גאַנצען קערפּער. זיא האָט זיך דעמאָלט אַריינגעוואָרפען אין די דאָזיגע ליעבע ווי מען וואַרפט זיך אַריין אין א טייך, ווען מען וויל דערטרונקען ווערען. אין גאַנצען פער'שיכור'ט און ווילד פון דער ליעבע, איז די מארקיזע אין עקסטאַז פון גליק גרייט געווען אפילו צו שטאַרבען, ווען דאָס וואָלט נויטיג געווען. דערצו נאָך האָט זי זיך יעדעס מאָל ביי יעדער נייער ליעבע איינגעבילדעט, אז ביז איצט האָט זי נאָך קיינמאָל אַזוינס ניט געפיהלט און זי וואָלט זיך זיכער זעהר געוואונדערט, ווען מען וואָלט איהר אין דער דאָזיגער מינוט דערמאָנט אָן די אַלע יעניגע מענער, וועלכע זי האָט אויך אזוי גע־ליעבט און וועגען וועלכע זי האָט אויך אַזוי ווי איצט געטרוימט גאַנצע נעכט, קוקענדיג אויף די ליכטיגע שטערען.

סאַוואַל האָט זי פערשקלאַפט, בעהערשט איהר גאַנצען וועזען און זי האָט געקלעהרט וועגען איהם, איינגעוויעגט דורך די ערזאינע־רונגען פון אַלסדינג, וואָס איז געשעהן, בעפריעדיגט און גליקלעך מיט איהר פאַלשטענדיגען, גרענצלאָזען גליק.

א לייכטער נערוויש האָט זי אויפגעוועקט פון איהרע טרוימען, זי האָט זיך אומגעדרעהט. אין צימער איז אַריינגעקומען איוועטא. זי איז נאָך אַלץ געקליידעט געווען אין איהר ראָזעווען מאָרגען־קלייד, נור איצט איז זי געווען שטאַרק בלייך און איהרע אויגען האָ־בען געברענט, וויא עס טרעפט נאָך א שטאַרקער מיעדקייט.

איוועטא האָט זיך אָנגעשפּאַרט אַן דעם אָפענעם פענסטער, גלייך געגען איהר מוטער, און געזאָגט צו איהר:

— איך דאַרף מיט דיר וועגען עפּעס ריידען.

די מארקיזע האָט זי פערוואונדערט אָנגעקוקט. זי האָט זי געליעבט מיט מוטערליכען עגאָאיזמוס, שטאָלצירט מיט איהר שענקייט, ווי מען שטאָלצירט מיט רייכקייט. זי איז נאָך אַליין גע־ווען צו שעהן, אז זי זאָל איהר קאָנען מקנא זיין, און צו גלייכגילטיג, אז זי זאָל קאָנען האַנדלען מיט איהר, ווי מען האָט זי פערדעכטיגט, און צו קלוג, אז זי זאָל ניט אָנערקענען דעם גרויסען ווערטה, וואָס עס האָט פיר איהר געהאַט איוועטא'ס שעהנקייט.

— נו, זאָג, מיין קינד, וואָס דו ווילסט, איך הער — האָט די מארקיזע געזאָגט.

איוועטא האָט זי דורכגענומען מיט איהר בליק, אזוי ווי זי וואָלט געוואָלט אַריינדרינגען אין איהר נשמה און זעהן, וואָס פיר אַן

איינדרוק איהרע ווערטער וועלען מאכען אויף איהר.

— עס איז אזא געשיכטע... היינט איז פארגעקומען א זעהר וויכטיגע געשעהעניש.

— וואס איז?

— דע־סערוויני האט זיך מיר אין ליעבע ערקלעהרט.

די מארקיזע איז געווארען אונרוהיג, געווארט אויף ווייטערע ערקלעהרונגען, נור זעהענדיג, אז איוועטא שווייגט, האט זי אליין געפרעגט:

— וואס האט ער דיר געזאגט? ווי אזוי האט ער עס דיר געזאגט? דערצעהל מיר.

דאס יונגע מיידעל האט זיך ארונטערגעלאזט אויף דער ערד נעבען איהר מוטער'ס פיס, צערטליך זי אנגענומען פירביידע הענד און ארויסגעמורמעלט:

— ער האט מיך געבעטען צו ווערען זיין פרוי.

— סערוויני? ביזטו ביים זינען? — האט די מארקיזע זיך א כאפ געטהאן.

איוועטע האט פון איהר די אויגען ניט ארונטערגענומען און יוען זי האט בעמערקט איהר פערוואונדערונג, האט זי ערנסט געפרעגט:

— פאר וואס דענקסטו, אז איך בין ניט ביים זינען? פאר־וואס זאל סערוויני ניט וועלען חתונה האבען מיט מיר?

די מארקיזע איז צומישט געווארען און האט אנגעהויבען צו שטאמלען:

— דו האסט געווים א טעות געהאט. עפעס מוז דא זיין ניט גלאט. דו האסט ניט גוט געהערט אדער ניט פערשטאנען. סערוויני איז צו רייך פאר דיר און ער איז צופיעל פאריזער, ער זאל וועלען מיט דיר חתונה האבען.

איוועטא האט זיך פאמעלאך אויפגעהויבען.

— אבער ווען ער ליעבט מיך, מאמע, ווי ער זאגט?

איהר מוטער האט געענטפערט אונגעדולדיג:

— איך האב געמיינט, אז דו קאנסט שוין פיעל־ווענינ דאס לעבען און ביזט אויף אזוי פיעל פערשטענדיג, אז דו וועסט זיך ניט איינבילדען אזעלכע זאכען. סערוויני איז א לעבע־יונג און א עגאאיסט. ער וועט חתונה האבען נור מיט א פרוי פון זיין קרייז.

מיט א זעהר רייכע פרוי. אויב ער האט דיר עפעס פארגעלעגט, האט ער נור געמיינט... האט ער נור געמיינט....

די מארקיזע, ניט וויסענדיג, ווי אזוי עס קלאר צו מאכען פאר איהר טאכטער וואס ער האט געמיינט, האט זי זיך פארהאקט אין מי־טען און דערנאך האט זי געזאגט אין א שארפען טאן:

— לאז מיך, איך בעט דיך, צורוהע, און געה שלאפען.

דאס יונגע מיידעל האט זיך אזוי ווי דערוואוסט אלצדינג, וואס זי האט געוואלט וויסען, און האט אונטערטהעניג געענטפערט:

— גוט, איך געה.

זי האט דער מוטער א קוש געטהאן אין שטערען און זיך רוהיג געלאזט געהן. ווען זי איז שוין געווען נעבען דער טיר, האט די מארקיזע זי ווידער א רוף געטהאן:

— וואס מאכסטו אין געזונד? ווי איז דיין קאפ?

— מיר האט גאר ניט וועה געטהאן. איך בין נור אויפגע־רעגט געווארען פון דעם, וואס איז געשעהן.

די מארקיזע האט בעמערקט:

— מיר וועלען בעסער פון דעם ניט ריידען. נור איך בעט דיך, בלייב ניט מיט איהם אליין, אפילו א קורצע צייט אויך ניט, און געדענק איין מאל פאר אלע מאל, אז ער וועט מיט דיר ניט חתונה האבען און אז ער וויל דיך נור קאמפראמעטירען. דו פער־שטעהסט?

זי האט בעסער ניט געקענט אויסדריקען איהר געדאנק. אי־וועטא איז אוועק צו זיך אין צימער.

מאדאם אבבארדי האט זיך פארטראכט.

לעבענדיג אין אן אייביגען זיסען פערגעסען, האט זי פון זיך זארגפעלטיג אוועקגעטריבען אלצדינג, וואס וואלט איר אפילו אויף א צייט פערשאפט זארג און אונרוה. זי האט זיך נאך קיינמאל ניט געפרעגט, וואס ערווארטעט איוועטא'ן אין דער צוקונפט. זי וועט נאך צייט האבען א טראכט צו טהאן וועגען איוועטא'ן, ווען עס וועט נויטיג זיין. זי האט גוט געוואוסט, אז איהר טאכטער קען ניט חתונה האבען מיט א רייכען מאן פונ'ם העכערען קרייז, סיידען דורך עפעס א צופאל. און די מארקיזע האט אויף צופיעל ניט גע־האפט. דערצו נאך איז זי געווען צופיעל בעשעפטיגט מיט איהרע

אייגענע אינטערעסען, אז זי זאָל האָבען צייט צו טראַכטען וועגען איהר טאָכטער'ס שיקזאַל.

„איוועטא וועט מסתמא געהן אויף דעם זעלביגען וועג, ווי איך — האָט זי צו זיך געזאָגט — זי וועט אויך לעבען פאַר די ליע־בע. פאַר וואָס ניט?

נור דערביי האָט די מאַרקיזע קיינמאָל ניט געוואגט זיך צו פרעגען, ווען דאָס וועט זיין און ווי אזוי וועט עס אַלצדינג געשעהן.

און איצט האָט איוועטא אַליין, אהן שום פאָרבערייטונגען, איהר פּלוצים געשטעלט אזא פראַגע, וואָס אויף איהר איז אונמעג־ליך געווען צו ענטפערען. די מאַרקיזע האָט ניט געוואוסט, וואָס יי זאָל טהאָן און ווי זי זאָל זיך האַלטען אין אזא שווערער, דעלי־קאַטער און אין אַלע הינזיכטען געפעהרליכער אנגעלעגענהייט. דאָס האָט אנגעריהרט איהר געוויסען און דערפאַר איז זי אזוי צומישט געוואָרען און האָט ניט געוואוסט, ווי צו בעגעהן זיך.

די מאַרקיזע איז געווען צופיעל ערפאַהרען, אז זי זאָל ניט פער־שטעהן, וואָס סערוויגי איז אויסען. ניט אומזיסט האָט זי אויס־געפאָרשט דעם דאָזיגען סאָרט מענשען. אָט דערפאַר, ווי נור אי־וועטא האָט ארויסגערעדט די ערשטע ווערטער, האָט זיך ביי איהר, דער מאַרקיזע, ארויסגעריסען דער אויסגעשריי: „סערוויגי? ביזטו ביים זינען?"

און צו וואָס טויג דאָס איהם, דעם דאָזיגען לעבע־יונג, צו בע־נוצען זיך מיט אזא אַלטען מיטעל? ווי וועט ער זיך איצט ארויס־דרעהען? און זי אַליין, ווי קלערט זי אויף איוועטאַ'ן, ווי גיט זי איהר צו פערשטעהן, וואָס סערוויגי זוכט, וואָס ער איז אויסען מיט זיין פאָרשלאַג? ווארים זיא קען נאָך בעגעהן אַ גרויסע נאַריש־קייט. נור ווער האָט עס געקענט ערוואַרטען, אז דאָס דאָזיגע ער־וואַקסענע מיידעל זאָל בלייבען אזוי נאַאיוו און אזוי אונערפאַהרען אין לעבען?

די מאַרקיזע איז מיעד געוואָרען צו טראַכטען און איז בייז גע־וואָרען, פאַר וואָס זי קען ניט געפינען קיין אויסגאַנג פון דער דאָזי־גער אונבעקוועמער לאַגע.

— איך וועל אויף זיי אכטונג געבען — האָט זי געטראַכט — איך וועל האַנדלען, אזוי, ווי די אומשטענדען וועלען מיר ווייזען.

אויב עס וועט נויטיג זיין, וועל איך זיך דורכרעדען מיט סערוויני'ן אליין, ער איז ניט קיין נאר און וועט פערשטעהן, וואס איך מיין.

זי האט ניט געטראכט וועגען דעם, וואס זי וועט איהם זאגען און וואס ער וועט ענטפערען, און וואס פון דעם קען ארויסקומען; זי איז נור צופריעדען געוועזן, זאגאר גליקליך, וואס איהר איז איצט געלונגען פטור צו ווערען פון דער דאזיגער קאפ־דרעהעניש און קומען צו א געוויסען בעשלוס. ווען זי האט זיך בערוהיגט, האט זי וויעדער גענומען טראכטען וועגען סאוואל'ן. זי האט זיך אומגעדרעהט מיט'ן פנים צו פאריז צו און לאנג געקוקט אין דער נאכט־פינסטערניש, אהין, וואו עס האט זיך קוים־קוים געזעהן דער שיין פון די פייערען פון דער הויפט־שטאדט. און ווארפענדיג מיטביידע הענד קושען אהן א צאהל צו דער ריעזיגער שטאדט צו, האט זי געמורמעלט שטיל, שטיל, פונקט ווי זי וואלט אין די ארעמס פון איהר געליעבטען געלעגען:

— איך ליעב דיך, איך ליעב דיך!

3.

איוועטא האט אויך ניט געשלאפען. ווי איהר מוטער, איז זי אויך געזעסען אנגעשפארט אן אפענעם פענסטער. אין איהרע אויגען האבען טרערען געציטערט, די ערשטע ביטערע טרערען פון איהר לעבען.

ביז איצט האט זי געלעבט און איז געוואקסען אין די ליכטיגע טרוימערייען פון איהר גליקליכער קינדהייט און יוגענד. און פארוואס דען האט זי געזאלט אנדערש לעבען? פאר וואס דען האט זי געזאלט לעבען אנדערש, ווי אלע איבעריגע מיידלאך פון איהר עלטער? פון וואנען האט זיך דען געקאנט צו איהר נעהמען עפעס א צווייפעל, עפעס א פיינליכער פערדאכט?

עס האט זיך איהר געדאכט, ווי זי וואלט שוין אלצדינג געוואוסט, נור דערפאר, ווייל זי האט וועגען אלצדינג גערעדט, נור דערפאר, ווייל זי האט ניט ווילענדיג איבערגענומען דעם טאן, די מאניערען און אפט אויך די זעהר געוואגטע ווערטער פון די מענשען, וואס זיינען געוועזן ארום איהר. אין אמת'ען אבער האט זי געקאנט דאס לעבען ניט מעהר, ווי א קליין מיידעל, וואס איז ערצוי־

גען געוואָרען אין אַ קלויסטער, און דער פאַקט, וואָס זי האָט זיך גע־האַלטען פריי, און געדעדט אַ מאָל שוין צו־פריי, האָט נור בעוויעזען, ווי פעהיג זי איז געווען איבערצונעהמען די מאַנערען און דעם טאָן פון אַנדערע מענשען און ווי זי האָט פערשטאַנען זיך צוצופּאַסען צו איהר אומגעבונג.

איוועטא האָט גערעדט וועגען ליעבע אַזוי ווי צעהן צוועלף יעהריגע קינדער פון קינסטלער און מוזיקאַנטען רעדען וועגען בילדער און מוזיק. זי זאָל גאָר נישט האָבען געוואוסט וועגען דער ליעבע, דאָס איז אונמעגליך געווען, ווייל צו אָפט האָט מען דערצעהלט אין איהר אַנוועזענהייט פערשיעדענע אַנעקדאָטען. ווערכע האָבען איהר ניט־ווילענדיג פיעל אויפגעדעקט. נור דאָס יונגע מיידעל האָט געמיינט, אַז וועגען אַזעלכע סאָרט זאַכען ווערט אומעטום גערעדט. יאַ, זי האָט געוואוסט, אָדער ריכטיגער, זי האָט זיך אָנגעשטויסען, וואָס עס ווערט געמיינט מיט דעם וואָרט „ליעבע“, נור דערפון האָט זי זיך, נאַטירליך, נאָך ניט געקענט כאַפּען, אַז איהר פאַמיליע איז אַנדערש פון די אַנדערע פאַמיליען.

אַלע האָבען מיט רעספּעקט געקושט איהר מוטער די האַנד. צו זיי אין שטוב זיינען אַריינגעקומען אַלע וויכטיגע פּערזענליכקייטען מיט הויכע טיטלען און, וויזט אויס, זעהר רייכע. פיעל פון זיי האָבען גערעדט כמעט גלייכגילטיג וועגען זייער בעקאַנטשאַפט מיט פּרינצען און קעניגע. איהר מוטער'ס סאַלאָן האָבען אין די אָבענדען אָפט בעזוכט זאָגאַר צוויי זיהן פון קעניגע. היינט ווי אַזוי האָט איוועטא'ן געקענט עפּעס איינפאַלען ביי אַזעלכע אומשטענדען?

און אויסער דעם איז זי פון דער נאַטור געווען נאַאיוו. זי האָט ניט אָבגעשאַצט און ניט אַרומגעשמעקט די מענשען אַזוי ווי איהר מוטער. זי האָט געלעבט צו פרעהלאַך, צו לוסטיג, אַז זי זאָל זיך פערטראַכטען וועגען זאַכען, וואָס וואָלטען געקאָנט ערוועקען אַ פערדאַכט אין אַ רוהיגערע און מעהר אין־זיך־פערשלאָסענע מיידעל, ניט אין אַזאַ אויפריכטיגע, אָפענהערציגע און לעבענס־לוסטיגע, ווי זי.

און פּלוצים האָט סערוויני מיט עטליכע גראָבע ווערטער, וועלכע זי האָט געפיהלט, ניט פערשטעהענדיג קלאָר זייער בעדייטונג, אויפגעוועקט אין איהר האַרצען אַן אונרוהיגקייט, וואָס האָט זיך

פערוואנדעלט באלד אין א פיינליכער מורא פאר עפּעס שרעקליכעס. זי איז אַנטלאָפן אַהיים, ווי אַ פערוואונדעטע חיה. זיינע ווערטער האָבען זי ווירקליך טיעף פערוואונדעט און אויפ'ן וועג האָט זי זיי אלץ איבערגע'חזר'ט פאר זיך און אומזיסט געזוכט צו פערשטעהן זייער אמת'ען זין, צו דערגעהן זייער ריכטיגע בעדייטונג... וועגען חתונה האָבען קען גאָר קיין רייד ניט זיין, נור וועגען ליעבע — האָט סערוויני געזאָגט. וואָס האָט ער געמיינט דערמיט?

וואָס האָט ער געמיינט דערמיט? און פאר וואָס האָט ער זי אַזוי בעליידיגט? אפשר האָט זי ניט געוואוסט וועגען א שרעקליכע געהיימנים אין איהר פאמיליע, וועגען עפּעס, וואָס האָט איהר פאַמיליע צו שאַנד געמאכט? יא, געוויס האָט זי איינע אליין דאָס ניט געוואוסט. אָבער וואָס קען דאָס זיין אזוינס? דאָס יונגע מיידעל האָט מורא'דיג געליטען פון דעם. פונקט ווי זי וואָלט זיך דערוואוסט, אז איהרס א היים־געליעבט וועזען וואָלט זי פערראטהען, און איצט איז זי פאר וועהטאָג שיער פונ'ם זינען ניט ארונטער.

זי האָט לאנג געטראכט, נאָכגעדענקט, זיך געמוטשעט מיט פערשיעדענע פערדעכטיגונגען און אנגסטען. דערנאָך אָבער האָט איהר יונגע, נאַטירליכע לוסטיגקייט גובר געווען די אַלע אנגסטען. יי האָט זיך ביסלעכווייז בערוהיגט און גענומען פלאַנעווען, ווי אזוי צו דערגעהן די דאָזיגע געהיימנים. זי האָט זיך דאָס פאָרגעשטעלט ווי עפּעס א ראָמאַנטישע געשיכטע מיט די אונגלויבליכסטע דראַמאַטישע סיטואַציאָנען, וואָס זיינען איהר בעקאַנט געווען פון די אַלע ראָמאַנען, וועלכע זי האָט אין איהר לעבען געלעזען. זי האָט זיך דערמאָנט פערשיעדענע טרויעריגע און ריהרענדע געשיכטעס, און פון זיי אלע האָט זי איצט געזוכט צונויפצושטעלען איהר אייגענע געשיכטע, וועלכע זאָל ענטהאַלטען די געהיימנים. וואָס זי האָט האַלב געטראָפען.

זי איז שוין ניט געווען אזוי פערצווייפעלט, ווי פריהער, און זי האָט פאַנטאַזירט, אויסגעקלערט די אונגלויבליכסטע זאכען, די פערשיעדענסטע איינצעלהייטען, אונגעוועהנליכע, שרעקליכע און גלייכצייטיג אינטערעסאנטע, צוליעב זייער אָריגינאַליטעט.

צי איז זי גאָר ניט א מאָל די אונגעזעצליכע טאָכטער פון עפּעס א פרינץ? דער דאָזיגער פרינץ אָדער קעניג און אפשר טאקע קעניג וויקטאָר עמאַנועל אַליין האָט פערפיהרט איהר אונגליקליכע מוטער,

זי געמאכט פאר א מארקיזע און דערנאך זי פערלאזט און זי האט גע־מוזט אנטלויפען פאר דעם צארן פון דער גאנצער קעניגליכער פא־מיליע?

און אפשר האבען זי פערלאזען רייכע, פארנעהמע עלטערען, ווייל זי איז געווען די פרוכט פון א זינדיגער ליעבע, און די מאר־קיזע האט אויף איהר רחמנות געקראגען, זי צו זיך צוגענומען און זי ערצויגען, ווי אן אייגענע טאכטער?...

נאך אנדערע השערות זייגען איהר אויפ׳ן זינען ארויף, מאנכע פון זיי האבען זיך איהר אויסגעוויזען ריכטיג און מאנכע ניט. זי איז זעהר געריהרט געווארען פון איהר אייגענעם שיקזאל און האט אנגעהויבען רחמנות האבען אויף זיך אליין; אבער גלייכצייטיג איז זי טיעף אין איהר הארצען געווען זעהר צופריעדען און גליקליך, וואס זי איז מיט אמאל געווארען עפעס אזוי ווי א העלדין פון א ראמאן.

זי האט ארומגעקלעהרט, ווי זי זאל איהר ראלע שפיעלען און זיך געפרובט פארשטעלען, וואס ווייטער וועט געשעהן. זי האט זיך גע־קוהלט ווי עפעס א העלדין פון סקריבע׳ס א דאמע אדער פון זשארזש זאנד׳ס א ראמאן. יא, איהר ראלע דארף זיין א שעהנע, אן ערהא־בענע, פול עדעלקייט, שטאלץ, אויפאפפערונג, גרויסמוטה און שעה־נע, ריהרענדע ווערטער. איוועטא מיט איהר בעגייסטערטער נא־טור האט זיך דערפרעהט מיט דער דאזיגער נייער ראלע, וואס איהר וועט אויסקומען צו שפיעלען.

אזוי האט זי אלץ ארומגעקלערט ביז שפעט אין אבענד און זי האט נאך אלץ ניט געוואוסט, ווי אזוי קריגט זי ארויס דעם אמת פון איהר מוטער׳ס מויל.

און ווען די נאכט איז צוגעפאלען, האט דאס יונגע מיידעל אויסגעטראכט א קליינעם, איינפאכען שפיצעל, וואס דורך איהם האט זי געהאפט צו דערגעהן און צו דערוויסען זיך, וואס זי האט געוואלט: זי האט בעשלאסען צו צוגעהן צו איהר מוטער און זאגען איהר, אז סערוויני וויל מיט איהר חתונה האבען.

די מארקיזע, וועלכע וועט איבערראשט ווערען פון דער דאזי־גער נייעס, וועט זיך געוויס ניט קענען איינהאלטען און ארויסרע־דען א ווארט, וואס פון איהם וועט זיך איוועטא שוין אלצדינג דער־וויסען.

און איוועטא איז גלייך געגאנגען אויספיהרען איהר פלאן.

איוועטא האָט זיך געריכט אויף אַ גרויסע ריהרענדיגע סצענע מיט שעהנע ווערטער וועגען ליעבע, מיט טרעהרען, אָבער אַנשטאַט דעם האָט איהר מוטער ארויסגעוויעזען נור פערדרוס און אונגע־דולד. זיא האָט זיך אַפילו ניט שטאַרק פערוואונדערט. און פון איהר מוטער'ס אונצופריעדענעם טאָן האָט דאָס יונגע מיידעל, אין וועל־כער עס האָט זיך מיט אַמאָל אויפגעוואַכט די ווייבערשע ביטערקייט. פערשטאַנען, אַז זי דאַרף ניט ווייטער אויספרעגען, אַז דאָס געהיימ־ניס איז אַ פיעל שרעקליכערע ווי זי האָט גערעכענט. זי האָט שוין מעהר ניט געהאָפט זיך עפּעס צו דערוויסען פון דער מוטער. זיא האָט איצט געוואוסט, אַז זי וועט אלסדינג מוזען אליין דערגעהן. זי האָט זיך צוריקגעקעהרט צו זיך אין צימער, דאָס מאָל שוין גאָר פער־צווייפעלט, מיט זעהר אַ שווערען הארצען. איצט איז זי געווען זי־כער, אַז ס'איז געשעהן עפּעס שרעקליכעס, כאָטש זי האָט אויף ריכטיג ניט געוואוסט, וואָס איז אזוינס געשעהן. און זי האָט זיך אָנגעשפּארט אַן פענסטער און ביטער געוויינט.

זעהר לאַנג האָט זי געוויינט, ניט טראכטענדיג מעהר וועגען גאָר נישט. צייטענווייז האָט זי די אויגען פערמאכט, אויסגעמאַ־טערט פון אלעס, וואָס זי האָט איבערגעלעבט, און אויף אַ ווײלע זיך פערגעסען אין יענעם שווערען שלאָף, וואָס בעפאלט פערמאַ־טערטע מענשען, וואָס האָבען קיין כוח און קיין ווילען, זיך אויס־צוטהאָן און זיך אין בעט לעגען. זיי שלאָפען אזוי איבערגעריסען, כאַפּען זיך אלע ווײלע אויף און קענען ניט ־עם קאָפּ איינהאלטען גלייך.

איוועטא האָט זיך געלעגט ערשט באַרטאָג, ווען די פריהמאָר־גען־קעלט האָט זיא געצוואונגען אוועקצוגעהן פון דעם פענסטער.

די אלע ווייטערדיגע טעג איז זי געווען אומעטיג און זעהר איינגעשלאָסען אין זיך. איהר מוח האָט אָהן אויפהער געארבייט. זי האָט אלץ געטראכט, געטראכט און געטראכט. פיר די דאָזיגע קורצע צייט האָט דאָס יונגע מיידעל זיך אויסגעלערענט אלצדינג צו בעמערקען, אויסצופאָרשען און אָפּצושאצען. אלצדינג ארום איהר איז איצט פיר איהר בעלויכטען געווארען עפּעס מיט אַ נייעם, אמת. נאָר דונקעלען, שיין. און אין איהר הארצען האָט זיך פער'גנב'עט אַ פערדאכט און אַ געפיהל פון אונצוטרויען צו אלצדינג, אין וואָס זי האָט פריהער געגלויבט, צו אלע איהרע נאָהענטע מענשען, אפילו

צו איהר מוטער. זי האט געזוכט אן אויסגאנג פון דער דאזיגער שווערער לאגע, האט זיך אין די געדאנקען געוואָרפען אויף אלע זייטען און געטראכט פלענער נאך פלענער. מיטוואָך האט זי ענדליך אויסגעארבייט א געוויסען פלאן און דאָנערשטאג איז זי אויפגעשטאנען מיט א פעסטען בעשלוס איהם אויסצופיהרען, און האט זיך צוגעגרייט אנצוהייבען א קאמפף געגען אלעמען.

איוועטא האט זאגאר בעשלאסען זיך אויסצו־וועהלען פיר א מאטטאָ די ווערטער: „אליין איך" און האט א גאנצע שטונדע ארומגעקלערט, ווי עס וועט שעהנער זיין אויסצושטעלען די איניציאלען פון די דאזיגע ווערטער אויף איהר שרייב־פאפיער.

סאוואל און סערוויני זיינען געקומען צופאהרען אזייגער צעהן. דאס יונגע מיידעל האט זיי בעגריסט. אפילו אביסעל צוריקגעהאלטען. נור גאנץ דרייסט. אין איהר פאמיליארען. נור דאס מאל שוין אביסעל אומעטיגען טאן:

— גוטען מאָרגען, מוסקאד, וואס מאכט איהר?

— גוטען מאָרגען, מאמזעל, גאנץ גוט, איך דאנק אייך, און איהר?

סערוויני האט זיך אין איהר איינגעקוקט.

— וואס פיר א שפיצעל וועט זי מיר היינט אפטהאן? — האט ער א טראכט געטהאן.

די מארקיזע האט גענומען סאוואל'ן אונטער דער האנד און ער איז געגאנגען מיט איוועטא'ן.ביידע פאארלעך האבען פאמעלאך געשפאציערט אין'ם גארטען און האבען יעדע ווייזע זיך בעוויעזען און פערשוואונדען הינטער די בוימער.

איוועטא איז געגאנגען שטיל און פערטראכט. זי האט די גאנצע צייט געהאלטען די אויגען ארונטערגעלאזט און געקוקט אויף דעם שטעגעל, וואס איז געווען מיט זאמד בעשאטען, און האט, ווייזט אויס, נים געהערט, וואס איהר קאוואליער האט גערעדט און האט איהם ניט געענטפערט.

פלוצים האט זי א פרעג געטהאן:

— זאגט מיר, איהר זייט מיר ווירקליך א פריינד, מוסקאד?

— וואס פאלט אייך איין? געוויס, מאמזעל!

— ניין, ענטפערט מיר ערנסט, ערנסט. זייט איהר מיר ווירקליך א פריינד?

— איך בין אייער פריינד, מאמזעל, מיט'ן גוף און מיט דער נשמה.

— זייט איהר מיר גענוג פריינד, צו וועלען מיר זאגען איין מאל דעם אמת, כאטש איין מאל ?

— אפילו צוויי מאל, מאמזעל, אויב איהר ווינשט עס.

— אבער דעם גאנצען אמת, מעג ער זיין, וואס ער איז ?

— יא, מאמזעל.

—אויב אזוי ,זאגט מיר אייער אויפריכטיגע מיינונג, וואס דענקט איהר פון'ם פירסט קראוואלאוו ?

— אה... צום טייפעל !

— מוסקאד, מוסקאד, זעהט, איהר טראכט שוין, ווי מיך אפ־צונארען.

—ניין, ניין, איך זוך נור די ווערטער, ווי זיך קלערער אויס־צודריקען. מיין גאט, נו, ווי זאל איך עס אייך זאגען... פירסט קראוואלאוו איז א רוס, ער רעדט רוסיש, איז געבארען אין רוסלאנד. מסתמא האט ער אויך א פאספארט, א ניט וואלט מען איהם אין פראנקרייך ניט אריינגעלאזט. קורץ, ביי איהם איז אלצדינג ריכטיג, פאלש איז נור זיין נאמען און טיטעל...

איוועטא האט איהם אין די אויגען אריינגעקוקט.

— דאס הייסט, איהר ווילט זאגען, אז ער איז...

סערוויני האט א ווייל געשוויגען, דערנאך האט ער געזאגט ענטשלאסען :

— יא. איך וויל זאגען. אז ער איז אן אוואנטוריסט. יא. מאמ־זעל !

— און דער קאוואליער ווארלעאלי ?

— איז אויך פון דעם סארט.

— און דע־בעלווין ?

— נו, דער איז שוין פון אנאנדער סארט. דאס איז א וועלט־מענש, א פראווינציעלער, אן אנשטענדיגער, נאטירליך ביז א געווי־סען גראד. נור... ער איז שוין א היבש ביסעל אפגעניצט פון צו־ביעל לעבען.

— נו, און איהר אליין ?

— איך בין דאס, וואס מען רופט אן א „זומער־פייגעלע״ — האט סערוויני געענטפערט אהן שום פערלעגענהייט — א זוהן פון

זעהר אנשטענדיגע עלטערען, ניט קיין נאר, האב איך מיין פערשטאנד „פערטערבעט" אויף פערשיעדענע נארישקייטען. אמאל בין איך געוועזן זעהר געזונד. האב איך מיין געזונד גע׳פטר׳ט. אמאל בין איך אפשר געוועזן אויך זעהר פעהיג. נור איך האב אפגעלעבט מיינע יאהרען און קיין איין ניצליכע זאך ניט אויפגעטהאן: איצט איז מיר פעבליבען א שעהן פארמעגען, א געוויסע לעבענס־ערפאהרונג, קיין שפור פון פאראורטהיילען, א פעראכטונג צו אלע מענשען, די פרויען אויך אריינגערעכענט, א טיעפעס בעוואוסטזיין, אז מיין גאנץ לעבען איז פאראיבער אהן צוועק, און געדולד צו אלע ניעדערטרעכטיגקייטען און שענדליכע זאכען, וואס מען זעהט אויף שריט און טריט. צייטענווייז קומען נאך אן אויף מיר מינוטען פון אויפריכטיגקייט, ווי צום ביישפיעל, איצט אין דער מינוט, און דאן בין איך זאגאר פעהיג אויפריכטיג ליעב צו בעקומען און צובינדען זיך צו אימיצען. אין דעם האט איהר זיך שוין געקאנט איבערצייגען. יא, מאמזעל, איך גיב זיך אין גאנצען איבער אין אייערע הענד מיט אלע מיינע גוטע און שלעכטע אייגענשאפטען; שאפט זיך מיט מיר, נוצט מיך אויס אי גייסטיג, אי פיזיש. טהוט מיט מיר, וואס איהר ווילט.

איוועטא האט זיך צוגעהערט זעהר אויפמערקזאם. זי האט ניט געלאכט און אויסגעוואויגען און אויסגעמאסטען יעדען ווארט זיינעם.

— און וואס איז אייער מיינונג וועגען דער גרעפין דע־לאמי?

— האט זי ווייטער געפרעגט.

ער האט שנעל געענטפערט:

— נו, ניין, דאס ניט. איהר מוזט מיר ערלויבען אייך ניט צו זאגען מיין מיינונג וועגען די פרויען.

— וועגען קיינע?

— וועגען קיינע.

— הייסט עס, אז איהר האט וועגען זיי אלע א שלעכטע מיינונג?

סערוויני האט א שמייכעל געטהאן מיט זיין געוועהנליכען חוצפה׳דיגען שמייכעל. די דאזיגע פרעכע מינע איז געוועזן זיין קראפט, זיין געוועהר.

— די אנוועזענדע זיינען שטענדיג אויסגעשלאָסען — האָט ער געזאָגט.

איוועטא איז עטוואָס רויט געוואָרען, נור זי האָט ווי פריהער גאַנץ רוהיג געפרעגט:

— זאָגט מיר כאָטש, וואָס דענקט איהר וועגען מיר?

— אויב איהר ווילט שטאַרק, וועל איך אייך זאָגען. איך דענק, אז איהר זייט א גאַנץ קלוגע מיידעל, זעהר א פּראַקטישע, אָדער ריכ־טיגער, איהר בעזיצט א גרויסען פּראַקטישען פערשטאַנד. איהר קענט אויסגעצייכענט גוט פערברענגען אייער צייט, אויסלאַכען זיך פון מענשען. בעהאַלטען אייערע ווירקליכע ציעלען. אויסשפּרייטען אייער נעטץ און וואַרטען ניט געאיילט אויף די וויטערע פּאַסי־רונגען.

— דאָס אַלעס? — האָט זי געפרעגט.

— יאָ, דאָס אַלעס.

— אויב אזוי, וועל איך אייך צווינגען אומצובייטען אייער מיינונג וועגען מיר, מוסקאַד — האָט זי זעהר ערנסט געזאָגט און איז אוועק צו איהר מוטער.

די מאַרקיזע איז געגאַנגען מיט קליינע טריט. דעם קאָפּ האָט זי געהאַלטען אַרונטערגעלאָזט און איהר גאַנג איז געווען פויל און שמאַכטענד. אזוי שפּאַצירען געוועהנליך פערליעבטע פּאָאַרלעך, ווען זיי סוד'ען זיך וועגען עפּעס, וואָס איז פאַר ביידען זעהר טהייער און אנגענעהם. געהענדיג האָט זי עפּעס געצייכענט מיט'ן שפּיץ פון איהר שירם אויף'ן זאַמד, צו ציפערען, צו בוכשטאַבען, און ניט קוי־עסנדיג אויף סאַוואַל'ן, נור צוגעדריקט צו איהם מיט'ן גאַנצען קער־פּער, האָט זי געפליסטערט צו איהם אזוי צאַרט, אזוי זיס.

איוועטא איז צוגעגאַנגען צו איהר און האָט פּלוצים זי שאַרף אָנגעקוקט. אין איהרע אויגען האָט פּלוצים א בליץ געטהאָן אן אונ־קלאָהרער, נאָך ניט גאָר בעשטימטער פערדאַכט, אזוי ווי איבער דער ערד פליהט דורך דער שאָטען פון א וואָלקען, וואָס ווערט פון'ם ווינד געיאָגט.

מען האָט אָנגעקלונגען צום פריהשטיק.

ביים טיש זיינען אַלע געזעסען זעהר ערנסט און דער פריה־שטיק איז פערביי כמעט לאַנגווייליג.

אין דער לופט האָט זיך געגוכען פיהלען א שטורם. דער האָריי־

זאַנט איז בערעקט געוואָרען מיט שווערע שווארצע וואָלקענס.

באַלד ווי מען האָט דערלאַנגט קאַפע אויף דער טערראַסע,. האָט די מארקיזע זיך געווענדעט צו איהר טאָכטער :

— נו, מיין ליעב קינד, דו וועסט היינט געהן שפּאַצירען מיט דיין פריינד סערוויני ? איצט מוז זיין אין׳ם וואלד קיהל און זעהר אנגענעהם.

איוועטא האָט געוואָרפען א האסטיגען בליק אויף איהר מו־טער׳ס געזיכט, דאן האָט זי זיך גלייך פון איהר אָפּגעדרעהט :

—ניין, מאמא, היינט געה איך ערגעץ ניט.

דער דאָזיגער ענטפער האָט דער מארקיזע הפנים ניט געשמעקט און זי איז צו איהר צוגעשטאַנען :

— געה, מיין קינד, שפּאציער זיך דורך. דאָס וועט דיך אָפּ־פרישען.

— ניין, מאמא, איך בלייב היינט אין דער היים און דו ווייסט פארוואָס. איך האָב שוין אנומעלט אין אבענד מיט דיר גערעדט וועגען דעם — האָט איוועטא געענטפערט.

מאדאם אבבארדי האָט שוין געהאט גאָר פארגעסען איהר גע־שפּרעך מיט איהר טאכטער. זי האָט אלץ געטרויםט נור וועגען דעם. ווי צו פערבלייבען וואָס גיכער מיט סאוואל׳ן אליין. איצט איז זי שטארק צומישט געוואָרען און נישט וויסענדיג, ווי ארויסצודרעהען זיך פון דער דאָזיגער אונאנגענעהמער לאגע, האָט זי ארויסגע־מורמעלט :

— יאָ, יאָ, דו ביזט גערעכט... איך האָב גאָר פארגעסען. איך וויים אליין ניט, ווי אזוי דאָס איז מיר פון׳ם קאָפּ ארוים.

איוועטא האָט גענומען איהר האנד־ארבייט, וואָס זי האָט אמאָל פינף־זעקס אין יאָהר געארבייט, דאן, ווען עס איז אבסאלוט ניט געווען קיין אנדער זאך וואָס צו טהאָן, און וואָס זי האָט אין שפּאַס גערופען די „אנשטענדיגע בעשעפטיגונג" — און האָט זיך געזעצט נעבען איהר מוטער.

די יונגע לייט האָבען זיך געזעצט רייטענדיג אויף ווייכע שטוהלען און פערדרויכערט סיגארען.

אזוי זיינען פערביי עטליכע שטונדען. אלע האָבען גערעדט זעהר ווייניג און קאלט. דער שמועס האָט זיך געצווינגען ווי פון פעך, איז אָפּט אונטערבראָכען געוואָרען. די מארקיזע האָט געקוקט אויף סאוואל׳ן מיט אויגען, פול פערצווייפלונג, און אלץ געזוכט אַ תירוץ,

ווי אזוי צו פטור ווערען פון איהר טאַכטער כאָטש אויף א ווײלע, כדי צו בלייבען אליין מיט סאוואל'ן. צום סוף האָט זי אײנגעזעהן, אז דאָס וועט איהר ניט געלינגען און נישט קענענדיג זיך העלפען, האָט זיא געזאָגט צו סאוואל'ן:

—איהר ווייסט, מיין ליעבער הערצאָג, איך וועל דאָך אייך ביידען אויף קיין פאל היינט ניט אַפּלאָזען. מאָרגען וועלען מיר אלע צוזאמען פאָהרען פריהשטיקען אין רעסטאָראַן פורנעז אין שאַטו.

סערוויני האָט פערשטאַנען וואָס זי מיינט, האָט א שמייכעל געטהאָן און זיך פערנייגט פיר איהר.

—איך בין גרייט אייך צו דיענען, מארקיזע!

אזוי איז פערביי דער גאנצער טאָג. לאַנגזאַם און פיינליך־לאַנגווייליג.

ביים מיטאָג איז געווען נאָך לאַנגווייליגער ווי ביים פריהשטיק. עפּעס אן אונרוהיגקייט, אזוי ווי אן אונקלאָהרע אנגסט פיר עפּעס, האָט פערשלאָסען די ליפּען פון דיביידע פרויען און מענער.

נאָד מיטאָג זיינען אללע געבליבען זיצען אויף דער טערראַסע. דער געשפּרעך איז ניט לעבעדיגער געוואָרען.

דיא נאַכט איז צוגעפאלען, א הייסע, שטיקענדיגע נאַכט. און פּלוצים איז איבער דעם פינסטערען הימעל דורכגעפלויגען א פייער־ריגער זיגזאג און האָט מיט זיין פאַספאָרישען גלאַנץ בעלויכטען די פיער פּנים'ער. וואָס זיינען פערבאָרגען געווען אין דער פינסטערניש. גלייך דערויף האָט זיך דערהערט א ווייטער, שווערער און טויבער קראַך. אזוי וויא דאָס ווייטע פאָהרען פון אַן עקיפּאַזש איבערן ברוק. עס איז געוואָרען נאָך שטיקענדיגער, נאָך אונערטרעגליכער און דאָס ישווייגען פון דער נאַכט שווערער, טיעפער.

איוועטא איז אויפגעשטאַנען.

— איך געה שלאָפען — האָט זי געזאָגט — דער שטורם מאַכט מיך קראַנק.

זי האָט אויסגעשטעלט דעם שטערן צו דער מוטער, א דריק געטהאָן ביידע יונגע לייט די הענד און איז אוועק.

איהר צימער איז ארויסגעקומען פונקט איבער דער טערראַסע און פאר איהר טהיר איז געשטאַנען א גרויסער קאַשטאַנען־בוים. סערוויני האָט געזעהן, ווי דער שפּיץ פון'ם בוים איז פּלוצים בעלויכ־

טען געוואָרען מיט אַ העלען שיין. וואָס איז געפאַלען פון איהר צי־מער, און איהם האָט זיך אויסגעוויזען אַז צווישען די בלעטער פון׳ם בוים בעוועגט זיך אימיצענס אַ שאָטען. דערנאָך איז פּלוצים דער העלער שיין פערלאָשען געוואָרען.

— מיין טאָכטער האָט זיך שוין געלעגט — האָט מאַדאַם אַבאַרדי געזאָגט און שווער אָפּגעצויגען דעם אָטהעם.

סערוויני האָט זיך אויפגעהויבען און געזאָגט:

— איך וועל פּאָלגען דעם ביישפּיעל פון אייער טאָכטער, מאַר־קיזע. איך וועל אייך געהן שלאָפען, אויב איהר וועט ערלויבען.

ער האָט אַ קוש געטהאָן איהר האַנד און איז אַוועק.

דאַן איז זי ענדליך געבליעבען איינע אַליין מיט סאַוואַל׳ן אין דער פינסטערער נאַכט, און זי איז איהם גלייך געפאַלען אין די אָרמס און איהם אָנגעהויבען צו קושען. דערנאָך האָט זי זיך גע־שטעלט פיר איהם אויף די קניע. כאָטש ער האָט עס ניט געוואָלט דערלאָזען, און שטיל און ליידענשאַפטליך געזאָגט:

— איך וויל דיך אָנקוקען ביים שיין פון די בליצען!

איוועטאַ האָט אין איהר צימער ניט געשלאָפען. זי האָט פער־לאָשען דאָס ליכט און שטיל און בארפעס האָט זי זיך ווי אַ שאָטען ארויסגעגנב׳עט אויף איהר באַלקאָן, כדי אונטערצוהערען זיך וואָס אונטען טהוט זיך. אַ פינסטערער און שווער געפיהל האָט געגאָגט דאָס האַרץ פון דער יונגער מיידעל.

זי האָט ניט געקאָנט זעהן, וואָס אונטען טהוט זיך, ווייל איהר באַלקאָן איז פּונקט ארויסגעקומען איבער דער טעראַסע. זי האָט נור געהערט אַ פּליסטערען פון שטימען און איהר האַרץ האָט געגר־מען קלאַפּען שנעל־שנעל. נור אָט איז אויבען איבער איהר צוגע־קלאַפּט געוואָרען אַ פענסטער. סערוויני, הייסט עס, איז שוין אויך ביי זיך אין׳ם צימער און איהר מוטער איז געבליעבען אַליין מיט יע־נעם, מיט׳ן אַנדערען.

אַ צווייטער בליץ, נאָך העלער ווי דער ערשטער, האָט דורכ־געשניטען דעם הימעל און אויף איין אייגענבליק איז פיר איוועטאַ׳ן בעלויכטען געוואָרען דאָס גאַנצע לאַנדשאַפט, וואָס איז איהר אַזוי בעקאַנט געוועזען, מיט עפּעס אַ גרוויזאַמען גלאַנץ; זי האָט דערזעהן דעם גרויסען מייד, וואָס האָט געהאַט דעם קאָליר פון צושמאָלצע־נעם בליי און די גאַנצע געגענד האָט זיך איהר אויסגעוויזען אַזוי

פאנטאסטיש, ווייא אין א חלום, און גלייך נאך דעם האבען זיך פון אונטען דערהערט דיא ווערטער: „איך ליעב דיך"!

מעהר האט זיא ניט געהערט. זיא האט א שוידער געטאהן מיט'ן גאנצען קערפער און עס האט איהר גענומען מישען אין קאפ.

א שווער, אונענדליך שווייגען איז געהאנגען אין דער לופטען. איוועטא האט ניט געקענט מעהר אטהעמען, איהר ברוסט האט גע־דריקט עפעס אן אונבעוואוסטע און שרעקליכע קראפט. ווידער האט אויפגעפלאמט א בליץ און אויף איין אויגענבליק בעלויכטען דעם האריזאנט, באלד דערנאך א צווייטער, א דריטער, א פערטער.

און די אייגענע שטימע פון אונטען האט זיך אלץ און העכער געהערט: „אח, ווייא איך ליעב דיך, ווייא איך ליעב דיך!" אי־וועטא האט גוט געקאנט דיא דאזיגע שטימע, די שטימע פון איהר איינענער מוטער.

א גרויסער, ווארעמער רעגען־טראפען איז איהר ארויפגעפאלען אויפ'ן ברעם, און די בלעטער פון די ביימער האבען זיך אנגעהויבען עטוואס צו בעוועגען און צו ציטערען, ווי עס טרעפט פאר א רעגען.

דערנאך האט זיך פון דערווייטען דערהערט א גערויש, ווי דאס ריישען פון צווייגען. דאס איז א רעגען אנגעפלויגען, וואס האט באלד א גאס געטהאן אויף די ערד, אויפ'ן טייך, אויף די ביימער, אויפ'ן באלקאן. ארום איוועטא'ן האבען באלד אנגעהויבען טייכלעך צו לויפען. אין עטליכע מינוט צייט איז זיא אין גאנצען דורכגעווייקט געווארען פון'ם רעגען, נור זי האט זיך פון'ם ארט ניט גערירט און האט אלץ געקלערט וועגען דעם, וואס קומט פאר אונטען אויף דער טערראסע.

זי האט געהערט, ווי דארט אונטען איז מען אויפגעשטאנען און אין דיא צימערען אריין. זיא האט געהערט א קלאפען פון טהי־רען. דאס יונגע מיידעל האט אנגעכאפט אזא שטארקער פערלאנג, אונבעדינגט דעם אמת צו דערגעהן, דאס זי האט זיך ניט געקענט בעהערשען. איז שטיל ארונטער פון דיא טרעפ, האט פארזיכטיג גע־עפענט די גאס־טהיר, איז ארונטערגעלאפען אין גארטען אין גוס־רע־גען, האט זיך בעהאלטען דארט צווישען די ביימער און גענומען קוקען אין דיא פענסטער אריין.

נור איין פענסטער איז אין דעם גאנצען הויז געווען בעלויכ־טען. דאס פענסטער פון איהר מוטערס שלאף־צימער. און פלוצים

האט איוועטא בעמערקט צוויי דונקעלע פיגורען אין דעם דאזיגען העלען צימער. צוויי דונקעלע פיגורען פעראייניגט אין איינע, צו־נויפגעקלאמערט.

א גוואלדיגע פערצווייפלונג האט זי אנגעכאפט. נישט קלע־רענדיג, נישט אפגעבענדיג זיך קיין רעכענונג אין דעם, וואס זיא טהוט, האט זי מיט'ן גאנצען כוח א געשריי געטהאן מיט א שאר־פער, דורכדרינגענדיגער שטימע „מאמא!" אזוי ווי מען שרייט, ווען מען וויל אימיצען ראטעווען פון א שרעקליכער געפאהר.

איהר פערצווייפעלטער געשריי איז פערלארען געגאנגען צווי־שען דעם ליארם פון'ם רעגען, נור די צונויפגעקלאמערטע פיגורען זיינען אפגעשפרונגען איינע פון דער אנדערער און באלד איז איינע פון זיי פערשוואונדען געווארען און די אנדערע איז צוגעגאנגען צום פענסטער און האט זיך געמאכט אזוי ווי זי וואלט עפעס געזוכט אין'ם גארטען.

דאן האט איוועטא מורא געקראגען, טאמער דערזעהט די מו־טער זי צווישען די בוימער, טאמער טרעפט זי זיך מיט איהר דארט, האט זי זיך שנעל א לאז געטהאן צום הויז, ארויף אויף די טרעפ, לאזענדיג הינטער זיך גאנצע שטראמען פון שמוציגען וואסער, און האט זיך פערשפארט אין איהר צימער און בעשלאסען קיינעם ניט צו עפענען די טהיר.

אזוי ווי זי איז געווען, אין דעם נאסען, צוגעקלעבטען צום לייב קלייד, האט זיא זיך א ווארף געטאהן אויף די קניע. אין'ם דאזיגען שרעקליכען אויגענבליק האט דאס יונגע מיידעל מיט איהר גאנצען וועזען געבעטען הילף ביי עפעס א העכערע ניט אירדישע קראפט, האט געבעטען צו איהר, אזוי ווי עס בעטען אלטע זינדער אין די מי־נוטען פון טרויער און פערצווייפלונג.

פון צייט צו צייט האבען העלע בליצען בעלויכטען איהר צימער און זי האט זיך דאן דערזעהן געגענאיבער אין'ם שפיעגעל און זיך אליין ניט דערקענט אין דעם דאזיגען נאסען, צוגעקלעבטען קלייד און מיט די פונאנדערגעלאזענע, דורכגעווייקטע האאר.

זי איז געשטאנען אזוי לאנג אויף די קניע, דאס זי האט אפילו ניט בעמערקט, ווי דער שטורם איז פערביי. דער רעגען האט אויפ־געהערט, דער הימעל איז העלער געווארען, כאטש ער איז נאך אלץ געווען פערוואלקענט, און א וואונדערליכע שמעקענדיגע פרישקייט

האָט זיך אריינגעריסען צו איהר אין צימער דורך דאָס אָפענע פענ־סטער. עס האָט געשמעקט מיט פייכטע בלעטער, גראָז און בלומען.

איוועטא איז אויפגעשטאַנען. האָט ארונטערגעוואָרפען פון זיך דאָס פייכטע, קאַלטע קלייד און זיך געלעגט אין בעט. זי האָט כמעט אליין ניט געוואוסט, וואָס זי טהוט. זי איז לאַנג אַזוי געלעגען מיט אָפענע אויגען ביז עס איז געוואָרען טאָג. דערנאָך האָט זי זיך צו־וויינט. זי האָט לאַנג־לאַנג געוואוינט און געטראַכט וועגען איהר מוטער.

איהר מוטער האָט א געליעבטען! וואָס פיר א שאַנ־דע! נור איוועטא האָט געלייענט אזוי פיעל ראָמאַנען, וואו פער־הייראַטהע פרויען און אפילו מאַמעס גיבען זיך אָפּ אין היץ פון דער ליעבע און צום סוף פון׳ם ראָמאַן האָבען זיי חרטה און געווינען צו־ריק זייער עהרע, דאָס זי האָט זיך אָנגעהויבען ביסלעכווייז צו בערו־היגען. די ערשטע שאַרפע מינוטען פון איהר שמערץ זיינען פערביי, זי האָט איצט געקאָנט רוהיגער טראַכטען און ארומקלערען, דערמאָ־נען זיך אָן עהנליכע לאַגעס. זי האָט אזוי פיעל מאָל אין געדאַנקען איבערגעלעבט אזוינע סאָרט טראַגישע געשעהענישען, דאָס די שרעקליכע ענטדעקונג האָט זיך איהר ביסלעכווייז אָנגעהויבען אויסצואווייזען ווי א נאַטירליכע פאָרטזעצונג פון עפּעס א ראָמאַן, וואָס זי האָט נעכטען אָנגעהויבען צו לעזען.

זי האָט זיך געטראַכט: „איך וועל ראַטעווען מיין מוטער!“

און דער דאָזיגער העלדישער בעשלוס האָט זי כמעט אין גאַנ־צען בערוהיגט. זי האָט זיך מיט אמאָל דערפיהלט מוטהיג און שטאַרק, גרייט אָנצוהויבען א קאַמפּף און אלצדינג אויפאָפּפערען אין דעם דאָזיגען קאַמפּף. דאַן האָט איוועטא גענומען טראַכטען, ווי אזוי נעהמט מען זיך צו דער זאַך, וואָס פיר א טאַקטיק אָנצו־ווענדען. און באַלד האָט זי, ווי אַן אקטריסע, אָנגעהויבען ארומצוטראַכטען איהר געשפּרעך, וואָס זי וועט האָבען מיט איהר מוטער, די מינעס, וואָס זי זאָל דערביי מאַכען און די בעוועגונגען.

די זון איז אויפגעגאַנגען. די דיענער האָבען אָנגעהויבען צו ארבייטען אין׳ם הויז. עס האָט זיך דערהערט זייער ארומלויפען. צו איוועטא׳ן איז אריינגעקומען א דיענסט מיט שאָקאָלאַד. דאָס יונגע מיידעל האָט דעם טאַץ געהייסען ארויפשטעלען אויפ׳ן טיש און געזאָגט:

— איהר וועט זאָגען מיין מוטער, אז איך בין ניט געזונד, אז איך וועל בלייבען איז'ם בעט ביז דיא געסט וועלען אוועקפאהרען. איך האָב די גאנצע נאכט ניט געשלאָפען און איך וויל, מען זאָל מיך לאָזען צורוה, ווייל טאָמער וועל איך קאָנען איינשלאָפען.

די דיענסט האט פערוואונדערט א קוק געטהאָן אויף דאָס פייכטע קלייד, וואס איז געלעגען אויפ'ן טעפיך נעבען דעם בעט, ווי א שמאטע.

— זייט איהר דען געוועזן ארויסגעגאנגען, מאדמואזעל ? — האָט זי געפרעגט.

—יא, איך האָב א וויילע געשפאצירט אונטער'ן רעגען, כדי זיך אָפּצופרישען.

די דיענסט האָט אויפגעקליבען די קליידלאך, זאָקען, שמור־ציגע שיך. זי האָט מיט עקעל בעריהרט די דאָזיגע פייכטע זאכען, אזוי ווי דאָס וואָלטען געווען די קליידער פון א דערטרונקענעם. צום סוף האָט זי דאָס אלעס פערנומען אין איין האנד און איז פון'ם צי־מער ארויס.

איוועטא האָט געוואוסט, אז די מוטער וועט באלד קומען און האט אנגעהויבען צו ווארטען אויף איהר.

און ווירקליך ביי די ערשטע ווערטער פון דער דיענסט איז די מארקיזע פון'ם בעט אויפגעשפרונגען. זי האָט ביי־נאכט געהערט דעם פערצווייפעלטען געשריי „מאמא" און האָט אונרוהיג געווארט אויף דעם פריהמאָרגען.

— וואָס איז דיר ? — האָט די מארקיזע געפרעגט, אריינ־קומענדיג צו דער טאָכטער.

— איוועטא האָט א קוק געטהאָן אויף איהר און ארויסגעשטאַ־מעלט :

— איך... מיר איז....

זי איז געוואָרען אויפגערעגט און ניט געקענט ריידען.

— אָבער וואָס איז דיר ? — האָט די מארקיזע נאָך אמאָל געפרעגט פערוואונדערט.

דאן האָט איוועטא פערגעסען די אלע שעהנע פראזען און ווער־טער, וואָס זי האָט געהאט פריהער אויסגעקלערט. זי האָט מיט ביי־דע הענד פערדעקט דעם פנים און ארויסגעקרעכצט :

— אָה, מאמא ! אָה, מאמא !

מאדאם אבבארדי איז אונבעוועגליך געשטאנען פאר איהר בעט. זי האט ניט געוואוסט, וואס דא איז געשעהן, נור פון איווע־טא׳ס טאן האט זי כמעט אלצדינג פערשטאנען.

דאס יונגע מיידעל האט ניט געקענט ריידען, טרעהרען האבען זי געשטיקט. איהר מוטער האט א היבשע וויילע געווארט אויף די אונאנגענעהמע ערקלעהרונג. צום סוף האט זי ניט אויסגעהאלטען, פארלארען די געדולד און שארף געפרעגט:

— ווערסטו מיר שוין ענדליך זאגען וואס דיר איז, אדער ניין?

איוועטא האט קוים ארויסגערעדט:

— אָה, מאמא!... היינט ביי־נאכט... איך האב געזעהן... גע־זעהן דיין פענסטער..

די מארקיזע איז מיט אמאל בלייך געווארען.

— נו, איז וואס? — האט זיא געזאגט.

איהר טאכטער האט ווידער אויסגעשריען מיט טרעהרען אין׳ם קול:

—אָה, מאמא! מאמא!

איצט איז מאדאם אבבארדי בייז געווארען, זי האט א דריק געטהאן די אקסלען און זיך אומגעדרעהט צו דער טהיר.

— דאכט זיך, דו ביזט אויף אן אמת משוגע! זיי אזוי גוט און שיק מיך רופען, ווען דיין משוגעת וועט פערביי.

נור דאס יונגע מיידעל האט מיט אמאל צוגענומען די הענד פון איהר פנים, וועלכער איז נאס געוועזן פון טרעהרען, און אויס־געשריען:

— ניין, הער, איך מוז מיט דיר ריידען, הער! דו מוזט מיר פארשפרעכען,... מיר וועלען ביידע אוועקפאהרען פון דאנען ווייט, וויים ערגעץ אין א דארף און מיר וועלען דארט לעבען ווי איינפאכע פויערמעס, קיינער טאר ניט וויסען, וואוהין מיר זיינען אהינגעקו־מען, וואס מיט אונז איז געווארען. מאמא, זאג, דו ווילסט? אום גאטעס ווילען. איך בעט דיך, לאמיר אוועקפאהרען. דו ווילסט, יא?

די מארקיזע איז געשטאנען צומישט אין מיטען צימער. אין איהרע אדערען האט געפליסט דאס הייסע בלוט פון פראסטע מענ־שען. א געפיהל פון שאנדע פון א מוטער, וואס איהר טאכטער איז איהר זינד דערגאנגען, האט זיך צונויפגעמישט מיט דער פערצווייפ־לונג און שרעק פון א ליידענשאפטליכער פרוי, ביי וועלכער מען

ווייל די ליעבע אוועקרויבען, און זי האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן: צי בעטען ענטשולדיגונג, אָדער אָנפאַלען אויף איהר טאָכטער.

— איך פערשטעה דיך ניט — האָט זיא געזאָגט — וואָס מיינסטו?

איוועטא האָט געענטפערט:

— איך האָב דיך געזעהען, מאַמאַ, היינט ביינאַכט.... דו ווייסט ניט... ווען דו וואָלסט געוואוסט... מיר וועלען צוזאַמען אוועקפאָה־רען.... איך וועל דיך אַזוי ליעבען, דאָס דו וועסט פערגעסען.

מאַדאַם אָבבאַרדי האָט זיך אָנגערופען מיט אַ ציטערענדיגער שטימע:

— הער אויס, מיין טאָכטער, עס זיינען דאָ זאַכען, וואָס דו פערשטעהסט ניט... הער אויס, זאָלסט וויסען, זאָלסט וויסען, אַז.... אַז איך פערבאָט דיר צו רעדען מיט מיר וועגען.... וועגען די דאָזיגע זאַכען!

אָבער דאָס יונגע מיידעל איז שוין אריין אין איהר ראָלע פון אַ רעטערין און זי האָט געענטפערט:

— ניין, מאַמאַ, איך בין ניט קיין קינד, און איך האָב אַ רעכט אָלצדינג צו וויסען. יאַ, איך ווייס, אַז מיר נעהמען אויף ביי זיך פערשיעדענע פערדעכטיגע פערזאָנען, אוואַנטוריסטען; איך ווייס אויך, אַז צוליעב דעם אכטעט מען אונז ניט. איך ווייס נאָך פיעלע אַנדערע זאַכען. מעהר טאָר עס ניט זיין, דו הערסט? איך וויל ניט. מיר וועלען אוועקפאָהרען. דוא וועסט פערקויפען דיין ציערונג, מיר וועלען ארבייטען, אויב עס וועט נויטיג זיין, דערפאַר וועלען מיר לע־בען ווי עהרליכע פרויען, און אפשר וועט דאָרט אימיצער וועלען חתונה האָבען מיט מיר.

די מאַרקיזע האָט געענטפערט:

— דו ביזט משוגע. נעהם בעסער און שטעה גלייך אויף און קום עסען פריהשטיק מיט אַלעמען.

— ניין, מאַמאַ, דאָרט איז דאָ איין מענש, וועלכען איך קען ניט זעהן און וויל ניט זעהן. דו ווייסט, וועמען איך מיין. זאָל ער אוועקגעהן פון דאַנען, אניט וועל איך אוועקגעהן. דו קאָנסט זיך אויסקלייבען: איך אָדער ער.

איוועטא איז געזעסען אויפ'ן בעט און האָט אַלץ העכער גע־

רעדט. זי האָט גערעדט אזוי ווי אויף דער ביהגע און איז אזוי אריין אין איהר ראָלע פון א רעטעריו, דאָס זי האָט כמעט פערגעסען איהר אונגליק אין איהר נייער ראָלע.

— דו ביזט משוגע, משוגע! — האָט די מארקיזע ווידער גע־זאָגט, ניט וויסענדיג וואָס צו זאָגען.

איוועטא האָט זיא איבערגעשלאָגען נאָך אין אַ מעהר טהע־אטראלישען טאָן:

— ניין, מאַמא, זאָל יענער אוועקגעהן, אניט וועל איך אוועק־געהן, וואָרים איך וועל זיך אין קיין פאַל ניט אונטערגעבען.

— וואוהין וועסטו געהן? וואָס וועסטו טהאָן?

— איך וויים ניט, ווענען דעם טראַכט איך ניט, אלע איינס. איך וויל, אז מיר זאָלען זיין עהרליכע פרויען.

דער דאָזיגער אָפט ווידערהאָלטער אויסדרוק „עהרליכע פרויען", האָט די מארקיזע ארויסגעבראַכט פון זיך און זי האָט זיך אָנגעצונדען:

— שווייג! — האָט זי א געשריי געטהאָן — איך וועל דיר ניט ערלויבען מיט מיר אזוי צו ריידען. איך בין פונקט אזוי אנשטענדיג און עהרליך ווי אלע אנדערע, דו פערשטעהסט? יא, איך בין א קור־טיזאנקע, דאָס איז אמת. נו, איז וואָס? איך שעהם זיך ניט דער־מיט, און דיינע „עהרליכע" פרויען זיינען ניט אזוי אנשטענדיג, ווי איך.

איוועטא האָט אויסגעגלאָצט אויף איהר די אויגען און ארויס־געשטאַמעלט:

— אָה, מאַמאַ!

נור די מארקיזע האָט זיך שוין מעהר ניט געקענט איינהאַלטען און זיך אלץ מעהר און מעהר צוהיצט:

— יא, יא, איך בין א קורטיזאנקע — האָט זי געשריען — נו, איז וואָס? ווען איך וואָלט קיין קורטיזאנקע ניט געווען, וואָלסטו איצט געדיענט ערגעץ אלס קעכין. אזוי ווי איך אמאָל. וואָלסט גע־קראָגען דרייסיג סו א טאָג און וואָלסט געוואשען די געשיר און דיין באַלעבאַסטע וואָלט דיך געשיקט אין מארק איינקויפען. דו פער־שטעהסט? און וואָלסטו ניט געפאָלגט, וואָלט מען דיך פון הויז ארויסגעיאָגט. און איצט טהוסטו גאנצענע טעג גאָר נישט דער־פאר, ווייל איך בין א קורטיזאנקע, דו פערשטעהסט? ווען א מענש

איז ניט מעהר ווי א דיענסט, אן אָרימע מיידעל, וועלכע האָט נור א פּופּציג פראַנק איהר פאַרמעגען. מוז זיא פערשטעהן ווי איינצואָרד־נען איהר לעבען אזוי. דאס איהר זאָל ניט אויסקומען צו קראַפּירען פאַר הונגער. און קיין אַנדער ברירה איז פאַר אונז ניטאָ, ווען מיר זיינען דיענסטען, קיין אנדער ברירה איז פאַר אונז ניטאָ, דו פער־שטעהסט ? פון טאָג־לוין און פון נייהען קען מען ניט רייך ווערען. מיר האָבען קיין אנדער זאך אויסער אונזער קערפּער.

זי האָט זיך געקלאַפּט אין די ברוסט, ווי א זינדערין, וואָס איז זיך מתודה. זי איז געווען שטאַרק אויפגערעגט, זעהר רויט און איז אַלץ נעהענטער און נעהענטער צוגעגאַנגען צו דער טאַכטער׳ס בעט.

— א שעהנע מיידעל מוז לעבען א גוטען טאָג אָדער ליידען נויט — האָט זי געשריען ווייטער — קיין אַנדער ברירה האָט זי ניט. און דו מיינסט, אז דיינע עהרליכע פרויען זאָגען זיך אָפּ פון ליעבע ? ניין ! אָט דוקא זיי זיינען אויף אַן אמת פערדאָרבען, זיי צווינגט דאך ניט קיינער און קיין זאך! זיי זיינען רייך, לעבען אין פערגעניגען. לעבען אין וואוילטאג און נעהמען זיך געליעבטע אויס אויסגעלאַסענהייט ,אויס פערדאָרבענהייט. זיי זיינען די אמת׳ע פערדאָרבענע.

זי איז געשטאַנען נעבען איוועטא׳ס בעט, און דאָס יונגע מיי־דעל איז פאַר שרעק גרייט געווען צו רופען צו הילף, ערגעץ אַנטלויפען, און האָט הויך געוויינט, ווי עס וויינען קינדער, ווען מען שמייסט זיי.

די מאַרקיזע איז אנשוויגען געוואָרען, האָט א קוק געטהאָן אויף איהר טאָכטער און דערזעהן ווי פערצווייפעלט זי איז, האָט זי פּלוצ־לונג דערפיהלט געוויסענסביסע. אין איהר נשמה האָט זיך ערוועקט א וואָרעמקייט, אן אומעטיגקייט און רחמנות... זי האָט זיך א וואָרף געטהאָן אויפ׳ן בעט, אויסגעשפּרייט איהרע אָרעמס און אַרויסגע־שלוכצעט :

— מיין טהייערע, מיין קינדעלע, מיין טעכטעריל, מיין ליעבע, אָה, אז דו וואָלסט געוואוסט, ווי מיר איז אליין שווער !...

און זיי האָבען לאַנג, לאַנג געוויינט צוזאַמען, זיך האַלטענדיג ארומגענומען.

דערנאָך איז די מאַרקיזע אויפגעשטאַנען און שטיל געזאָגט :

— יא, מיין קינד, דאָס איז אונפערמיידליך, אזוי איז דאָס לע־בען, מען קען איהם ניט איבערמאכען.

איוועטא האָט ניט אויפגעהערט צו וויינען. דער דאָזיגער קלאַפּ איז געווען אזוי שטארק און אזוי אונערוואַרטעט, דאָס זי האָט ניט געקענט אזוי גיך קומען צו זיך.

די מוטער האָט ווייטער גערעדט:

— איצט שטעה אויף און קום ארונטער עסען און זאָל קיינער ניט בעמערקען....

נור איוועטע האָט, ווי פריהער, געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין און ניט געקענט קיין ווארט ארויסריידען.

— ניין, מאמא, — האָט זי צום סוף ארויסגערעדט מיט טרערע־רען אין קול — איך האָב דיר שוין איינמאָל ערקלערט און איך וועל אין קיין פאַל מיין בעשלוס ניט ענדערען. איך וועל פון מיין צימער ניט ארויסגעהן, ביז זיי וועלען אוועקפאָהרען. איך וויל ניט זעהן מעהר די דאָזיגע הערען, אין קיין פאַל און קיינמאָל! און אויב זיי וועלען ווידער קומען, וועל איך... איך... וועסט מיך מעהר ניט זעהן!

פאר דער מארקיזע איז די אויפרעגונג שוין געווען צופיעל, אי־בערהויפּט האָט זי ניט געקענט לאנג טרויערען. זי האָט אפּגעווישט די אויגען און שטיל געזאָגט:

— נו, זיי ניט קיין עקשנ'טע. בעקלער זיך, זיי א קלוגינקע.

איז א מינוט ארום האָט זי צוגעלעגט:

— איבריגענס, אפשר איז טאַקע בעסער, אז דו זאָלסט זיך גוט אויסרוהען. איך וועל קומען שפּעטער זעהן, וואָס דו מאכסט.

זי האָט א קוש געטהאָן די טאָכטער אין שטערען און איז אוועק זיך אָנטהאָן, שוין א ביסעל א בערוהיגטע.

ווי נור די מארקיזע איז פון צימער ארויס, איז איוועטא פון בעט ארונטערגעשפּרונגען, צוגעלאָפען צו דער טיר און האָט זי פערריגעלט. דערנאָך האָט זי זיך ווידער געלעגט און אנגעהויבען צו טראכטען.

א זייגער עלף האָט די דיענסט אָנגעקלאַפּט צו איהר אין צימער און געזאָגט:

— די מאדאם האָט געהייסען פרעגען, צי ווילט איהר ניט עפּעס און וואָס זאָל מען אייך געבען צום פריהשטיק?

— איך וויל ניט עסען — האָט איוועטא געענטפערט — זאָגט, אַז מען זאָל מיך לאָזען צורוה.

און זי איז ווירקליך ניט אויפגעשטאַנען פון בעט, ווי זי וואָלט טאַקע קראַנק געווען אויף אַן אמת.

א זייגער דריי האָט מען ווידער אַנגעקלאַפּט.

— ווער איז דאָרט? — האָט איוועטא געפרעגט.

— דאָס בין איך, קינד, געקומען זעהן, וואָס דו מאַכסט.

איוועטא האָט דערקאָנט איהר מוטער'ס שטימע. זי האָט ניט געוואוסט, ווי אַזוי זי זאָל האַנדלען, וואָס זי זאָל טהאָן. דאַן האָט זי בעשלאָסען צו עפענען די טיר און זיך ווידער געלייגט.

— נו, ווי פיהלסטו זיך. איז דיר בעסער? — האָט די מאַרקיזע שטיל געפרעגט און איז צוגעגאַנגען צום בעט — אפשר וואָלסטו געגעסען אַן איי?

— ניין, א דאַנק, איך וויל גאָר נישט.

מאַדאַם אבבאַרדי האָט זיך געזעצט נעבען בעט. ביידע האָבען געשוויגען.

איוועטא האָט זיך אפילו ניט א ריהר געטהאָן און איז געלעגען אויסגעצויגען, ווי א טויטע.

— אפשר וואָלסטו שוין אויפגעשטאַנען? — האָט די מאַרקיזע געפרעגט.

— יאָ, איך וועל באַלד אויפשטעהן — האָט איוועטא געענטפערט און צוגעלייגט אין אַן ערנסטען, כמעט פייערליכען טאָן:

— איך האָב פיעל געטראַכט, מאַמאַ, און איך האָב בעשלאָסען אַזוי: וואָס פריהער איז געווען, איז פאַרפאַלען, וועגען דעם וועלען מיר מעהר ניט רעדען. נור אין דער צוקונפט מוז אַלץ אַנדערש ווערען, און אויב ניט.... אויב ניט.... ווייס איך שוין, וואָס מיר בלייבט צו טהאָן. און איצט גענוג וועגען דעם, מעהר וועלען מיר ניט ריידען.

די מאַרקיזע האָט זיך אויף אַזעלכע ווערטער ניט געריכט און זי איז ווידער בייז געוואָרען. „דאָס איז שוין צופיעל — האָט זי א טראַכט געטהאָן — אַזאַ ערוואַקסענע מיידעל האָט שוין לאַנג געדאַרפט פערשטעהן דעם אמת...“

נור זי האָט זיך איינגעהאַלטען, גאָרניט געענטפערט איוועטא'ן און געזאָגט צו איהר:

— דו שטעהסט אויף?
— יא, איך וועל זיך באלד אָנטהאָן.
די מוטער האָט אזוי ווי א דיענסט צוגעהאָלפען דער טאָכטער: געבראכט איהר די זאָקען, דעם קאָרסעט, די קליידלאך, אלצדינג פערשפּילעט, אלציגג צורעכט געמאכט.
— ווילסטו זיך אפשר אַ ביסעל דורכגעהן פאר מיטאָג?
— יא, מאמא!
און זיי זיינען געגאנגען שפּאַציערען אויפ'ן ברעג פונ'ם טייך און די גאנצע צייט האָבען זיי נור גערעדט וועגען געוועהנליכע אונבעדייטענדע זאכען.

4.

אויף מאָרגען איז איוועטא באלד אין דער פריה אוועקגעגאנגען אין וואלד אויף דעם איינענעם אָרט, וואו סערוויני האָט איהר גע־לייענט וועגען דעם לעבען פון די מוראשקעס. זיא האָט געטראכט:
„איך וועל ניט אוועקגעהן פון דאנען ביז איך וועל ניט אָנ־געהמען עפּעס א בעשלוס.“
פאר איהר, איהר צו־פוסען, האָט דער טייך האסטיג געפלאָ־סען און גערוישט, און אויפ'ן וואסער האָבען זיך כסדר געדרעהט קליינע וואסער־קרייזען.
דאָס יונגע מיידעל האָט שוין פריהער געהאָט בעטראכט איהר לאַגע פון אלע זייטען און אלע מעגליכע אויסוועגען פון איהר.
וואָס זאָל זי טהאָן, אויב איהר מוטער וועט ניט איינשטימען אויף איהרע בעדינגונגען. וועט זיך ניט וועלען אָפּזאגען פון דעם פריהערדיגען לעבען און וועט ניט אוועקפאָהרען מיט איהר ערגעץ ווייט, ווייט?
נאַטירליך, זי, איוועטא, וואָלט געקאָנט אליין אוועקפאָהרען, איטלויפען, נור וואוהין און ווי אזוי? פון וואָס וועט זי לעבען?
ארבייטען? נור צו וועמען ווענדעט זי זיך וועגען ארבייט? דערצו נאָך האָט דאָס איינפאכע, גיט־פרעהליכע לעבען פון די אר־בייטער־פרויען זיך אויסגעוויזען איהר צו טרוקען און פאר איהר אונווירדיג. אפשר זאָל זי גאָר ווערען א גוברנאַנטין? אין די ראָ־מאַנען האָט זי אָפּט געלייענט, ווי די זיהן פון די רייכע פאמיליען פערליעבען זיך אין די גוברנאַנטינס פון זייערע אינגערע שוועס־

טער און ברידער און האָבען דערנאָך מיט זיי חתונה. אפשר וואָלט זי אויך געקאָנט אויף אזא אופן חתונה האָבען? אָבער צו דעם צוועק האָט זי אליין אויך געדאַרפט זיין פון א שעהנער פאמיליע, כדי ווען דער דערצאָרענטער פאָטער וועט איהר מאכען פאָרווירפע, פאר וואָס זי האָט גע'גנב'עט די ליעבע פון זיין זוהן, זאָל זי איהם קענען מיט שטאָלץ ענטפערען:

— פערגעסט ניט, אז איך הייס איוועטא אָבבאַרדי!

איצט אָבער האָט זי מיט דעם דאָזיגען נאָמען ניט געקאָנט שטאָלצירען, און אויסער דעם איז אזא מיטעל חתונה צו האָבען שוין געווען צו באַנאַל און אויסגענוצט.

וואָס דען, ווערען א מאָנאשקע? דאָס וואָלט אויך געווען באַ־נאַל, בפרט נאָך, ווען זי האָט איבערהויפּט ניט געפיהלט קיין בערוף צו פיהרען א לעבען פון א מאָנאשקע אין א קלויסטער. זי איז גע־ווען פרום און גאָטספאָרכטיג נור צייטענווייז, ווען די פרומקייט איז זי בעפאלען.... חתונה האָבען מיט איהר און ראטעווען זי דורכדעם פון דעם דאָזיגען לעבען, וועט קיינער, נאַטירליך, ניט ווילען, דאָס האָט זי איצט גאַנץ גוט געוואוסט. הייסט עס, אז זי האָט קיין אויס־וועג ניט, קיין רעטונג.

און אויסער דעם, האָט זיך איהר געוואָלט טהאָן עפּעס אזוינס, וואָס זאָל זיין אונגעוועהנליך העלדיש, וואָס וואָלט געקאָנט דיענען אלס א ביישפּיעל פאר אנדערע, און דעריבער האָט זי בעשלאָסען צו שטאַרבען.

דער דאָזיגער געדאַנק איז איהר אין קאָפּ געקומען פּלוצים און זי האָט זיך בעשלאָסען אויף דעם גאַנץ רוהיג, אזוי ווי עס וואָלט זיך געהאַנדעלט וועגען עפּעס א רייזע. זי האָט זיך ניט אריינגעטראַכט אין דעם טויט, האָט ניט געטראַכט וועגען דעם. אז דער טויט הייסט א סוף צו אלעם, אז פון'ם טויט קען מען זיך שוין ניט צוריקקעה־רען. זי האָט זיך בעשלאָסען אויף דעם מיט דער לייכטזיניגקייט פון איהר יונגער, צוהיצטער נשמה און אָנגעהויבען ארומצוטראַכטען, אויף וואָס פאר אן אופן וועט זיין אם בעסטען זיך דאָס לעבען צו נעהמען.

און עס איז איהר זעהר שווער געווען צו בעשליסען זיך אויף וואָס פאר אן אופן זי זאָל זיך דאָס לעבען נעהמען: דערשיסען זיך אָדער דערשטעכען זיך? דערצו האָט זיך געפאָדערט געוויסע

קענטנים און א זיכערע האנד. זי האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט זי זיך נור פערוואונדען, זיך מאַכען פאַר אַ קאַליקע און דערנאָך בלייבען לעבען. אויך האָט זי ניט געוואָלט הענגען זיך, ווייל דער דאָזיגער זעלבסטמאָרד איז צו פּראָסט, מיאוס און פּאַסט נור פאַר פּראָסטע מענשען. דערטרינקען זיך האָט זי ניט געקענט, ווייל זי האָט צו גוט געשוואומען. בלייבט איהר נור צו פאַר'סמ'ען זיך. אָבער מיט וואָס? כמעט אַלע גיפטען רופען אַרויס אַ ברעכען און פערשאַפען שרעקליכע וועהטאָגען. זי האָט ניט געוואָלט צופיעל ליידען. דערנאָך האָט זי זיך דערמאָנט, אַז ניט לאַנג האָט זי געלעגען, ווי אַ יונגע פרוי האָט זיך איינגעשלעפערט מיט כלאָראָפאָרם און איז שוין מעהר ניט אויפגעשטאַנען.

און זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם מיט אַ מין פרייד און שוין שטאָלצירט מיט דער העלדישקייט, וואָס זי וועט בעווייזען. אַלע וועלען דאַן זעהן, וואָס פאַר אַ נוטע, בראַווע מיידעל זי איז געווען.

זי האָט זיך צוריקגעקעהרט אין בוזשיוואַל, איז אַריין צו אַן אַפּטייקער און געבעטען אַביסעל כלאָראָפאָרם כלומר'שט צו צייהן־וועהטאָג. דער אַפּטייקער האָט זי געקאַנט און איהר געגעבען אַ גאַנץ קליינע פלעשעלע נאַרקאָטיק.

פון דאָרט איז זי אַוועק צו פוס אין קרואַסס און האָט זיך דאָרט פאַרשאַפט אַ צווייטע פלעשעל גיפט. דערנאָך האָט זי געקראָגען אַ דריטע אין שאַטו, אַ פיערטע אין ריעל און איז צוריקגעקומען אַהיים שטאַרק אויסגעהונגערט נאָך אַזאַ לאַנגען שפּאַציער און האָט געגעסען מיט גרויס אַפּעטיט.

די מאַרקיזע האָט מיט פערגעניגען בעמערקט איהר גוטען אַפּעטיט און זי האָט זיך אין גאַנצען בערוהיגט וועגען איהר. און ווען איוועטא איז אויפגעשטאַנען פון טיש, האָט די מאַרקיזע צו איהר געזאָגט:

— זונטאָג וועלען מיר האָבען געסט, איך האָב איינגעלאַדען זיעם פירסט קראַוואַלאָוו, דעם קאַוואַליער וואַלרעאַלי און דע־בעל־וויני.

איוועטא איז עטוואָס בלייך געוואָרען, אָבער האָט גאָר ניט גע־ענטפערט.

זי איז כמעט גלייך אַרויס פון שטוב, דערגאַנגען ביז דער באַהן־

סטאנציאָן, האָט גענומען אַ בילעט און איז אוועקגעפאָהרען אין פּאַריז.

אין שטאָדט איז זי דעם גאַנצען נאָכמיטאָג ארומגעגאַנגען פון איין אַפּטייק אין אַנדערען און האָט אומעטום געקויפט עטליכע טראָפּענס כלאָראָפאָרם.

פאַרנאַכט האָט זי זיך צוריקגעקעהרט אהיים מיט אַ סך אזעלכע קליינע פלעשלאַך.

אויף מאָרגען איז זי ווידער געפאָהרען קיין פּאַריז און האָט יעדער ארומגעוואַנדערט איבער די פּאַריזער אַפּטייקען און צו־לעצט איז זיא צופעליג אריין אין אַ גרויסען אַפּטייק, וואו מען האָט איהר פערקויפט מיט אַ מאָל אַ פערטעל ליטר כלאָראָפאָרם.

שבת איז זי געבליבען אין דער היים. עס איז געווען אַ ווארע־מער פערוואָלקענטער טאָג. זי איז געזעסען בעקוועם אויף אַ פאָ־טעל אויף דער טעראַסע און ביז אַבענד האָט זי זיך פון אָרט ניט גערירט.

זי האָט ניט געטראַכט וועגען קיין זאַך, איז געווען רוהיג און האָט אָהן שרעק געוואַרט אויף דעם מאָרגענדיגען טאָג, האַבענדיג פעסט ביי זיך אָפּגעמאַכט צו שטאַרבען.

זונטאָג, באַלד אין דער פריה, האָט זי אָנגעטאָהן אַ פּראַכט־פולע בלויע קלייד, וואָס האָט זעהר געפּאַסט צו איהר. זי האָט גע־וואָלט אויסזעהן ווי ווייט מעגליך אינטערעסאַנטער. דערנאָך האָט זי אַ קוק געטהאָן אויף זיך אין שפּיעגעל און ארויסגעמורמעלט :

— מאָרגען וועל איך שוין זיין טויט — זי האָט אַ ציטער גע־טהאָן מיט'ן גאַנצען קערפּער — יאָ, טויט ! איך וועל שוין ניט רע־דען, ניט קלערען און קיינער וועט מיך שוין קיינמאָל ניט זעהן און איך אַליין וועל שוין אויך קיינעם מעהר ניט זעהן.

איוועטאַ האָט זיך גוט איינגעקוקט אין איהר געזיכט, אזוי ווי זי וואָלט עס ביז איצט קיינמאָל ניט געזעהן ; בעזונדערס האָבען איהר פעראינטערעסירט איהרע אויגען. זיי האָבען זיך איהר אויס־געוויזען עפּעס ווי אַנדערע, אונבעקאַנטע, און איבערהויפּט האָט זי איצט אויף זיך בעמערקט זעהר פיעל קליינינקייטען, וואָס זי האָט פריהער קיינמאָל ניט בעמערקט, און זי האָט זיך געוואונדערט אויף זיך אַליין.

— יאָ, דאָס בין איך, איך — האָט זי געטראַכט, מאַכענדיג

מיט'ן קאָפּ צו איהר געשטאַלט אין שפּיעגעל — ווי מאָדנע דאָס איז צו קוקען אויף זיך אליין. און דאָך, ווען עס וואָלטען קיין שפּיעגלען ניט געווען, וואָלט זיך דאָך קיינער ניט געקענט. יעדער איינער וואָלט געוואוסט, ווי דער אַנדערער זעהט אויס, נור ניט ווי ער אליין.

איוועטא האָט פונאנדערגעלאָזט איהרע לאַנגע, שעהנע האָר, זיי צושאָטען אויף די אַקסלען און זיי אריבערגענומען אויף די ברוסט. דערנאָך האָט זי אויפמערקזאם בעאָבאַכטעט יעדע בעוועגונג איהרע, יעדע מינע איהרע און ניט ווילענדיג א טראכט געטהאָן:

— ווי שעהן איך בין, און מאָרגען וועל איך שוין דאָ ליגען א טויטע אויפ'ן בעט.

זי האָט א קוק געטהאָן אויף דאָס בעט און קלאָר זיך פאָרגעשטעלט איהר אויסגעצויגענעם. פערגליווערטען טויטען קערפּער.

„איך וועל שטארבען. אין א וואָך ארום וועל איך פערוואנדעלט ווערען אין א שטויב, עס וועט מעהר גאָרנישט פון מיר פערבלייבען, ווי נור שטויב...“

און איהר הארץ האָט זיך צונויפגעדריקט פאר שרעק.

העלער זונענשיין האָט בעגאָסען די אומגעגענד און די מילדע בארגענלופט האָט זיך אריינגעריסען דורך דאָס פענסטער.

דאָס יונגע מיידעל האָט זיך געזעצט ביים פענסטער און ווייטער געטראכט וועגען טויט.

זי וועט שטארבען! אַלצדינג וועט פערשווינדען. ניין, ניין, קיין זאַך וועט ניט פערשווינדען, אַלצדינג וועט בלייבען ווי פריהער, אפילו איהר צימער... יא. דאָס דאָזיגע צימער וועט בלייבען אזוי ווי איצט, עס וועלען דאָ שטעהן דאָס זעלביגע בעט, די זעלביגע שטולען, די זעלביגע טואלעט-זאכען, נור זי אליין וועט שוין ניט זיין, זי אליין וועט פערשוואונדען ווערען אויף אייביג. און אויסער דער מוטער וועט זיא אפילו קיינער ניט בעדויערען. לייט וועלען אפשר זאָגען: „ווי שעהן זי איז געווען!“ און מעהר גאָרניט.

און ווען זי האָט א קוק געטהאָן אויף איהרע שעהנע ארעמס, וואָס זיינען אָנגעלעהנט געווען אָן די פאָרענצען פונ'ם פאָטעל, האָט זי ווידער א קלערער געטהאָן, ווי עקעלהאפט עס זעהט אויס א פוי-

לענדער קערפער, ווי שווארץ, ווי מורא'דיג. און דאס וועט ווערן פון איהר שעהנעם קערפער.

דאס יונגע מיידעל איז ווידער אין גאנצען אויפגעציטערט געווארען פאר שרעק און האט בשום אופן ניט געקענט פערשטעהן, ווי וועט דאס זי אליין אויפהערען צו עקזיסטירען, יועהרענד אלצ־דינג ארום איהר וועט בלייבען גוי פריהער און די גאנצע ערד וועט ניט חרוב ווערען, וועט ניט פערשווינדען. דען איהר האט זיך אויסגעוויזען, אז זי איז א טהייל פונ'ם גאנצען לעבען, א טהייל פון דער לופט, פון דער זון, פון אלצדינג, וואס עקזיסטירט.

פונ'ם גארטען האט זיך דערהערט א הויך געלעכטער, שטימען, געשרייען, יענע ליארמענדיגע פרעהליכקייט, וואס מען טרעפט אויפ'ן לאנד ביי זומער־געסט. זי האט דערקאנט דע־בעל־וויני'ס הילכענדיגע שטימע, וועלכע האט געזונגען:

„אט בין איך דא אונטער דיין פענסטער,
אה, ווייז דיין שעהן געזיכט!"

איוועטא האט זיך מעכאניש אויפגעהויבען און ארויסגעקוקט פונ'ם פענסטער. דארט אונטען זיינען געשטאנען פינף פון איהרע פערעהרער מיט צוויי אונבעקאנטע הערען און האבען שטארק אפלאדירט.

דאס יונגע מיידעל האט זיך שנעל אפגעקעהרט פון פענסטער. איהר הארץ איז צוריסען געווארען ביי דעם איין געדאנק, אז דיא דאזיגע אלע מענער זיינען געקומען צו איהר מוטער, צו פערברייינגען וויא אין אן עפענטליכער הויז...

מען האט אנגעקלונגען צום פריהשטיק.

— איך וועל זיי ווייזען, ווי מען שטארבט — האט זי ארויס־געמורמעלט און איז מיט פעסטע טריט אריינגעקומען אין עסס־צי־מער. זי האט אויסגעזעהן, ווי א מאל די קריסטליכע פרויען, בשעת זיי זיינען אויפגעטרעטען אויף דער ארענע פון צירק, וואו לייבען האבען שוין געווארט אויף זיי.

זי האט זיי אלעמען בעגריסט מיט א חן'עוודיגען, נור עטוואס שטאלצען שמייכעל אויף די ליפען.

סערוויני האט זיך געווענדעט צו איהר:

— נו, מאמזעל, היינט זייט איהר ניט אזוי בייז?

— היינט וויל איך הוליען אויף וואס די וועלט שטעהט —

האָט איוועטא געענטפערט מיט עפּעס א מאָדנעם, כמעט שטרענ־
גען טאָן — איך בין היינט אין מיין פאַריזער שטימונג. היט זיך!
מולוואוז, איהר וועט זיין מיין בעגלייטער — האָט זיא צוגעלייגט.
וועגדענדיג זיך צו דע־בעלווין — נאָך פריהשטיק וועל איך אייך
אַלעמען פיהרען אויף א יאריד אין מארלי.

אין מאַרלי איז יענעם טאָג טאַקע געווען א יאריד. איוועטא'ן
האָט מען פאַרגעשטעלט די צוויי נייע געסט, דעם גראף דע־טאַמען
און דעם מארקיז דע־בריקעטאַ. דערנאָך האָבען זיך אלע געזעצט
צום טיש.

ביים פריהשטיק האָט דאָס יונגע מיידעל כמעט ניט גערעדט.
זי האָט איינגעשפּאַרט איהרע קרעפטען אויף שפּעטער, ווען זיי וועט־
לען אוועקגעהן שפּאַציערען. דאַן וועט זי זיך צווינגען צו זיין ווי
מעגליך פרעהליכער, לוסטיגער, כדי זיי אלע זאָלען זיך דערנאָך
וואונדערען אויף איהר טויט און זאָלען זאָגען:

— ווער וואָלט עס געקאָנט איינפאַלען, אַז זיא זאָל בעגעהן
זעלבסטמאָרד? זי האָט אויסגעזעהן אזוי פרעהלאַך, אזוי גליקליך!
ווירקליך, מען קען קיינמאָל ניט וויסען. וואס ביי יענעם אין'ם
האַרצען טהוט זיך.

זי האָט זיך געצוואונגען ניט צו טראַכטען וועגען אָבענד, ווע־
גען דער צייט, וואָס זי האָט זיך אויסגעקליבען צו שטארבען. דאָס
האָט געזאָלט געשעהן, ווען אלע וועלען זיצען אויף דער טעראַסע און
טרינקען קאַפע.

זי האָט אומיסטנע געטרונקען וואס מעהר וויין, כדי זיך צו ער־
מונטערען, און האָט זאגאר אויסגעטרונקען צוויי גלעזלאך קאָניאק.
און ווען זי איז אויפגעשטאַנען פון טיש, איז זי אין גאַנצען געווען
רויט און האָט געפיהלט א היץ אין איהר גאַנצען קערפּער און אין
איהר מוח. איצט — האָט זיך איהר אויסגעוויזען — איז זי פאָל־
שטענדיג גרייט צו אַלצדינג און קיין זאך וועט זי ניט אפּשרעקען.

— נו, געגאַנגען זאָל ווערען! אין וועג אריין, מיינע הערען!
— האָט איוועטא אויסגעשריען און גענומען אונטער דער האַנד דע־
בעלווין'ען און די איבעריגע האָט זי אויך אויסגעשטעלט, ווי ווער
זאָל געהן.

— קומט, סערוויני, איהר וועט אויסשטעלען מיין מיליטער.
איך מאַך אייך פאַר א סערזשאַנט. געהט בעזונדער פון דער רעכ־

מער זייט. פאַראויס זאָל גיין די אויסלענדישע גוואַרדיע, דער פירסט און דער קאַוואַליער וואַלרעאַלי, און פון הינטן ביידע נייע רעקרוטען. זיי טרעטען אַריין פון היינטיגן טאָג אין דינסט אַריין.... גו ,מאַרש!

און זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין. סערוויני האָט אָנגעהויבן גאַכצומאַכן א טרומפעט און די צוויי נייע האָבן נאָכגעמאַכט דאָס קלאַפּן אין פּויקן. דע־בעלווין איז אַביסעל צו־מישט געוואָרן און האָט זיך שטיל אָנגערופן צו איוועטאַ'ן:

— מאַדמואַזעל איוועטאַ, הערט אויף, זייט פערשטענדיג, איהר קאָמפּראָמיטירט זיך!

— איהר מיינט געוויס צו זאָגן, אז איך קאָמפּראָמיטיר אייך, רעזינע — האָט איוועטע געענטפערט — פאַר זיך אַרט מיך ניט. מיר איז אַלץ איינס. מאָרגען וועט עס שוין מעהר קיינער ניט געדענקען. און פאַר אייך — א מצוה אויף אייך. האָט איהר ניט געזאָלט גיין מיט אַזעלכע פערזאָנען, ווי איך!

זיי זיינען מיט ליאַרם און געפּילדער דורכגעגאַנגען בוזשיוואַל און אַלע האָבן זיי אָנגעקוקט פערוואונדערט, אפילו פון די הייזער איז מען אַרויסגעלאָפן צו זעהן, וואָס איז דאָרט פאַר א טומעל. גראָד אין דער צייט איז געגאַנגען א צוג פון ריעל נאָך מאַרלי. די פּאַסאַזשירען האָבן אַרויסגעשטעקט זייערע קעפּ פון די פענסטער־לאַך און די מענער, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע, האָבן געשריען:

— מען דאַרף זיי אין טייך אַריינוואַרפען!

עס איז קענטיג געווען, אז זיי האָבן איוועטאַ'ן אָנגענומען פאַר א מיידעל פון דעם בעוואוסטען סאָרט.

זי איז געגאַנגען אין פאַראויס מיט מיליטערישע טריט און האָט נאָכגעשלעפּט נאָך זיך פאַר א האַנד דעבעלווין'ען. ווי א געפאַנגע־נעם. זי האָט ניט געלאַכט. איהר בלייכער פּנים איז געווען ערנסט, טיעף רוהיג. צייטענווייז האָט סערוויני אויפגעהערט צו טרומייטערען און הויך געקאָמאַנדעוועט. דער פירסט און וואַל־רעאַלי זיינען זעהר לוסטיג געווען און האָבן געהאַלטען אָט די דאָ־זיגע גאַנצען שטיפעריי פאַר זעהר אָריגינעל און אַנשטענדיג. די איבעריגע צוויי האָבן די גאַנצע צייט געקלאַפּט ווי אין פּויקען.

אָט די דאָזיגע ליאַרמענדיגע קאָמפּאַני האָט אָנגעמאַכט א גע־

רודער אויפ'ן יאריד אין מארלי. די גאסען־מיידלאך האבען זיי אפלאדירט, דיא מענער האבען געלאכט. עפעס א דיקער הערר, געהענדיג געארעמט מיט זיין פרוי, האט מיט קנאה אויסגערופען:

— אט די,ווענינסטענס, לאנגווייליגען זיך ניט!

איוועטא איז צוגעגאנגען צום קארוסעל מיט די הילצערנע פערדלאך, אליין ארויפגעשפרונגען אויף איינעם פון זיי און האט געצוואונגען דע־בעלווין'ען זיך צו זעצען נעבען איהר, און אלע אי־בעריגע האט זי פארוויז אויסגעזעצט הינטער זיך. ווען דער קארו־סעל האט זיך אויפגעהערט צו דרעהען, האט דאס יונגע מיידעל גע־זאגט, אז איינמאל איז פאר איהר ווענינ, אז זי וויל נאך א מאל פאהרען, און זי האט זיך אזוי פינף מאל נאכאנאנד געדרעהט אויף די דאזיגע הילצערנע קינדערשע פערדלאך. און די מאסע ארום קא־רוסעל האט זיך וועגען דעם שטארק געוויצעלט. דע־בעלווין'ען איז שלעכט געווארען און ווען ער איז ארונטערגעקראכען פון פערד, האט ער זיך געפיהלט אין גאנצען צובראכען.

דערנאך האט איוועטא אלעמען געפיהרט צו בעקוקען די בייד־לאך אויפ'ן יאריד. זי האט איהרע קאוואליערען בעפויהלען זיך אבצואווענען און דערמיט ווידער ארויסגערופען געשרייען און א יויצלען זיך ביי דער מענגע, וואס איז געשטאנען דערביי. דערנאך האט זי זיי געצוואונגען איינצוקויפען אלערליי קלייניגקייטען און טראגען פערשיעדענע ניט־שעהנע שפיעלצייג. דער פירסט און וואל־דעאלי האבען זיך אנגעהויבען צו שעהמען מיט די דאזיגע שטיפע־רייען, נור סערוויני און די צוויי[illegible]יע האבען נאך אלץ, ווי פריהער, זייערע ראלען געשפיעלט.

אזוי זיינען זיי דורכגעגאנגען דאס גאנצע דארף. ביים עק פון דעם דארף האט זיך איוועטא אפגעשטעלט און בעקוקט איהר סוויטע מיט א שטרענגען, בייזען בליק. און פלוצים איז איהר אריינגעפאלען א ווילדע פאנטאזיע: זי האט זיי געהייסען זיך אויס־שטעלען אויפ'ן ברעג פון טייך און הויך אויסגעשריען:

— זאל יענער פון אייך, וואס ליעבט מיך מעהר ווי אלע אנדערע, זיך גלייך אין טייך אריינווארפען.

קיינער האט זיך פון ארט ניט גערירט. הינטער זיי האט זיך ווידער פארזאמעלט א מעננע נייגעריגע מענשען. די פרויען

אין ווייסע שירצען האָבען מיט שרעק אויף איוועטא׳ן געקוקט. צוויי סאָלדאַטען אין רויטע הויזען האָבען הויך און נאַריש געלאַכט.

— וועט קיינער פון אייך מיין וואונש ניט ערפילען? — האָט איוועטא ווידער א געשריי געטהאָן.

— אה, יא, איך טהו עס! — האָט סערוויני ארויסגעמורמעלט און אזוי ווי ער איז געשטאַנען, איז ער אין טייך אריינגעשפרונגען.

דאָס וואסער האָט א פליוכע געטהאָן אויף אלע זייטען און האָט זאגאר פערשפריצט איוועטא׳ס פיס. דער עולם האָט געמור־מעלט פערוואונדערט און געלאַכט.

דאן האָט איוועטא אויפגעהויבען א שטיק ברעטעל פון ד׳רערד און געגעבען א וואַרף אין טייך אריין.

— כאַפּט! — האָט זי א געשריי געטהאָן נאָך העכער.

סערוויני האָט זיך געלאָזט שווימען, דעריאָגט דאָס ברעטעל, עס אָנגעכאַפּט מיט די צייהן, ווי א הונד, צוגעשוואומען צום ברעג, ארויסגעקראָכען, זיך געשטעלט פאר איוועטא׳ן אויף די קניע און איהר דערלאַנגט דאָס פייכטע ברעטעל.

דאָס יונגע מיידעל האָט איהם פריינדליך א גלעט געטהאָן אי־בער די האָר און געזאָגט:

— אָה, מיין שעהנער יונג!

א דיקע דאַמע האָט הויך פראָטעסטירט:

— מען שעהמט זיך גאר ניט. דאָס איז שוין צופיעל!

א צווייטע דאַמע האָט בעמערקט:

— ווי קענען מענשען זיין אזעלכע הולטאַיעס!

איינער פון די מענער האָט אויסגערופען:

— איך וואָלט שוין פאר אזא מיידעל אין וואסער ניט גע־קראָכען!

איוועטא האָט איהם א זאָג געטהאָן גלייך אין פנים אריין:

— איר זייט א נאַר און איהר ווייסט אליין ניט, וואָס איהר וואָלט דאַדורך געוואונען!

און זי האָט א כאַפּ געטהאָן דע־באַלוויין׳ען אונטער דער האַנד און זיי האָבען זיך געלאָזט געהן צוריק אין בוזישוואַל. איוועטא האָט בייז געקוקט אויף אלעמען, אויף יעדען, וואָס זי האָט בעגעג־ענט.

— וואָס פאר א נאַרישע פנים׳ער זיי האָבען אלע! — האָט זי

גנעזאגט. דערנאך האט זיא א קוק געטאהן אויף איהר קאוואליער און צוגעלייגט: — און איהר זעהט אוים נאך נארישער!

דע־בעלווין האט זיך פערניינט. ווען זי האט זיך אומגעדרעהט, האט איוועטא בעמערקט, אז דער פירסט און וואלרעאלי זיינען ער־גיץ פערשוואונדען. סערוויני האט שוין מעהר ניט געטרומייטערט, נור אומעטיג געקוקט אין א זייט, אין גאנצען נאס און מיעד. די צוויי נייע האבען אויף ארונטערגעלאזט די נעזער און האבען מעהר ניט געפויקט.

זי האט טרוקען א לאך געטהאן און געזאגט:

— שוין? איהר האט שוין גענוג געהוליעט? נו, איהר האט דאך ליעב צו הוליעז, צו אמוזירען זיך, צו פערברענגען פרהעלאך די צייט? צוליעב דעם זיים איהר דאך געקומען אהער. אט האט איהר גענוג געהוליעט פאר אייער געלד.

זיא איז אנשוויגען געווארען און פלוצים האט דע־בעלווין בע־מערקט, אז זי וויינט.

— וואס איז אייך? — האט ער פערוואונדערט געפרעגט.

זי האט ארויסגעמורמעלט:

— לאזט מיך צורוה, דאס איז ניט אייער זאך.

נור ער איז צוגעשטאנען צו איהר, מעשה נאר:

— אה, מאדמואזעל, זאגט, וואס איז אייך? פיעליכט האט אייך אימיצער בעליידיגט?

— ווערט איהר שווין א מאל אנטשווינען ווערען! — האט זי אונגעדולדיג א געשריי געטהאן אויף איהם. נור מעהר האט זי שוין אין זיך ניט געקענט איינהאלטען איהר פערצווייפעלטען פערדרוס און האט אזוי הויך גענומען שלוכצען, דאס זי האט ניט געקאנט וויי־טער געהן. זי האט פערדעקט דעם פנים מיטביידע הענד און האט זיך געווארגען, געשטיקט מיט טרערע׳ פון פערצווייפלונג.

דע־בעלווין איז געשטאנען נעבען איהר און אלץ געדעדט:

— וואס איז דאס? איך פערשטעה ניט.

סערוויני איז שנעל צוגעגאנגען צו איהר און האט געזאגט:

— לאמיר געהן א היים, מאמזעל, דא איז ניט קיין ארט צו וויינען. צו וואס טראכט איהר אוים אזעלכע אונזיניגע זאכען, אויב זיי פערשאפען אייך שמערצען?

און ער האט זיא מיט געוואלט אוועקגעשלעפט ווייטער. נור ביי

־ער טיר פונ׳ם נאַרמען פון איהר מוטער׳ס ווילע האָט זיך איוועטא ארויסגעריסען און געלאָזט זיך לויפען צום הויז. זי איז שנעל ארויפגעלאָפען אויף די טרעפ און האָט זיך פערשלאָסען אין איהר שלאָף צימער.

זי האָט זיך ערשט בעוויזען צו מיטאָג. זי איז געווען זעהר בלאַס און זעהר ערנסט. די איבעריגע זיינען געווען זעהר פרעהליך. סערוויני האָט זיך געקויפט אין א קראָם אַן ארבייטער־גארנימור, סאַמעטענע הייזען, א געבלומטען רעקעל און א קאלירטע העמד, האָט זיך אין דעם אָנגעטהאָן און די גאנצע צייט גערעדט מיט׳ן פאָלקס־זשארגאָן.

איוועטא האָט געפיהלט, אז זי פערלירט דעם קוראזש און אונגעדולדיג געווארט, אז דער מיטאָג זאָל זיך ענדיגען. באלד ווי מען האָט קאפע דערלאנגט, איז זי ווידער אוועק צו זיך.

זי האָט געהערט די פרעהליכע שטימען פון דער טערראסע אונטער איהר פענסטער. וואלרעאלי האָט דערצעהלט אונאנשטענדיגע אנעקדאָטען. געקנאקט גראבע וויצען און אליין געלאכט פון זיי.

זי האָט דאָס אלצדינג געהערט מיט פערצווייפלונג אינ׳ם הארצען. סערוויני האָט גאנץ געלונגען נאָכגעמאכט א שיכור׳ען ארבייטער און גערופען די מארקיזע נים אנדערש ווי „באליבאסטע“. און פלוצים האָט ער א געשריי געטהאָן צו סאוואל׳ען:

— נים אזוי, באליבאָס?

אלע האָבען זיך הויך צולאכט.

דאַן האָט איוועטא בעשלאָסען, אז עס איז צייט א סוף צו מאַכען. זי האָט גענומען א בויגעלע שרייב־פאפיר און אָנגעשריבען:

„בוזשיוואל, זונטאג, 9 אוהר אבענד. איך שטארב, כדי נים צו דארפען זיך פערקויפען. איוועטא.“

און אין פאָסטסקריפטום האָט זי צוגעלעגט:

„אדיע, ליעבע, מאמא, און ענטשולדיג.“

דעם דאָזיגען צעטעלע האָט זי ארייגעלעגט אין א קאָנווערט און אָנגעשריעבען אויף איהם: „דער מארקיזע אבבארדי.“

דערנאָך האָט זי צוגערוקט איהר פאָטעל צום פענסטער, צוגעשלעפט א קליין טישעל אזוי, דאָס ליגענדיגערהייט זאָל זי קאָנען צו איהם מיט דער האנד דערגרייכען, און ארויפגעשטעלט אויף איהם א פלעשעלע מיט כלאָראָפאָרם נעבען א שטיק וואטע.

זי האָט זיך אויסגעלעגט אויפ׳ן פּאָטעל. א גרויסער בוים, אין נאַנצען מיט בלומען בעדעקט, האָט פון אונטען דערגרייכט ביז צו איהר פענסטער, און דער צאַרטער, קוויקענדיגער דופט פון ־י בלו־ מען האָט זיך אריינגעריסען אין איוועטאַ׳ס צימער. א ווײַלע האָט זי זיך געקוויקט מיט דעם.

אויפ׳ן דונקעלען הימעל האָט זיך בעוויזען דאָס ערשטע פּער־ טעל פון דער לבנה, איבער וועלכער עס זיינען אַפּט דורכגעלאָפען לייכטע וואָלקענדלעך.

איוועטאַ האָט געטראַכט:

— און איך וועל באַלד שטאַרבען!

און איהר הארץ איז צוריסען געוואָרען פאַר שלוכצען. אין דעם דאָזיגען אויגענבליק האָט זי אזוי געגאַרט. אז אימיצער זאָל אויף איהר רחמנות האָבען. זאָל זי ראַטעווען. זאָל זי ניט לאָזען שטאַרבען. זאָל זי ליעבען.

פון אונטען האָט זיך ווידער דערהערט סערוויני׳ס שטימע. ער האָט ־ רצעהלט עפּעס א שמוציגען אנעקדאָט און יעדע ווײַלע האָט מען איהם אונטערבראָכען מיט א שטאַרקען געלעכטער. די מאַרקיזע איז, ווייזט אויס, געווען נאָך פרעהליכער פון אַלעמען, האָט געלאַכט העכער ווי אַלע און געשריען:

— נור סערוויני קען דערצעהלען אזעלכע זאַכען! כאַ! כאַ! כאַ!

איוועטאַ האָט גענומען דאָס פלעשעל, אָפּגעפּראָפּקעט און ארויפגעגאָסען א ביסעל ניפט אויף דער וואַטע. עפּעס א מאָדנער, שטאַרקער און זיסליכער גערוך האָט זיך איבער׳ן גאַנצער צימער פערשפּרייט. זי האָט שנעל צוגעטראָגען די וואַטע צום מויל און איינגעאָטהעמט אין זיך דעם דאָזיגען גערוך, איינגעאָטהעמט אזוי שטאַרק, דאָס זי האָט זיך פערהוסט.

דאַן האָט זי צוגעמאַכט דעם מויל און געצויגען מיט דער נאָז אין זיך דעם דאָזיגען טוידטליכען גערוך, צוגעמאַכט די אויגען און זיך געסטאַרעט צו פערטרייבען אַלע געדאַנקען פונ׳ם קאָפּ, כדי זי זאָל מעהר ניט טראַכטען און מעהר ניט בעוואוסטזיניג זיין.

צוערשט האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אז אין איהר ברוסט ווערט עפּעס גרוימער, פרייער, אז עס ווערט דאָרט לייכט, לייכט, אזוי ו־י די שווערקייט, וואָס האָט איהר געדריקט אויפ׳ן האַר־

צען, וואָלט זיך דאַרט פּלוצים אויפגעהויבען און פערשוואונדען. עפּעס זעהר אנגענעהמעס האָט זיך צוגאָסען אין אלע אָדערען איה־רע, ארייגגעדרונגען אין אלע גליעדער איהרע, ביז צו די שפּיצען פון איהרע פינגער, און זי, ווי פער׳שיכור׳ט, ווי פער׳חלומ׳ט.

זי האָט בעמערקט, ווי די וואטע איז אין גאנצען טרוקען און זי האָט זיך זעהר געוואונדערט, וואָס זי איז נאָך ניט געשטאָרבען.

איהרע געפיהלען האָבען זיך פערשאַרפט, געוואָרען עפּעס עדע־לער, עמפּפינדליכער. איצט האָט זי קלאָר געהערט יעדען וואָרט, וואָס מען האָט גערעדט אויף דער טערראסע. דער פירסט קראַ־וואַלאוו האָט דאָרט דערצעהלט, ווי ער האָט אויף א דועל דער־הרג׳עט אן עסטרייכישען גענעראל.

און פון דער ווייטען, פון די פעלדער, האָט זי געהערט די קלאַנ־גען פון דער נאַכט, דעם בילען פון א הונט, דעם קוואקען פון פרעש און דעם שאָרשקען פון בוימער.

זי האָט ווידער איינגעטונקט די וואטע אין כלאָראָפאָרם און ווידער גענומען איינאָטהעמען אין זיך. א ווייל האָט זי גאָר ניט געפיהלט, דערנאָך האָט זי ווידער ארומגעכאפּט דער פריהערדיגער אנגענעהמער צושטאנד פון פער׳חלום׳טער האלב־שיכרות.

צוויי מאָל האָט זי ארויפגעגאָסען כלאָראָפאָרם אויף דער וואַ־טע און עס דורשטיג איינגעאָטהעמט. איהר האָט זיך אזוי גע־וואָלט, אז די דאָזיגע פיזישע און גייסטיגע בערוהיגונג זאָל שוין קיינמאָל ניט איבערגעריסען ווערען.

איהר האָט זיך אויסגעוויזען, אז זי האָט מעהר קיין ביינער ניט, קיין פלייש, ניט קיין הענד און ניט קיין פיס, אזוי ווי מען וואָלט איהר דאס אלצדינג אפּגעשניטען. נור אזוי ווייך און צאַרט, דאָס זי האָט עס אפילו ניט געפיהלט. דער כלאָראָפאָרם האָט צו־גענומען פון איהר די עמפּפינדליכקייט פון׳ם קערפּער, נור דערפאר האָט ער פערשאַרפט די ארבייט פון איהר מוח און נאָך קיינמאל זאט איוועטא ניט געקענט אזוי לעבעדיג און פריי וועגען אלצדינג דענקען און אזוי קלאָהר זיך אלצדינג פאָרשטעלען.

זי האָט זיך דערמאָנט אָן טויזענדער פערשיעדענע לאַנג־פער־געסענע קלייניגקייטען פון איהרע קינדערשע יאָהרען און פון איה־רע ערשטע יוגענד־יאָהרען, וואָס האָבען איהר א מאָל פערגעניגען פערשאפט. די בעפליגעלטע געדאנקען איהרע זיינען מיט אן אונ־

גוועהנליכער לייכטינקייט געפלויגען פון איין צייט אין די אנדערע, דורכגעלאָפען טויזענדער פאַסירונגען, זיך געגראַבען אין דער פער־גאַנגענהייט און זיך פערלאָרען אין די האָפנונגען און פערלאַנגען פון ־ער צוקונפט, און איוועטא האָט דערביי געפיהלט א גוואַלדיגען, אונפערגלייכליכען פערגעניגען, אי א קערפּערליכען, אי א גייסטיגען.

זי האָט נאָך אַלץ געהערט די שטימען, נור איצט האָט זי שוין ניט מעהר אונטערשיידעט די ווערטער אָדער זי האָט זיי אַנ־דערש פערשטאַנען, ווייל זי האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר פער־טיעפט אין עפּעס א גייע, איהר אונבעקאַנטע, טרוימען־וועלט.

איהר האָט זיך אויסגעוויזען, אז זי שווימט אין א גרויסען שיף דורך א וואונדערבאַרע געגענד, וואָס איז אין גאַנצען בעדעקט מיט בלומען. אויף'ן ברעג זיינען עפּעס מענשען ארומגעלאָפען און אלע האָבען הויך געערדט. דערנאָך איז זי מיט א מאָל אויף'ן ברעג גע־ווען, און סערוויני, אַנגעטהאָן ווי א פּרינץ, איז געקומען און האָט זי אוועקגעפיהרט צו אן אָקסען־קאַמפּף.

די גאַסען זיינען פול געווען מיט מענשען. אַלע האָבען הויך געערדט. זי האָט זיך צוגעהערט צו די דאָזיגע רייד און זיך נאָר ניט געוואונדערט אויף זיי. דאָס זיינען געווען אַלץ בעקאַנטע רייד, אַלץ בעקאַנטע שטימען, ווארים ווי איוועטא איז ניט געווען פער־שיכור'ט, האָט זי נאָך אַלץ געהערט דעם געלעכטער און די גע־שרייען פון איהר מוטער'ס פריינד אויף דער טעראַסע.

דערנאָך האָט זיך אַלצדינג צונויפגעמישט.

און ווען איוועטא איז צו זיך געקומען, האָט זי קוים מיט מאַ־טערניש זיך געקאָנט דערמאָנען אָן דעם, וואָס איז געווען. זי האָט זיך געפיהלט זעהר שוואַך.

הייסט עס, זי איז ווידער ניט געשטאָרבען!

און איהר איז אין דער דאָזיגער מינוט אזוי גוט געווען, איהר איז אזוי געשמאַק געווען די דאָזיגע פיזישע און גייסטיגע רוהיג־קייט, דאָס זי האָט גאָר ניט געהאַט קיין חשק אזוי גיך צו שטאַרבען און איהר האָט זיך שטאַרק געוואָלט, אז דאָס דאָזיגע זיסע פערגעג־סען־זיך זאָל געדויערען אייביג, אייביג.

זי האָט געאָטהעמט לאַנגזאַם און געקוקט אויף די לבנה, וואָס איז געשטאַנען איבער די בוימער, גענען פענסטער. איצט האָט זיך עפּעס איז איהר אליין געענדערט. זי האָט שוין מעהר וועגען קיין

זאך ניט געקענט טראכטען. דער כלאראפארם, וואס האט בערוהיגט איהר נשמה און קערפער, האט אויך איהר ווילען אפגעשוואכט און אפגענומען פון איהר די ענטשלאסענהייט צו שטארבען.

צו וואס שטארבען, ווען מען קען לעבען און גליקליך זיין? זי קען דאך א יד גליקליך זיין. איצט האט זיך איהר אלצדינג אויס־געוויזען פאר מעגליך און לייכט אויסצופיהרען, אלצדינג איז׳ם לע־בען האט זיך איהר אויסגעוויזען שעהן, אנגענעהם, צויבערהאפט. גור אזוי ווי איהר האט זיך פערוואלט וויעדער שוועבען אין דער טרוימען־וועלט, האט זי ארויפגעגאסען אויף דער וואטע נאך עטלי־כע טראפענס פון דעם דאזיגען צויבער־וואסער און עס וויעדער גע־נומען איינאטהעמען, אבער ניט אזוי שטארק ווי פריהער, ווייל זי האט איצט מורא געהאט, זי זאל פון צו טיעף איינאטהעמען ניט שטארבען.....

זי האט געקוקט אויף די לבנה און אין איהר געזעהן א פנים פון א פרוי. איוועטא האט וויעדער אנגעהויבען צו טרוימען אונ־טער דער ווירקונג פון דעם כלאראפארם.

דער פרויען־פנים דארט, אין מיטען הימעל, האט זיך געוויעגט פון איין זייט אויף די אנדערע, דערנאך איז ער שטעהן געבליבען און האט אנגעהויבען צו זינגען מיט א שטימע, וואס איז איוועטא׳ן גוט בעקאנט געווען, דאס ליעד פון ליעבע.

דאס איז געווען די שטימע פון דער מארקיזע, וועלכע איז ווירק־ליך איבערגעגאנגען פון דער טערראסע אין זאל אריין, זיך געזעצט ביי דער פיאנא און אנגעהויבען צו זינגען.

איצט האט זיך איוועטא׳ן אויסגעוויזען, אז פליעגעל זיינען איהר אויסגעוואקסען און זי פליהט אין דער מילדער נאכט־לופט איבער וועלדער און טהאלען, איבער בערג און טייכען, פליהט מיט פערגעניגען, ברייט צולאזט איהרע מעכטיגע פליעגעל, און דער ווינד, וואס טראגט זיך צוזאמען מיט איהר, קושט און האלובעט זי.

זי טראגט זיך אין דער לופט, וואס צערטעלט איהר גאנצען קערפער, טראגט זיך אלץ שנעלער און שנעלער, אז זי האט אפילו קיין צייט ניט אונטען אויף די ערד א קוק צו טהאן. דערנאך איז זי פלוצים געשטאנען אויפ׳ן ברעג פון א גרויסען טייך מיט א וואודע אין דער האנד און האט געפאנגען פיש.

עפעס האט דארט א ציה געטהאן דעם העקעל, און ווען זי האט

ארויסגעצויגען די וואודע פון׳ם טייך, האט זיך נאכגעשלעפט נאך׳ן העקעל א וואונדער־שעהנער שנירעל פערל, אזא, וואס זי האט שוין זייט א לאנגע צייט געוואלט קריגען. איוועטא האט זיך גארניט געוואונדערט אויף אזא מציאה און לוסטיג געשפאסט מיט סערוויני׳ן. עפעס איז ער אויך געווען ביי דעם דאזיגען טייך און האט צוזאמען מט איהר געפאנגען פיש. ער האט ארויסגעשלעפט פונ׳ם טייך א הילצערנעם פערד.

דערנאך איז איוועטא ווידער צו זיך געקומען און זי האט דערהערט ווי די מוטער שרייט צו איהר פון אונטען:

— פערלעש דיין ליכט!

און גלייך נאכדעם האט זיך דערהערט סערוויני׳ס הילכענדיגע און שפאספולע שטימע:

— פערלעשט אייער ליכט, מאמזעל איוועטא!

און די איבריגע האבען אין כאר אונטערגעהאלפען:

— מאמזעל איוועטא, מאמזעל איוועטא, פערלעשט אייער ליכט!

דאס יונגע מיידעל האט ווידער איינגענעצט די וואטע אין בלאראפארם. נור איצט האט זי אזוי מורא געהאט צו שטארבען, דאס זי האט די וואטע געהאלטען ווייט פונ׳ם פנים, כדי זי אליין זאל קענען אטהעמען פרישע לופט. זי האט געוואוסט, אז מען וועט באלד צו איהר ארויפקומען און זי האט געוואלט, אז אינ׳ם צימער זאל זיך פיהלען גיפט. דאן האט זי זיך געלייגט אין א פאזע פון א טויטער און גענומען ווארטען.

— איך בין אונרוהיג — האט זיך ווידער דערהערט דער מארקיזע׳ס שטימע — דאס נאריש קינד איז אזוי אונפארזיכטיג. עס קען זיין, אז זי שלאפט דארט און האט איבערגעלאזט אויפ׳ן טיש א ברענענדיגע ליכט. מען דארף ארויפשיקען צו איהר די דיענסט קלעמענטינע, זי זאל פערלעשען דאס ליכט און צומאכען דאס פענסטער, וואס איז אפען.

און באלד דערנאך האט צו איוועטא׳ן אין צימער אנגעקלאפט די דיענסט און גערופען:

— מארמואזעל, מארמואזעל!

און אזוי ווי איוועטא האט זיך ניט אפגערופען, האט די דיענסט געווארט א ווײלע און דערנאך ווידער אנגעהויבען:

— מאדמואזעל, די מאדאם, די מארקיזע בעט איך צו פער־לעשען דאס ליכט און צומאכען דאס פענסטער.

קלעמענטינע האט נאך א ווײלע געטראכט, דאן האט זי אנגע־הויבען צו קלאפען שטארקער און רופען העכער:

— מאדמואזעל! מאדמואזעל!

און ווידער ניט בעקומענדיג קיין ענטפער, איז די דיענסט ארונטערגעגאנגען צו דער מארקיזע און צו איהר געזאגט:

— מאדמואזעל מוז שלאפען. די טיר איז דארט פארשפארט און איך האב זיך ניט געקענט דערקלאפען.

מאדאם אבבארדי האט ארויסגעמורמעלט:

— אבער מען קען זי דאך ניט לאזען אזוי שלאפען.

דאן האבען זיי אלע אויף סערוויני'ס פארשלאג, זיך פערקלי־בען אונטער'ן פענסטער פון איוועטא'ן און גענומען געוואלדעווען אין כאר:

— היפ! היפ! הורא! מאמזעל איוועטא!

זייערע שטימען האבען אפגעהילכט אין דער דורכזיכטיגער בלויקייט פון דער איינגעשלאפענער לופט אונטער דער לבנה און זיך צוטראגען איבער דער גאנצער אומגעגענד. דערנאך זיינען זיי ביסלעכווייז אנשוויגען געווארען, ווי עס ווערט פערשוויגען די קלא־פעריי פון א באהנצוג פון דער ווייטען.

און ווען איוועטא האט זיך נאך אלץ ניט אפגערופען, האט איהר מוטער געזאגט:

— צי האט זיך דארטען ניט געטראפען עפעס מיט איהר, איך הויב אן אויף אן אמת אונרוהיג צו ווערען.

דאן האט סערוויני אפגעריסען רויטע ראזען און בוטאנען פון דעם גרויסען בוים און האט זיי גענומען ווארפען צו איוועטא'ן אין צימער אריין דורך דאס אפענע פענסטער.

איוועטא האט זיך א צאפעל געטהאן, ווען די ערשטע ראזע איז געפאלען אויף איהר און זי האט שיער ניט א געשריי גע־טהאן. גלייך נאך דער ערשטער איז געקומען א צווייטע, א דריטע און גאנצע הויפענס ראזען האבען באלד בעשאטען איהרע האר, איהר קלייד, די גאנצע פארלאנגע און אפילו דאס בעט אויף יענער זייט צימער איז אויך בעדעקט געווארען אין גאנצען מיט בלומען.

— איוועטא, פאר וואָס רופסטו זיך ניט אָפּ? — האָט די מאַר־קיזע געשריען מיט א פערשטיקטער פון שרעק שטימע.

דאַן האָט סערוויני זיך אָנגערופען:

— דאס איז עפּעס מערקווירדיג. איך וועל גלייך אריינקריכען אהין דורכ׳ן באלקאָן.

נור וואלרעאלי האָט פּראָטעסטירט:

— ניין, ניין, ענטשולדיגט. פאר וואָס גראָד איהר? איך פּראָ־טעסטיר, דען דאָס איז דאָך א גוטע געלעגענהייט, א בעקוועמער מאָמענט פאַר אַ ראַנדעוואו.

און אלע איבריגע, וואָס האָבען געמיינט, אז איוועטא שפּיעלט זיך אזוי מיט זיי, האָבען איהם אונטערשטיצט:

— מיר פּראָטעסטירען, מיר וועלען סערוויני׳ן ניט ערלויבען אריינצוקריכען.

אָבער די מאַרקיזע, וועלכע איז געווען אונרוהיג, האָט גע־זאָגט:

— אָבער אימיצער מוז דאָך א קוק טהאָן, וואָס דאָרט טהוט זיך!

— מיינע הערען, מיר זיינען פערראַטהען! — האָט דער פּירסט אויסגעשריען אין א דראַמאַטישען טאָן — די מאַרקיזע איז פאַר דעם הערצאָג.

— לאָמיר שפּיעלען אין „קאָפּ און אָדלער” און זאָל דער שיק־זאָל אליין בעשליסען, ווער פון אונז זאָל אריינקריכען — האָט וואל־רעאלי פאָרגעלעגט און ארויסגענומען פון קעשענע א פינף פראנק שטיק.

ער האָט אָנגעהויבען צו שפּיעלען מיט׳ן פּירסט.

— קאָפּ! — האָט ער געזאָגט און א וואָרף געטהאָן די מטבע.

נור עס איז אויסגעפאלען אָדלער.

דאַן האָט דער פּירסט געוואָרפען די מטבע און געזאָגט צו סאוואל׳ן:

— קאָפּ צי אָדלער?

— אָדלער! — האָט סאוואל אויסגעשריען.

עס איז אָבער געפאלען קאָפּ.

דער פּירסט האָט זיך אזוי געווענדעט צו אלעמען איינציגווייז, יור אלע האָבען פערשפּיעלט.

— דאכט זיך, אז ער מאכט קונקעל־מונקעל! — האָט סער־וויני אויסגעשריען, נור ער אליין האָט זיין מזל ניט געפּרובט.

דער רוסישער פירסט האָט ארויפגעלייגט די האנד אויפ׳ן האר־צען, אויסגעשטרעקט די מטבע צו סערוויני׳ן און געזאָגט:

— וואַרפט אליין, ליעבער הערצאָג!

סערוויני האָט א געשריי געטהאָן: — אָדלער! — און מיט געלעכטער א וואַרף געטהאָן די מטבע.

עס איז אויסגעפאלען קאָפּ.

דאן האָט ער דעם פירסט אָנגעוויזען אויף די זיילען פונ׳ם באלקאָן און געזאָגט:

— קריכט, פירסט!

נור דער פירסט האָט זיך פון אָרט ניט גערירט און זיך אונ־רוהיג ארומגעקוקט אויף אלע זייטען.

— וואָס זוכט איהר? — האָט וואלרעאלי געפרעגט.

— איך... איך... צי איז דאָ ניטאָ ערגעץ א לייטער?

אלע האָבען זיך הויך צולאכט.

סאוואל איז ארויסגעטראָטען און האָט געזאָגט:

— מיר וועלען אייך העלפען!

און ער האָט איהם א הויד געטהאָן אין דער הויד מיט זיינע מעכטיגע אָרעמס און געזאָגט:

— כאַפּט זיך אָן אָן דעם באלקאָן!

דער פירסט האָט זיך גלייך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענד. סאַוואל האָט איהם אָפּגעלאָזט און ער איז געבליבען הענגען, וואר־פענדיג פערצווייפעלט מיט די פיס אינ׳ם לעדיגען רוים, אזוי ווי ער וואלט געזוכט אז וואָס זיך אָנצושפּארען. דאן איז צו איהם צוגע־שפּרונגען סערוויני און מיט׳ן גאנצען כח איהם א שלעפּ געטהאָן פאַר די פיס; דער אָרעמער פירסט האָט ניט אויסגעהאלטען און איז ווי א שטיין ארונטערגעפאלען אויף דע־בעלווינען, וועלכער איז גע־לאָפען, איהם אונטערצוכאַפּען.

— און ווער וויל איצט? — האָט סערוויני געפרעגט.

קיינער האָט זיך ניט אָנגערופען.

— אנו, בעלווין, זייט דאָך א העלד — האָט סערוויני גע־זאָגט.

— ניין, מיין פריינד, א דאנק, א רחמנות אויף מיינע ביינער!

— און איהר, וואלרעאלי, איהר זייט דאך געווים געוועהנט צו קריכען אויף די ווענד?

— דאס דאזיגע פערגעניגען לאז איך איבער פאר אייך, ליע־בער הערצאג!

—כא! כא! — איך האב עס אבער ערווארטעט! — האט סערוויני זיך צולאכט.

דערנאך האט ער פלוצים א שפרונג געטהאן, זיך אנגעכאפט פאר'ן באלקאן, ווי אן אמת'ער אקראבאט, זיך ארויפגעצויגען און אריבערגעשפרונגען איבער דער באלוסטראדע.

אלע זיינען געבליבען שטעהן מיט אויסגעגלאצטע אויגען און האבען הויך אפלאדירט.

נור אין א ווייל ארום האט זיך סערוויני ווידער בעוויזען אויפ'ן באלקאן מיט א געשריי:

— גיכער, אבער גיכער! איוועטא ליעגט אין חלשות!

די מארקיזע האט א געשריי געטהאן און זיך געלאזט לויפען אויף די טרעפ.

דאס יונגע מיידעל איז געלעגען מיט פערמאכטע אויגען און האט זיך געמאכט כלומר'שט טויט.

די מוטער האט זיך א ווארף געטהאן צו איהר מיט שרעק אין איהר קול:

— וואס איז דאס? וואס איז איהר?

— זי האט זיך פערגיפטעט — האט סערוויני געענטפערט און אויפגעהויבען פון דר'ערד דאס ארונטערגעפאלענע פלעשעלע מיט כלאראפארם.

דערנאך האט ער צוגעלייגט אן אויער צו איוועטא'ס האר־צען און שטיל געזאגט:

—זי לעבט נאך.... מיר וועלען זי ראטעווען.... האט איהר אמאניא?

די דיענסט איז ארומגעלאפען, ווי א משוגענע, און ניט פער־שטאנען, וואס ער וויל.

— וואס ווילט איהר, הערר? וואס זאל איך ברענגען?

— וועלכע ניט איז חלשות־טראפענס.

— גלייך, גלייך!

— און לאָזט די מיר אָפּען, עס זאָל זיין א צוג.

די מאַרקיזע איז געשטאַנען פאר דער טאָכטער אויף די קניע און האָט הויך געשלוכצעט:

— איוועטא, איוועטא, מיין מיידעל, מיין קינד, ענטפער מיר, ענטפער! מיין גאָט, מיין גאָט, וואָס האָט זי געטהאָן!

די צושראָקענע מענער האָבען אויך ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן, זיינען ארומגעלאָפען, געבראַכט וואסער, האַנדטיכער, גלעזער, עסיג....

אימיצער האָט געראַטהען, מען זאָל זי אויסטהאָן. און די מאַרקיזע, וועלכע האָט דעם קאָפּ פערלאָרען, האָט זיך א לאָז געטהאָן אויסצוטהאָן איהר טאָכטער, נור זי האָט ניט געוואוסט, וואָס זי טהוט. די הענד האָבען ביי איהר געציטערט, די פינגער האָבען ניט געפאָלגט און זי האָט געקרעכצט:

—איך קען ניט, איך קען ניט!

די דיענסט האָט געבראַכט פון אַפּטייק א פלעשעלע מיט סאַל־מיאַק־טראָפּענס. סערוויני האָט איינגענעצט זיין טיכעל אין דעם און עס שטייף צוגעדריקט צו איוועטאַ׳ס נאָז.

דאָס יונגע מיידעל האָט עטוואָס א ציה געטהאָן דעם אָטהעם.

— זי אָטהעמט — האָט סערוויני געזאָגט — עס וועט שוין זיין גוט.

און ער האָט מיט דעם סאַלמיאַק אָפּגעוואַשען איוועטאַ׳ס שלייפען, באַקען און האַלז, כדי זי אין גאַנצען אָפּצומינטערען.

דאַן האָט ער געגעבען א צייכען דער דיענסט, זי זאָל פּואַנדער־שנורעווען די קראַנקע, און ווען אויף איוועטאַ׳ן איז געבליבען נור א העמד און א קליידעל, האָט ער זי פּאַרזיכטיג אויפגעהויבען און זי אוועקגעטראָגען צום בעט. ער האָט דערפיהלט דעם דופּט און די וואַרעמקייט פון איהר כמעט נאַקעטען קערפּער... ער האָט אין גאַנ־צען אויפגעציטערט און דער קאָפּ האָט זיך איהם פערדרעהט.

ער האָט זי אוועקגעלעגט איפ׳ן בעט און זי איז געווען שרעקליך בלייך.

— נו, איצט וועט זי שוין צו זיך קומען — האָט ער ארויסגע־רעדט, ווען ער האָט דערהערט, אז זי אָטהעמט גאַנץ רעגעלמעסיג.

בעמערקט, ווי די מענער ארום בעט קוקען מיט גיריגע אויגען אויף די ליגענדע איוועטאַ׳ן, איז סערוויני גאָר אויפגעצונדען גע־

ווארען פאר איפערזוכט און ער האט זיך געווענדעט צו זיי מיט א בעפעהלענדיגען טאן:

— מיינע העררען, אין דעם צימער זיינען צופיעל מענשען, זייט אזוי גוט, לאזט אונז איבער אליין, די מארקיזע, סאוואל׳ען און מיך.

אלע האבען איהם געפאלגט און זיינען פונ׳ם צימער ארויס.

מאדאם אבבארדי האט אנגעכאפט איהר געליעבטען פאר די הענד און פערצווייפעלט געשריען:

— אה, ראטעוועט זי, אה, ראטעוועט זי!

דא האט סערוויני פלוצים בעמערקט דעם בריעף אויפ׳ן טיש. ער האט איהם שנעל א כאפ געטהאן, איבערגעלייענט דעם אדרעס, אלצדינג פערשטאנען און א קלעהר געטהאן: „אפשר איז גלייכער צו בעהאלטען דעם בריעף פון דער מארקיזע?...“ דאן האט ער אויפגעריסען דעם קאנווערט און דורכגעלאפען דעם בריעף מיט די אויגען:

„איך שטארב, כדי נים צו דארפען זיך פערקויפען.

„איוועטא.

„אדיע, ליעבע מאמא, און ענטשולדיג.“

„אה, צום טייפעל!“ — האט ער א טראכט געטהאן און בע־האלטען דעם בריעף אין קעשענע.

דאן איז ער צוגעקומען צום בעט און גלייך איז איהם אינ׳ם קאפ דורכגעלאפען א געדאנק, אז דאס יונגע מיידעל איז שוין אפשר צו זיך געקומען, נור זי שעהמט זיך דאס ארויסצו־ווייזען, האט מורא. מען זאל איהר נים אויספרעגען.

די מארקיזע איז וויעדער געפאלען אויף די קניע נעבען בעט, האט איינגעגראבען דעם פנים אין קאלדרע און פערצווייפעלט גע־וויינט.

— א דאקטאר, א דאקטאר רופט! — האט זי פלוצים גענומען שרייען.

נור סערוויני, וועלכער האט נאר וואס נעהאט עפעס איינ־געראטהען סאוואל׳ען אין אויער, האט זי גענומען טרויסטען:

— זי וועט געזונד ווערען. פאלגט מיך און געהט ארויס אויף א פאר מינוט. איך זאג אייך צו, אז ווען איהר וועט צוריק קומען, וועט איוועטא אייך קושען.

סאוואל האט גענומען די מארקיזע אונטער דער האנד און זי ארויסגעפיהרט פון צימער.

דאן האט סערוויני זיך געזעצט אויפ'ן בעט, אנגענומען איר ווועטא'ן פאר דער האנד און שטיל געזאגט:

— מאמזעל, הערט מיך אויס...

זי האט גאר ניט געענטפערט. עס איז איהר געווען אזוי אנ־גענעהם, אזוי גוט צו ליגען אין דעם דאזיגען ווייכען, ווארעמען בעט, דאס זי וואלט דאס גאנצע לעבען אזוי געלעגען, ניט גערעדט און ניט א ריהר געטהאן זיך. א מאדנע חיות האט זי אין גאנצען בעהערשט. אזא, וואס זי האט נאך ביז אהער קיינמאל ניט געפיהלט.

די מילדע נאכט־לופט האט זיך שטראמענווייז אריינגעגאסען אין איהר צימער און געלאשצעט איהרע שלייפען מיט איהר סאמעט־צארטען אטהעם. דאס איז געווען א מערקווירדיגע צערטליכקייט, ווי א בערוישענדער קוש, אדער ווי א פריש הויכען פון עפעס א צויבערהאפטען פעבער, וואס איז אויסגעפלאכטען געווען פון אלע בלעטער, פון נאכט־שאטענס, פון טייך נעבלען און פון בלומען, די ראזען, וואס זיינען געווען איבער'ן גאנצען צימער צוואווארפען, און די פרישע ראזען, וואס האבען צוגעמישט זייער זיסען ארמאט צו דער דאזיגער געזונדער, ריינער נאכט־לופט.

איוועטא האט זי געטרונקען מיט א פולער מאס, ניט עפענענדיג די אויגען. זי איז נאך טהיילווייז אלץ געווען אונטער דעם איינ־פלוס פון דעם כלאראפארם. נור איצט האט זיך איהר אזוי געוואלט לעבען, אזוי ליידענשאפטליך געוואלט לעבען, גליקליך זיין, עס מאכט ניט אויס, ווי אזוי, ליעבען און געליעבט זיין.

— מאמזעל איוועטא, הערט מיך אויס! — האט סערוויני ווידער געזאגט.

און זי האט בעשלאסען די אויגען צו עפענען.

און דערזעהן, אז זי האט אפגעלעבט, האט ער אויסגעשריען:

— אוי, אוי, אוי, ווי שעהמט איהר זיך ניט צו טהאן אזא נארישקייט?

זי האט ארויסגעמורמעלט:

— ליעבער מוסקאד, איך בין געווען אזוי אונגליקליך!

ער האט איהר א דריק געטהאן די האנד.

— און אזוי וואלט איהר דען גליקליך געווען? איהר מוזט מיר

צוזאָגען, אז מעהר וועט איהר אזא נארישקייט ניט טהאָן.

איוועטא האָט ניט געענטפערט, נור א מאַך געטהאָן מיט'ן קאָפּ אויף יא און א ביסעלע א שמייכעל געטהאָן.

סערוויני האָט ארויסגענומען פון קעשענע דעם בריעף, וואָס ער האָט געפונען אויפ'ן טיש, און געפרעגט:

— זאָל איך איהם אָפּגעבען אייער מוטער?

זי האָט א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ: „ניין."

סערוויני האָט ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל ווייטער זאָגען. די לאַגע האָט זיך איהם אויסגעוויזען זעהר א שווערע. דאָך האָט ער געזאָגט:

— ליעבעס קינד, יעדער האָט זיך זיין שווערען פּעקעל אין לעבען. איך פערשטעה אייך גאַנץ גוט און איך פערשפּרעך אייך...

— איהר זייט אזא גוטער — האָט זי ארויסגעמורמעלט.

זיי זיינען שטיל געבליבען. ער האָט געקוקט איהר אין די אויגען. אין זיי האָט א שיין געטהאָן עפּעס צארטעס, ווארעמעס. און פּלוצים האָט זי אויפגעהויבען איהרע ביידע הענד, ווי זי וואָלט געוואָלט איהם צו זיך צוציהען. ער האָט דערפיהלט, אז זי רופט איהם, האָט ער זיך איינגעבויגען און זייערע ליפּען האָבען זיך פעראייניגט.

זיי האָבען זיך לאַנג ניט געקענט אפּרייסען איינס פון'ם צווייטען און זיינען אזוי ווי פערגליווערט געוואָרען אין דעם דאָזיגען קוש, ביידע מיט פארמאַכטע אויגען. סערוויני איז דער ערשטער צו זיך געקומען. ער האָט פארשטאַנען, אז ער קען זיך פארגעסען, פארלירען, און איז אויפגעשטאַנען.

איצט האָט איוועטא געשמייכעלט צו איהם מיט א שמייכעל פון ליעבע און צערטליכקייט. מיט ביידע הענד האָט זי איהם אָנגעבאַפּט פאר'ן אַקסעל און איהם געזוכט צו פערהאַלטען.

— איך וועל ארייגרופען אייער מוטער — האָט ער געזאָגט.

— נאָך איין אויגענבליק — האָט זי געפּליסטערט — מיר איז אַזוי גוט.

דערנאָך האָט זי צוגעליינט גאַנץ שטיל, אזוי שטיל, דאָס ער האָט קוים דערהערט:

— איהר וועט דאָך מיך ליעבען, יא?

סערוויני האט זיך געשטעלט פאר איהר אויף די קניע, צארט איהר האנד א קוש געטהאן און ארויסגעמורמעלט:

— איך פערגעטער אייך!

נור הינטער דער טיר האבען זיך דערהערט אימיצענס טריט. סערוויני איז אויפגעשפרונגען און אויסגערופען מיט זיין געוועהנלי־כער שטימע, וועלכע האט איצט געקלונגען א ביסעלע שפאטיש:

— קומט אריין. איצט איז שוין אלצדינג אין ארדנונג.

די מארקיזע האט זיך אווארף געטהאן צו איהר טאכטער מיט צפענע ארעמס, זי צוגעדריקט צו זיך ליידענשאפטליך און זי בע־נעצט מיט טרערען. און סערוויני, אין גאנצען אויפגערעגט, איז ארויסגעגאנגען אויפ׳ן באלקאן צו אטהעמען די פרישע נאכט־לופט, און ער האט זיך שטיל אונטערגעזונגען אונטער דער נאז אן אלטען קופלעט:

„לייכטזיניג זיינען די פרויען,
דאך א נאר ועעם זיי געטרויען.“

ענדע.